STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01289

LITERARISHE FIGURN

M. Lax

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Carol W. Slater
in memory of
Hal Slater

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה לאקס

ליטעראַרישע פיגורן

WITHDRAWN FOR USE IN CITY AND
WELFARE INSTITUTIONS ONLY.
NOT TO BE BOUGHT OR SOLD.

קאָפּערטע : איליע גאָרגע

משה לאקס

ליטעראַרישע פיגורן

פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור
בוקאַרעשט 1969

יעקב פסאנטיר

דער ערשטער כראָניקער פון די רומענישע יידן

(1820—1902)

עס האָט זיך אויסגעלעבט די אָרן אין דער מאָלדאָווע, אין נאָכדעם אין דער וואָלעכיי. א ייד, וואָס האָט געהייסן יעקב פסאנטיר.

דער נאָמען קלינגט אָפּ פרעמד, איצטער ביי אונדז, אָבער ווי ענג פארקניפּט און פארבונדן, איז אָט דער דאָזיקער נאָמען, מיט די יידן פון רומעניע.

איז דאָך, יעקב פסאנטיר, געווען דער ערשטער היסטאָריאָגראף פון די רומענישע יידן. האָט ער דאָך דער ערשטער, צעאקערט, דעם ביז אים נאָך פארשטייגערטן באָדן פון יידישער געשיכטע, אין רומעניע. אין אפילו איצטער, אין אונדזער צייט, ווען ס'זענען שוין פאראן נייע מאטעריאלן, צו יענער צייט נאָך אומבאקאנטע, מוזן די נייע פאָרשער פון יידישער געשיכטע אין רומעניע, דערמאנען דעם נאָמען יעקב פסאנטיר. און אפילו ווען זיי מאכן אים אוועק מיט דער האנט, מוזן זיי דאָך ציטירן פון זיינע ווערק, דערמאנענדיק אָדער ניט, זיין נאָמען. אָנגעבנדיק, אָדער ניט, די קוואלן פון וואנען זיי האָבן געשעפּט.

דערפאר גלויב איך, אז ס'איז כדאי אויפצופרישן אין זכרון, און באקאנט מאכן דעם איצטיקן דור, מיט דער פאר אונדז גאָר אינטערעסאנטער פערזענלעכקייט וואָס האָט געהייסן יעקב פסאנטיר.

יעקב פסאנטיר איז געבוירן אין באָטאָשאן, דעם ערשטן טאָג שבועות. תק"ף, דעם 19 מיי 1820. זיין פאָטער אָשר זעליג, איז געווען צו יענער צייט, א געבילדעטער מענטש, און האָט געקענט מערערע לשונות. גאָר א לאנגע צייט, איז ער געווען דראגאָמאן, דאָס הייסט א דאָלמעטשער, ביי דעם פראנצויזישן קאָנסול אין יאס, און דערפאר האָט מען אים גערופן זעליג פראנצויז.

לויט ווי יעקב פסאנטיר דערציילט, פלעגט זיך זיין פאָטער, אויך אָפּגעבן, מיט יידישע כלל־אינטערעסן, און א סך מאָל, איז אים אויסגעקומען, זיך משתדל צו זיין, ביי די קאָנסולאטן כדי צו אינטערווענירן, וועגן פארשידענע יידישע ענינים.

אזוי דערציילט פסאנטיר, אז אין יאָר 1803 האָט זיין פאָטער, פיל מאָל אינטערווענירט, ביי דער רומענישער רעגירונג, מען זאָל פארברענען די ביכער, וואָס א געוויסער משומד מיטן נאָמען נח מלמד, האָט אָנגעשריבן קעגן יידן. און פון וועלכן די רומענישע יידן האָבן געהאט א סך צו ליידן.

אין יאָר 1831, איז פסאנטירס פאָטער געשטאָרבן פון דער שרעקלעכער מגפה, די כאָלערע, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן, און געבושעוועט אין גאנצן לאנד. די פאמיליע האָט זיך איבערגעצויגן קיין יאס, דעם קליינעם יעקבן, האָט די מוטער, אריינגעגעבן לערנען, אין דער דאָרטיקער תלמוד־תורה, און אליין, האָט ער זיך אויסגעלערנט העברעיש און רומעניש.

נאָך אלס קינד, האָט פסאנטיר ארויסגעוויזן מוזיקאלישע פעיקייטן. ער האָט זיך אויסגעלערנט שפילן אויף א צימבל, און האָט אויף דעם דאָזיקן אינסטרומענט, געשפילט מיט גרויס טאלענט. ווען ער איז עלטער געוואָרן, איז דאָס שפילן אויפן צימבל, געוואָרן זיין פרנסה, און ער האָט מיט זיין שפילן גוט פארדינט. לויט ער דערציילט, האָט ער זיך דעמלט אויסגעקליבן דעם נאָמען פסאנטיר. „ווייל א צימבל הייסט אויף העברעיש פסנתר".

מיט א צייט שפעטער, האָט ער צוזאמענגעשטעלט א קאפעליע קלעזמער פון ציגיינער — דעמלט די מייסטע מוזיקאנטן אין לאנד — ער איז געוואָרן זייער אָנפירער, און האָט ארומגעוואנדערט מיט דער דאָזיקער קאפעליע, איבער גאנץ רומעניע, און אויך אין אנדערע לענדער פונעם באלקאן, ווי טערקיי, גריכנלאנד, אויפטרעטנדיק אויף פויערישע חתונות, שמחות און הוליאנקעס, וואָס עס פלעגן מאכן די דעמלטיקע באָיארן און אדעל־לייט.

ביז גאָר אינטערעסאנט, איז פאר אונדז, וואָס פסאנטיר דערציילט וועגן זיך אליין, פון יענער צייט, אין זיין „ספר הזכרונות": „איך האָב געלעבט איניקע אין דרייסיק יאָר, צווישן ציגיינער מוזיקאנטן. די ווארן דאמאלס אייביקע שקלאוון, ביי די באָיארן. איך בין געצוואונגען געווען, מיין מלאָכה מיט זיי צו פיהרען, דאמיט איך זאָל קענען, מיין ווייב

און קינדער, אויף איין אָרנטליכן וועג ערנעהרן. אָבער כאָטש איך האָב געלעבט צווישן אזעלכע נאציאָנען, האָב איך דאָך נישט פארלוירן די הייסע ליעבע, וואָס איך האָב געטראָגן אויף מיינע ברידער. איך האָב אויף מעהרערע ערטער, מקדש־השם געווען. און צווישן די גרעסטע געלערנטע, די ניט יודען ווו מיר זענען געווען, האָב איך פארטיידיקט אונדזער גלויבן, און פארהייליקט אונדזער תורה, ווייל יעדער אות איז ביי מיר געווען טייערער, פון אבנים טובות, און גראדע דערפאר, האָב איך מער ערע געהאט ביי די אומות העולם, און ווייל איך האָב מיט די גאָבעלסטע מוזיקאנטן מיטגעארבעט, האָב איך געהאט די ערע, אונטער דער גרעסטער געזעלשאפט צו קומען, און זייערע דיסקוציאָנען אויסצוהערן. און דארום, ווייל מען האָט מיינע ברידער, אין זייערע דיסקוציאָנען, טיטולירט, מיט דעם שענדליכן נאָמען „סטרעאין*, וואגאבאָנד“, האָט מיך זייער געערגערט, און מיין לעבן פארביטערט“.

„שפעטער אין די יאָרן 1856—57, ווען די פריצישע ציגיינער, זענען באפרייט געוואָרן, פון זייער שקלאפעריי, און זענען הייסע רומענער געוואָרן, און כדי מיך צו ערגערן, און מיר מיין לעבן צו פארביטערן, פלעגן זיי מיר זאָגן, דאָס איין יוד, האָט גאָר איין פיזיאָגנאָמיע פון איין מענטשן, אָבער קיין מענטש איז ער ניט. דער יוד איז נאָר ווי איין אף אקעגן א מענטש. — די אנטיסעמיטישע דיסקוציאָנען, האָבן אין מיינען הערצן, געברענט ווי איין העליש פייער, און איך האָב באַשלאָסן, איינע ריזיגע ארבייט צו אונטערנעהמען, און דאָקומענטע צו זאמלען, דאמיט איך זאָל קענען, איינע געשיכטע דער יודן אין רומע־ניען צו שרייבן“.

אָבער ניט אזוי גרינג איז פסאנטירן אָנגעקומען, צו פארווירקלעכן זיין דורכגעטראכטן פלאן. ניט האָבנדיק קיין מעצענאטן וואָס זאָלן אים העלפן אין זיין שווערער ארבעט, און ניט באקומענדיק קיין שום שטיצע פון קיינעם, האָט ער אליין אויף זיך גענומען, די ארבעט דורכצופירן. אין אָט וויאזוי, ער אליין שילדערט אונדז, די שוועריקייטן וועלכע זענען אים אין וועג געשטאנען: „איך האָב די איניציאטיוו מיט שווערער מיה און מארטער, צוזאמען געבראכט. איך האָב געמוזט מיין פרנסה שטע־רען, און מיין הויזגעזינט פארלאָזן אין דער שטאָט בוקארעשט, און אויף דעם לאנד ארום רייזן. פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט,

* סטרעאין — פרעמדער.

איך האָב מיט מיינע פינגער אויסגעגראָבן אַלטע מצבות, און דאָס וויכטיקסטע אָבקאָפּירט, און אין מיינע ביכער געשריבן. יאָהרען וואָס איך בין נע־ונד געווען פון מיין היימאַט, ווי איך האָב געטאָגט, האָב איך נישט גענעכטיגט, זומער אין די גרויסע היצן, און ווינטער אין די גרעסטע קעלטן, האָב איך ניט גערוהט, און בין אַרומגעקראָכן אין אַלע לענער, איך האָב קיין רחמנות געהאַט, אויף מיין לעבן און אויף מיין הויזגעזינד"...

פּסאַנטירס מאַטעריעלע לאַגע, איז געווען זייער אַ געדריקטע. ניט האָבנדיק קיין געלט, האָט ער געמוזט אין יעדער שטאָט און שטעטל, זאַמלען „פּרענומעראַנטן" פאַר זיינע ווערק, כדי ער זאָל האָבן אויף רייזע־הוצאות, און אויך די מעגלעכקייט אָפּצודרוקן זיינע ווערק.

אויף ווי ווייט די דאָזיקע זאַמלונגען, זענען אים געלונגען, קענען מיר זען, פון דער רשימה פון די „שמות הפּרינומעראַנטן" וואָס ער האָט צוגעגעבן צו דער הקדמה פון זיין ווערק „דברי הימים", ערשטער באַנד, וואָס מיר ציטירן דאָ: „בוקאַרעשט 23 פּרענומעראַנטן, וועלכע האָבן באַצאָלט 4 פראַנק (לעי) אַ עקזעמפּלאַר, פּלאָיעשט 8 פּרענומעראַנטן, באַזוי 6, רימניק־סאַראַט 5, פאָקשאַן 16, בראילא 2, גאַלאַץ 13, בערלאַד 16, יאַס 19. באָטאָשאַן פיר דער אַליאַנץ איזראַעליטע 6, ראָמאַן 3, מוינעשט 1, באַקוי 4.

פון די דאָזיקע סומען, האָט ער נאָך באַ־אַרפט אויסהאַלטן זיין פאַמיליע אין בוקאַרעשט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיין אַרבעט, האָט דערפון זייער אַ סך געליטן. ניט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט, צו באַזוכן עפּעס אַ שטאָט אָדער אַ שטעטל, ניט האָבנדיק די נויטיקע פאָר ליי, אויף די הוצאות, און צומאָל, האָט ער געמוזט בלייבן זיצן אין אַ שטעטל, אַ שטיקל צייט, ביז עס איז אים געלונגען, זיך צו פאַרשאַפן די נויטיקע סומע, אויף אַוועקצופאָרן. אַזוי למשל, שרייבנדיק, אין זיין ספר „דברי־הימים" וועגן דעם שטעטל טירגו־אָקנאַ, מיט דעם אַלטן בית־הקברות, דערציילט ער אונדז פאָלגענדעס: „ווער דאָס בית הקברות איז, און פון ווען דאָס איז, און אויב ס'איז דאָ אַלטע שטיינער דאַרויף, ווייס איך ניט, ווייל אין מיין רייזע, וואָס איך האָב יעצט געמאַכט, אין יאָר תרכ"ט ביז תרל"ב (1869—72) בין איך דאָרט ניט געווען, ווייל די הוצאות, האָט מיר ניט געטראָגן, אַז איך זאָל אַריינפאָרן קיין אָקנע. די וועלט איז געשטאַנען פון ווייטן,

אונזערע ברידער, האָבן מיר ניט געוואָלט העלפן דערצו, איך בין געשטאַנען פיר ביז פינף וואָכן אין איין שטאָרט, ביז איך האָב געמאַכט פיר ביז פינף אבאָנענטן. דאָס קען יעדער מענש זעהן, אין דער ליסטע פון די אבאָנענטן, פון יעדער שטאָט, ווי פיעל איך האָב געמאַכט. אין אין מעהרערע אלטע שטעט פון דער מאָלדאָווע, בין איך ניט געוועזן דערפאר".

אָט מיט וואָס פאר א מיטלען, אין ביי וואָס פארא אומשטענדן, האָט פסאנטיר — ציענדיק זיין פרנסה, פון שפילן אויפן צימבל — צונויפגעזאמלט א רייכן מאטעריאל, פון היסטאָרישע ביכער, אין דער רומענישער שפּראַך, פון פארשיידענע שאלות-ותשובות, ארויסגענומען פון אלטע רבנישע ספרים, פון מינדלעכע זכרונות פון זקנים, פון אלטע מצבות, און האָט אָנגעשריבן אין יידיש, די געשיכטע פון די יידן אין רומעניע.

דער ערשטער באנד הייסט: „ספר לדברי הימים לארצות רומעניען", און איז דערשינען, אין יאָר 1871, געדרוקט אין יאסי „ברפוס ה. גאָלדנער", און האָט 224 זייטן. דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן באנד, גיט אונדז איבער דער מחבר אויפן שער-בלאט, בזה הלשון: „אין דעם ספר „דברי הימים" שטעהט, ווי די לענדער דאטשיא (רומעניע) זענען גיוועזן באוואהנט, מיט זעקס הונדערט יאָר, פאר דער נוצרי, און ווי יודן האָבן זיך באזעסין, אין די לענדער דאטשיא, כדי אז יעדער מענש, וואָס וועט ליינען דעם ספר, זאָל ער וויסן, וויא איין יערעס אָרט ליגט".

דער צווייטער באַנד פון דעם ווערק, הייסט „קורות היהודים ברומעניע" דערשינען אין לעמבערג, אין יאָר 1873, דאָס הייסט מיט צוויי יאָר שפעטער, פון דעם ערשטן באנד. דער דאָזיקער באנד, אנטהאלט, די געשיכטע פון די רומענישע יידן, „זינט דעם קעניג, שטעפאן דער זעקסטער, ביז דער הערשאפט קארל דער ערשטער". דאָס הייסט ביז דער צייט פון דעם דערשיינען פונעם בוך.

דאָס דאָזיקע ווערק, איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש, אין א פארקורצטער פאָרם, פון אדאָלף מאַרעל וויטצענבערג, אונטער דעם טיטל „מזכרת-ציון" בוקארעשט 1877 און האָט 37 זייטן. וועגן דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער בראָשור. און וועגן איר פּאָליטישער באדייטונג, וועלן מיר ווייטער דערמאַנען.

פּסאַנטירם מאַטעריעלער מצב, איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. עלטער ווערנדיק, האָט ער פאַרלוירן זיינע כוחות. ער האָט שוין ניט געקענט ארום פאָרן, מיט דער קאַפּעליע ציגיינער, און שפּילן אויף זיין געליבטן אינסטרומענט דעם צימבל. אויך, האָט זיך אים געוואָלט פאַר־בלייבן אויף שטענדיק, ווינען, אין א יידישער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט די לעצטע יאָרן, זייט ער האָט אָנגעהויבן זיין פאָרשונגס־ארבעט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער מאָלדאָווע.

נאָך שווערער מי, איז ער אין יאָר 1874 אויפגענומען געוואָרן אין דעם פאריין „ציון" וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט פּיישאָטאָ דער אמעריקאַנער קאָנסול אין בוקארעשט, דר. אדאָלף שטערן, זיין ברודער לעאָפּאָלד שטערן, און דר. ראָזענטאל. דער דאָזיקער פאריין האָט פּסאַנטירן גע־שטיצט א געוויסע צייט.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט ער פאַרבראַכט אין דעם בוקאַ־רעשטער „מושב זקנים". אָבער דאָס איז א באַזונדער קאַפּיטל פון פּסאַנטירס לעבן, אויף וועלכן מיר וועלן זיך א ביסל מער אָפּשטעלן.

אין יאָר 1877, איז דער דאָזיקער „מושב זקנים" געגרינדעט גע־וואָרן. און איינער פון די גרינדער איז אויך געווען פּסאַנטיר. יאָרן לאַנג, האָט ער אָפּגעגעבן זיין טעטיקייט, דעם דאָזיקן אנשטאַלט, און א צייט לאַנג איז ער אפילו אליין געגאַנגען, אויפמאָנען דאָס חודש־געלט, וואָס די מיטגלידער, האָבן זיך מתחיב געווען צו צאָלן. אליין פלעג ער אויך גיין, פון איין קהלס מאַן צום צווייטן, זיי צו רופן אויף די זיצונגען. און דאָס אַלץ האָט ער געטון, לטובת הכלל, ניט באַקומענדיק דערפאַר קיין שום געצאָלט.

אָבער מיט א צייט שפּעטער. האָבן די קהלס לייט, ניט געוואָלט אָנערקענען זיינע פאַרדינסטן, פאַר דעם אזיל, און האָבן אפילו אָפּגע־לייקנט זיין אָנטיילנעמען, אין דער גרינדונג פון דעם אזיל. די דאָזיקע קהלס לייט, זענען עס געווען, די אַמאָליקע יידישע פילאַנטראָפּן, פון דעם מין בעל־טובהניקעס, און רעדל־פירער, וועלכע אונדזער געניאַ־לער מייסטער, מענדעלע מוכר ספרים, האָט פאַראייביקט אין זיינע ווערק.

די דאָזיקע זאַטע כלל־טוערס, איז אפּנים ניט אָנגעשטאַנען, אז אויף דעם מאַרמאָרענעם טאָוול, אויף דער וואַנט פונעם אזיל, און אויף דעם פּאַרמעט וואָס איז אריינגעלייגט געוואָרן אין דער ערד, ביים לייגן דעם ערשטן שטיין, זאָל זייער נאָמען זיין אויסגעקריצט לעבן דעם נאָמען פון אָט אָ דעם שלעפּער, דעם קבצן, דעם צימבל־שפּילער, וואָס

האָט זיך איינגערעדט עפּעס א מאנקאָליע אין קאָפּ, צונויפגעזאמלט מאטעריאלן, און אָנגעשריבן אין „זשארגאָן" א געשיכטע פון יידן אין רומעניע.

זיי האָבן ניט פארשטאנען, אז דער אין דער ערד איינגעגראָבענער פארמעגט וועט מיט דער צייט פארפוילט ווערן, דער מארמאָר־טאָוול פון דער וואנט, וועט אָפּגעמעקט ווערן, זייערע נעמען וועלן פארגעסן ווערן, און דוקא דער דאָזיקער נאָמען, יעקב פּסאנטיר, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געשעמט, וועט דערמאנט ווערן, זיינע ווערק, וועלן דינען אלס פאָרשונגס־מאטעריאל, פאר די שפּעטערע היסטאָריקער, און זיין זכר, וועט פארבלייבן פאר די קומענדיקע דורות.

אָבער דער באליידיקטער פּסאנטיר, האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, ער האָט געפירט א קאמף קעגן זיי, מיט אלע מיטלען, וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט אויסגעדרוקט זיין פּראָטעסט ביי אלע פארזאמלונגען. ער איז ארויסגעטרעטן עפנטלעך מיט א סעריע ארטיקלען, אין דער דעמאָלטיקער יידיש־רומענישער פּרעסע און אין יאָר 1890, ווען פּסאנטיר איז אלט געוואָרן 70 יאָר, האָט ער ארויסגעגעבן אין בוקארעשט א בוך, אונטער דעם טיטל „ספר הזכרונות" מיט א הקדמה פון 20 זייטן און טעקסט 208 זייטן. דער דאָזיקער בוך פארדינט, מיר זאָלן זיך ווענן אים א ביסל מער אָפּשטעלן. קודם־כל, פּראָטעסטירט פּסאנטיר אין דעם בוך, קעגן די עוולות, וואָס זענען לגבי אים, באגאנגען געוואָרן. ער טענהט זיך אויס, מיט זיינע קעגנער, און פרעגט היתכן? ווו איז יושר? ער ווייזט איבער, מיט אותות און מופתים, אז ער איז אומזיסט באעוולט געוואָרן, און איז באמת געווען, איינער פון די ערשטע גרינדער פונעם אזיל. אזוי ווי עס זאָגט עדות דער פּסק־דין, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן, פון א קאָמיסיע, בראש מיטן ד״ר. מ. בעק, דער צו יענער צייט, ראבינער און פּרעדיגער אין כאָר־טעמפּל וועלכער האָט אויסגעפאָרשט דעם ענין.

דער אינהאלט פון דעם דאָזיקן „ספר הזכרונות", איז אָנגעוויזן אויפן שער־בלאט, בזה הלשון: „ספר הזכרונות אָדער ביאָגראפישע באשרייבונג פון די אלטע לייט. וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן, אין בוקארעשטער אזיל „בתי מחסה לזקנים", פאָם יאהרע 1880, ביז ענדע דעם יאהרעס 1890, אויך די גרינדונג, אונד פערוואלטונג דער אזילס, מיט דייטליכע אונד גרונדליכע דאָקומענטע, אויך פּראָצעסע־ווערבאלע, דאָ ווערט אויך פאָרגעשטעלט, איין יעדער אלטער מאן מיט

זיין נעקראָלאָג, אויף וואָס פאַר א קרענק ער איז געשטאָרבן, ווי אויך ביאָגראַפישע ערצעהלונגען, פון די זקנים וזקנות, וואָס זיי לעבן יעצט אין אזיל. און דאָ קומט אויך פאָר, וויכטיגע סטודיען, פון שאלות ותשובות, איבער מיתת אסכרה, און מיתת נשיקה פון גדולי הדור, דר. ראבינאָוויטש פאריז, דר. קארפעל ליפּפּע יאססי, הלל כהנא באָ־טאָשאן, מתתיהו ראבינער, פאָלטיטשעני, רב שור, בוקארעשט, רב כתבן, רימניק־סאראט, חיים ביזשאראנו, בוקארעשט און מ. ברוינ־שטיין יאסי".

אין דעם דאָזיקן ווערק געפונען מיר א סך אינטערעסאנטע שטעלן, וואָס האָבן א ווערט, פאַר פּסאַנטירס ביאָגראפיע בכלל, און אויך פאַר דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע בפרט. דער שער־בלאט פונעם „ספר הזכרונות" מיט דעם נאָר וואָס דערמאנטן אינהאלט, ענדיקט זיך בזה הלשון: „מאת יעקב פסנתר, בעל המחבר דברי הימים וקורות היהודים לארצות רומעניע, און נאָך אנדערע ספרים. "אונדז איז אָבער נאָר באקאנט נאָך איין ווערק פסאַנטירס, אָנגעשריבן אין רומע־נישער שפּראַך, אונטער דעם טיטל „Fermecătorul" (דער כשוף־מאַכער) ארויסגעגעבן אין קראיאָוואַ, אין יאָר 1876 אין א קליינעם פאָרמאט, אוז אנטהאלט 118 זייטן מיט א הקדמה, אָנגעשריבן פון דעם בארימטן געלערנטן פאָרשער און פאָלקלאָריסט דר. גאסטער, וועלכער שרייבט: „אָט דאָס ביכלע — וואָס דער אויטאָר דערפון, איז אליין א פאָלקס־מענטש — האָט דעם צוועק צו פארניכטן דעם גלויבן אין כשוף. דאָס ביכלע פרעטענדירט נישט צו זיין, א ווינסשאפטלעך ווערק, ווייל אלס אזעלכעס, וואָלט עס נישט געווירקט אויף די מאסן. נאָר ס'איז דערין פאראן, א גאנצע ריי ארגומענטן, גענומענע פונעם פאָלק, צו וועלכע דער מחבר, האָט אויך צוגעגעבן א סך פון זיין אייגענער עקספעריענץ".

פסאַנטיר זאָל נאָך האָבן אָנגעשריבן א ווערק, וועגן דער רעליגיעזער טאָלעראנץ אין דער מאָלדאָווע, אָבער דאָס איז ניט פארעפנטלעכט געוואָרן, און דער כתב־יד זאָל זיך געפונען, אינעם ארכיוו פון ד"ר גאסטער אין לאָנדאָן.

דאָס איז אין קורצן, די ביאָגראפיע פון יעקב פסאַנטיר.

פאַר מיר ליגן זיינע ווערק, אלע אָנגעשריבן אין יידיש, און איך קען מיך פשוט נישט גענוג אָפּוווּנדערן, וואָס פאַר א אינטערעסאנטע

פאָלקסטימלעכע פערזענלעכקייט, פסאנטיר איז געווען, און וואָס פארא חוש פאר געשיכטע, האָט דער דאָזיקער פאָלקס-מענטש געהאט.

האָט ער דאָך געלעבט אין א צייט, ווען די „השכלה־עפּאָכע", איז געווען אין פולער בליונג. האָבן דאָך די דאָזיקע משכילים-אויפקלערער, כמעט אלע מיט א קליינעם אויסנאם, געשריבן זייערע ווערק אין העברעאיש, אָדער אין דער לאנד־שפּראך. און זיי זענען דאָך געווען די גרעסטע קעגנער פון יידיש, און קיין אנדערן נאָמען ווי „זשארגאָן", האָט ביי זיי די דאָזיקע שפּראך ניט געהאט. האָט דאָך פסאנטיר אויך געקענט אָנשרייבן זיינע ווערק אָדער זיי לאָזן איבערזעצן אין העברעאיש. ווייל דאָס, וואָס א טייל איצטיקע פאָרשער באהויפּטן, אז פסאנטיר האָט ניט געקענט קיין העברעאיש, און אז די העברעאישע שטעלן, פון זיינע ווערק האָבן אנדערע געשריבן, איז בלויז א השערה, אָן א שום באגרינדונג. אז ער האָט געקענט שרייבן העברעאיש, זעען מיר, פון דעם העברעאישן שיר אין אקראָסטיך, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער הקדמה, צו זיין ערשטן באנד „דברי הימים לארצות רומעניע". און פון איניקע שירים און נעקראָלאָגן, וואָס געפונען זיך אין זיין „ספר הזכרונות".

האָט דאָך אין יאָר 1879 דער באקאנטער שריפטשטעלער, דער פּיאָנער פון דער השׂכלה־באוועגונג א. ב. גאָטלאָבער, געמאכט א נסיעה קיין רומעניע, און זייענדיק אין בוקארעשט, דערציילט ער, אין זיינע זכרונות, אז ער האָט באזוכט פילע יידישע אנשטאלטן, און האָט זיך באקאנט מיט די בוקארעשטער משׂכילים און העברעאיש קענער, בתוכם, אויך מיטן טערקווירדיקן פאָלקס־זינגער יעקב פסאנטיר, וועלכן ער באשרייבט דערנאָך אין א סעריע ארטיקלען, אין דעם העברעאישן זשורנאל „הבוקר אור" פון דעם זעלבן יאָר.

אָבער פסאנטיר האָט ניט געוואָלט זיין א פשוטער מחבר פון ספרים, ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער מיינונג, פון די משׂכילים, פון זיין צייט, און האָט זיינע ווערק אָנגעשריבן אויף פשוטן מאמע-לשון. אויף יידיש, כדי זיינע ווערק זאָלן זיין צוגענגלעך פאר יעדן איינעם, און א יעדער זאָל זיי פארשטיין.

פסאנטיר, האָט אָנגעשריבן זיינע ווערק אין יידיש, ווייל ער האָט געוואָלט ברענגען נוצן זיין פאָלק. דעם פשוטן המון, וועלכער האָט דעמאלט קיין אנדער לשון, ניט פארשטאנען. דאָס איז צו זען, פון דער הקדמה צו זיין „קירות היהודים ברומעניע" ווי ער שרייבט: „אין יאָר

1865 למספרם, האָט גאָט געוועקט מיין הארץ, און איך האָב אָנגע־הויבן צו שרייבן דאָס ספר „קורות היהודים ברומעניע“, כדי אז מיר יידן, וואָס ווינען אין די לענדער רומאניע, זאָלן אויך האָבן איין באַשרייבונג, איין אָנדענק, וואָס מיט אונדז יידן איז פאָרגעגאנגען, אין די לענדער מאָלדאָווע און וואָלעכיי, כדי אז אונדזערע קינדער, זאָלן ניט דארפן זוכן אין פרעמדע ביכער“.

נאָך א מאָטיוו, פארוואָס פסאנטיר האָט געשריבן זיינע ווערק אין יידיש. איז, ווייל ער האָט פשוט ליב געהאט דאָס יידישע לשון, די שפראך פון די יידישע פאָלקס־מאסן, צו וועלכע ער איז געווען צוגע־בונדן, און אָט וואָס פאר א הארציקע שורות, מיר לייענען וועגן דעם אין דער הקדמה צו זיין „ספר הזכרונות“; „איין העליש פייער האָט געברענט אין מיין הארצן, נאָך מיינעם יודנטום, בייגאכט, אז איך פלעג אהיים גיין, פון מיין ארבעט, און איך האָב באגעגענט צוויי יידן געהן רעדן יודיש, בין איך גאָבגעגאנגען אונטער זיי, אין דערפון האָב איך געהאט א גרויס פארגעניגן, אז איך האָב געהערט מיינע ברידער רעדן יידיש“.

אָט אזא מין פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידיש, האָבן אין יענער צייט ניט פארשטאנען צו האָבן, ניט די אסימילירטע יידישע אינטעליגענץ, און ניט טייל אָרטאָדאָקסישע יידן. און ס׳איז כדאי דאָ צו ציטירן, איי־ניקע פערלדיקע שורות פון די אויסטערלישע „הקדמות“, וואָס איניקע משכּילים און רבנים, פסאנטירס פריינט, האָבן אָנגעשריבן צו זיין „קורות היהודים ברומעניע“. איינער פון זיי שרייבט זיך אונטער קורץ און שארף, יעקב חיים הלוי קאָרן מלבוב, מורה ראשון בבית הספר הכּללי ומורה דת בגימנאזיע פה בירת רומעניען, און זאָגט: „ואף כי בשפה אחרת ידבר אל עם הקוראים בלשון זארגאָן ישן, הרצוי לרבים מאחיו ברומעניע, ואָנכי אשר לא אסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו“. ס׳הייסט „כאָטש ער רעדט צו די לייענער אין אן אנדערער שפראך, אין דעם פארעלטערטן זשארגאָן, וועלכער איז באליבט ביי א סך פון זיינע רומענישע ברידער, אָבער איך וועל מיך ניט אָפּשטעלן אויף דער כלי, נאָר אויף דעם וואָס עס איז דערינען פאראן“.

א צווייטער חסבמה־שרייבער, א באקאנטער משׂכּיל, א געוועזענער דירעקטאָר פון דער יידישער שול, אין באָטאָשאן, הלל כהנא, אליין א מחבר פון ספרים, אָבער חלילה ניט אויף יידיש, דאָס פראָסטע פאָלק זאָל זיי לייענען, שרייבט: „ואף כי בשפת עלגים ידבר בו, אשר

תקוץ בה נפש היפה". דאָס הייסט: „כאָטש דער בוך איז אָנגעשריבן, אין א פאַרדאָרבענער שפראַך, א שפראַך, וואָס יעדער שיינגייסט פאַראכטעט זי"...

אָט די זעלבע פיינטלעכע שטעלונג בנוגע צו יידיש, האָבן אויך א טייל רבנים פון יענער צייט. דער באַוווסטער גאַלאַצער רב, משה דוד שאפירא, שרייבט אין זיין הקדמה, צו פסאַנטירם ווערק: „אף כי שמש תבונתו כסו פניה ערפלי שפת נשחתה", דאָס הייסט „כאָטש די נעפלען פון א פאַרדאָרבענער שפראַך, האָבן פאַרטונקלט דאָס ליכט פון זיין פאַרשטאַנד".

א צווייטער רב, און פרעדיגער, אנטאָני לעווי, פון יאַס, שרייבט: „והנה אף כי הספר הזה נכתב בקלקול שפה, ובלשון עלגים, מצאתי בו דברים נפלאים". דאָס הייסט „כאָטש דער דאָזיקער בוך, איז געשריבן געוואָרן אין א שלעכטער שפראַך, און אין א פאַרדאָרבענעם לשון, האָב איך דאָך געפונען אין אים, וואונדערלעכע זאכן".

אָט אזוי האָבן א טייל פון אונדזערע דעמלטיקע רבנים, זיך פאַרהאַלטן מיט בטול, צו אונדזער פאָלקס־שפראַך, כאָטש דער גרעסטער טייל פון זיי, האָבן קיין אנדערע שפראַך, א חוץ יידיש, ניט געקענט, ווייל אפילו העברעאיש האָבן זיי אויך געשריבן מיט גרייזן, ניט קענענדיק קיין תנ"ך און ניט האָבנדיק קיין באַגריף פון גראַמאַטישע רעגלען, ווייל דקדוק איז געווען פאַרבאָטן צו לערנען.

נעמענדיק אין אכט, די דאָזיקע סביבה, אין וועלכער פסאַנטיר האָט געלעבט, ווערט פאַר אונדז נאָך בולטער, זיין פאָלקסטימלעכער חוש, און מיר זעען ערשט, מיט וויפל ער איז געשטאַנען העכער פון זיין דור. ער איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסן פון קיינעם, און געשריבן זיינע ווערק דווקא אויף יידיש.

און ווי באַשיידן איז געווען דער דאָזיקער מענטש. ער האָט ניט געהאַט אין זיך די גאווה, פון די געוויסע מחברים, נאָר ער איז געווען באַוווסטזיניק, אז ער טוט אויף א בעשיידענע אַרבעט, און ברענגט נוצן זיין פאָלק.

פאַרענטפערנדיק זיך, פאַר וואָס ער וואַגט אָנשרייבן זיין ביאָגראַפיע, זאָגט ער: „איך האָב גישט שטודירט קיין שול און אוניווערסיטעטן, און ליטשעאום האָב איך קיינמאָל ניט באַזוכט, גישט איך וויים, וואָס פאַר א מאכל דאָס איז, תורה נביאים וכתובים איז געווען

מיין ליצעאום, און די מפורשים זענען מיינע לעהרער. דארום האָב איך מיר ערלויבט איינע קורצע ביאָגראַפיע צו שרייבן".

אויף איין אנדער אָרט שרייבט ער: „אין מיין יוגענד האָב איך געלערנט חכמת המוזיקע. כאָטש מיינע אבות אבותי, האָבן פון דער חכמה גאָרניט אמאָל געוויסט. נאָר דאָס עלענדקייט, וואָס איך בין געבליבן פון מיין פאָטער, און די שלעכטע צייטן, וואָס דאמאלס איז געוועהן, האָט מיך דערצו געבראכט, און מיט דער מלאָכה האָב איך מיר ערהאלטן מיין הויזגעזינד, אויף דעם שענסטן גראד".

„אין יאָר 1871 אז איך האָב געדרוקט מיין ערשטע קראָניקע „דברי הימים לארצות רומעניע", האָב איך דאָרט פובליצירט מיין מלאָכה, מיט וואָס איך האָב מיך גענעהרט, מיט מיין הויזגעזינד כדי איך זאָל דעם עולם אויפמערקזאם מאכן, אז איך בין ניט קיין דאָקטאָר דער מעריצינע, און ניט דר. דער רעכטע, און ניט קיין שטו־דירטער ראבינער, אָדער דר, דער פילאָזאָפיע, זאָנדערן איין פשוטער צימבלער".

און אין יאָר 1899 ווען דאָס רומענישע פארלאמענט, האָט אָפגע־זאָגט צו געבן די בירגער־רעכט, א ריי פון יידיש רומענישע שרייבער און זשורנאליסטן, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען פסאנטיר, געבנדיק זיינס א בילד זיין פריינד לאזאר שיינעאנו, דער דעמלדיקער רעדאקטאָר פון דעם זשורנאל „פראטערניטאטע" (פארברידערונג) שרייבט ער דע־רויף פאָלגענדע שורות: „וואָס אנבעלאנגט מיר, ערגער איך מיך ניט אזוי שטארק, וואָס איך האָב ניט זוכה געווען, צו באקומען די בירגער־רעכטע. איך בין שוין אלט, און דאָס אלץ וועט מיר װעניג נוצן ברענ־גען. אָבער מיין הארץ וועהטיגט, און איך פיל א גרויסן שמערץ, אויף די פיר מענטשן, החכם דר. גאסטער, עליאס שווארצפעלד, מאָריץ גאָלדענשטיין און אליעזר שיין (שיינעאנו). פיר יינגע, קלוגע און גע־לערנטע לייט, וועלכע האָבן אויך צוזאמען מיט מיר, געזאָלט באקומען די בירגער־רעכט, און האָבן דאָס ניט זוכה געווען".

אזוי באשיידן איז] געווען פסאנטיר, און ער קען דינען מיט זיין באשיידנקייט, אלס מוסטער פאר א סך פון אונדזערע היינטיקע שרייבער.

די היינטיקע פאָרשער פון יידישע געשיכטע אין רומעניע, חוזקן צומאָל מיט א שמייכל אויף די ליפן, פון פסאנטירס היסטאָרישע אויס־פירונגען, אָבער זיי טוען דערמיט א גרויסע עולה.

אווראי, זענען פאראן אין פּסאַנטירס ווערק, היסטאָרישע ניט־פונקציאָנעלקייטן, אווראי אנטהאַלטן זיי אַ סך השערות, וועלכע זענען היסטאָריש־וויסנשאַפטלעך ניט באַגרינדעט. אָט למשל שרייבט פּסאַנטיר, אין דער הקדמה פונעם ערשטן באַנד, „דברי הימים לארצות רומעניע":

„די היסטאָריע ווייזט איבער, ווי יידן זענען געקומען אין די לענדער דאַטשיאַ, נאָך פאַר דעם חורבן בית ראשון, און האָבן געוואוינט דאָ, צווישן די אומות, און נאָך מער יודן, זענען געקומען אין די לענדער דאַטשיאַ, נאָכן חורבן בית שני, אין די צייטן פון טיטוסן, אזוי האָב איך געפונען אין יידישע, און אין וואַליכישע אלטע ביכער, מיט אמתי איבערווייזן, אז יידן זענען תמיד געזעסן אין די לענדער דאַטשיאַ, פריהער פאַרן נוצרי און נאָכן נוצרי".

די דאָזיקע „אמתי איבערווייזן" זענען פּשוטע השערות. ער זאָגט אז די היסטאָריע ווייזט איבער, נאָר ניט שטענדיק ווייזט ער אָן ווו די היסטאָריע ווייזט איבער. ער האָט אזוי געפונען אין די אלטע יידישע און וואַלאַכישע ביכער „מיט אמתי איבערווייזן". מעגלעך, אָבער ער ווייזט אַ גרונט נישט אָן די קוועלן, פון וואַנען ער האָט געשעפּט, און ווער די אלטע יידישע און וואַלאַכישע ביכער זענען, איז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

אזוי דערציילט ער אונדז, אין זיין „דברי הימים לארצות רומעניע" ז"ט 21 אז „זייענדיק אין פּאָקשאַן, יום י"ג חשון ה'תר"ל, איז ער געגאַנגען מיט איינעם ר' איציק ליב פּאָקשאַנער, אויף דעם אלטן בית־הקברות און צווישן פילע אינטערעסאַנטע זאכן, וואָס דער דאָזיקער איציק ליב, האָט איז באַקאַנט געמאַכט, דערציילט ער אים אויך, אז דער „שערי ציון" ז"ל, ליגט אויף דעם נייעם בית הקברות, אָף דער מאָלדאָווישער זייט, אזוי האָט ער בקבלה פון זיינע עלטערן, אין דעם ר'איציק ליב מען מען אלעם גלייבן, וואָרן ער איז אַ איש נאמן, און ער איז אַ געבוירענער א פּאָקשאַנער, אויך זיינע עלטערן זענען געבוירענע פּאָקשאַנער".

דאָ האָט אָבער, אונדזער ר'איציק ליב, געהאַט אַ גרויסן טעות, ר' נתן נטע האַנאָווער, וועלכער איז ניט נאָר דער מחבר פון דעם תפילה־ספר „שערי־ציון" נאָר אויך פון דעם ספר „יון מצולה", די גרינטלעכסטע באַשרייבונג, פון די שחיטות אויף יידן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אוקריינע, אין כמעלניצקיס צייטן, וועלכע ער האָט אליין איבערגעלעבט. ר'נתן נטע, איז צוערשט געווען רב אין יאַס, נאָכדעם

אין פּאָקשאַן, פון דאָרט האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אונגאַריש־בראָד, א שטאָט אין מערן, ווי ער איז געווען דיין און מגיד. ס׳איז אים אָבער ניט באַשערט געווען צו שטאַרבן מיט א נאַטירלעכן טויט. ער, וואָס האָט אַזויפיל געליטן, און איז ניצול געוואָרן, פון די פּאָגראָמען אין אוקריינע, איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, אין אונגאַריש־בראָד, אין א פּאָגראָם וואָס האָט דאָרט אויסגעבראָכן דעם 14־טן יולי 1683.

אָבער ניט קוקנדיק, אויף די אַלע אומפּונקטלעכקייטן, און הסרונות, וואָס ס׳געפינען זיך אין פּסאַנטירס ווערק, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז פּסאַנטיר איז ניט געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט, האָבנדיק צו דער האַנט, די נייטיקע ביכער, און מאַטעריאַלן, אָנגעזאַמלט פון אַנדערע. מיר דאַרפן געדענקען, אַז צו יענער צייט, איז דאָס געביט פון יידישער געשיכטע אין רומעניע, נאָך געווען א „קרקע בתולה“, וועלכן ער אַליין האָט צעאַקערט, מיט קאָלאָסאַל גרויסער מי, און שוועריקייטן, און מיר דאַרפן האָבן אין זינען, אַז ער האָט געלייגט דעם ערשטן גרונטשטיין, פון יידישער געשיכטע אין רומעניע.

פּסאַנטירס ווערק. האָבן אויך געהאַט א פּאָליטישן ראָל אין יענער צייט. דאָס איז געווען, נאָך דער רוסיש־טערקישער מלחמה, ווען דער בערלינער קאָנגרעס האָט געזאָלט לעזן די יידן־פראַגע פון רומעניע, און עס האָט געהייסן, אַז אַלע יידן זאָלן באַקומען בירגער־רעכט. דעמאָלט איז דאָס אויבן דערמאַנטע ווערק „מזכרת ציון“, געווען די איינציקע אינפאָרמאַטיווע בראָשור, וועגן דעם מצב פון די יידן אין רומעניע. די דאָזיקע בראָשור, אין דייטשער שפּראַך איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פאַרשיידענע פּאָליטיקער, און מיט איר, האָט זיך אויך באַנוצט, דער אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר, יאָהאַן קאַספּאַר בלונטשלי פון היידעלבערג, אין זיין פאַרטייטיקונגס־שריפט: „Situațiunea Juridică a Evreilor din România“.

און אָט וואָס פּסאַנטיר דערציילט, וועגן דעם אין זיין „ספר הזכרונות“: „דאָס איז געווען אין 26־סטן סעפּט. 1879, ווען אויף א זיצונג אין דער קאַמער, איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, צו געבן די בירגער־רעכט, א צאָל פון 1084 מענטשן, פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריען, אויף דער דאָזיקער ליסטע, אין דער 6־טער קאַטעגאָריע, אַלס איינער וואָס האָט געשריבן ביכער, האָט אויך פיגורירט דער נאָמען יעקב פּסנתר. איין דעפּוטירטער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז

אזעלכע וואָס האָבן געשריבן ביכער אין פרעמדע שפּראַכן, וואָס מיר פאַרשטייען ניט, קען מען אים ניט געבן די פרייהייט, אין דער ליסטע פיגורירט איינער יעקב פסנתר, וואָס ער האָט געשריבן ביכער, אין פּאָלניש זשאַרגאָן, וואָס מיר פאַרשטעהן גאָר ניט, און האָט געשריבן א בוך „מזכרת ציון" אין דייטשער שפּראַך. אז דער פּראָפ. בלונטשלי, זאָל האָבן פון וואַגען צו שעפּן מאַטעריאַל, אז ער זאָל שרייבן דאָס ווערק „Situațiunea Juridică a Evreilor din România" — גיבן מיר ניט די פרייהייט".

מיין „מזכרת ציון" האָט מיך געקאָסט זער פיל מי, און ארבייט און געלט, דאָס האָט אָבער ווערטה געהאַט, ווייל דאָס האָט ערשט א גרויסן רעש געמאַכט אונטער דער פּאָליטישער וועלט. אין דער רומעניש קאַמער, איז דער טיטל־בלאַט ציטירט געוואָרן אות באות".

אָבער פסאַנטירס ווערק, האָבן פאַר אונדז געהאַט, ניט נאָר א פּאָליטישן ווערט, נאָר אויך א מעמואַריסטישן ווערט. אין זיינע ווערק געפונען מיר צומאָל שטעלן, אין וועלכע דער אויטאָר דערציילט אונדז, אויף א נאַיוון אופן, וועגן דעם אמאָליקן לעבנסשטייגער, פון די אָרימע יידישע שיכטן אין רומעניע.

למשל. שרייבנדיק — אין זיין „דברי הימים לארצות רומעניע" — וועגן דער שטאָט ניאַמץ, דערציילט ער אונדז פאָלגענדעס: „ווייל מיר שמועסן דאָ פון דעם אלטן ר' אליעזר שמש, וואָס ער איז געווען א געבוירענער א ניאַמצער, און האָט דאָרט געלעבט איבער די הונדערט יאָר, וועלן מיר דערציילן דאָס גוטס, וואָס עס איז געווען אין די לענדער מאָלדאָווע און וואָלעכיי אין זיינע צייטן. און אזוי האָט ר' אליעזר דערציילט:

„אז ער איז אלט געווען 18 יאָר, האָט ער חתונה געהאַט, אין דער שטאָט ניאַמץ, און האָט גענומען א מיידל, און דער שווער, האָט אים געגעבן נדן 15 טאָלער, און א יאָר קעסט. אין יענער צייט, איז געווען ווייניג יודן אין דער שטאָט ניאַמץ, ווייל פריהער מיט עטליכע יאָר, זענען זיי זיך צולאָפן, דורך די בהלות, וואָס עס איז געווען מיט די טאָטערן און מיט די טערקין און מיט די יאַניטשערן, נאָר דערנאָך, ווען עס פלעג שטיל ווערן, פלעגין זיי זיך ווידער צונויף קומען. און אזוי דערציילט ר'אליעזר: „נאָך מיין חתונה, האָבן מיר זיך צונויף גענעמין פיער יונגע לייט, און יעדער האָט איינגעלייגט צו 12 טאָלער, און מיר זענין ארויף געפאָרן קיין געבערג, און מיר פלעגן אראָפּ־

ברענגען 15 אָדער 20 שטיקלעך בהמות, און מיר פלעגן זיי פאר־קויפן, אין גיאמץ אויף דעם מארק, פלעגן מיר זיך צוטיילן מיט 5 אָדער 6 פאַרים, אויף איין חלק פּאָרדינסט. איין פאַרי איז געווען אזוי גרויס ווי א ליסקע פון איין קליינעם פיש, נור זי איז געווען פון זיל־בער, און די טערקישע חתימה איז דארויף געשטאנען, ווייל דאָס איז געווען טערקיש געלד, און ניט קיין וואַלעכעש. 40 אזוינע פאַרים איז געווען א טאַלער. איין פאַרי האָט געקאָסט 3 באַן. אז דו ביסט געגאַנ־גען אין דער גאס אריין, האָסטו געקויפט פאר איין באַן פלייש, און פאר איין באַן מעל און פאר איין באַן אלערליי גרינוואַרג, און מיט איין פאַרי האָסטו דיך באצאָלט. 500 טאַליר האָט געהייסן א בייטל געלד. אז איינער האָט געהאַט איין בייטל, אָבער צוויי בייטל געלד, איז ער געווען א גביר".

אָט אזוי. געפונען מיר אריינגעפּלאָנטן, אין פסאַנטירס ווערק, פאר־שיידענע עפּיזאָדן, וועלכע קענען דינען אלס מאַטעריאַל פאר דעם איצ־טיקן פאָרשער פון יידישער געשיכטע אין רומעניען.

פסאַנטיר איז געשטאָרבן אין בוקארעשט, דעם 25־טן יאנואר 1902, אין עלטער פון 82 יאָר, און מ'האָט אים מקבר געווען, אויפן בית־עולם „פילאַנטראָפּיע". ס'זענען שוין אוועק איבער 44 יאָר, פון זיין טויט, און פסאַנטיר איז נאָך ביי אונדז ניט געהעריק אָפּגעשאַצט גע־וואָרן. ס'וואָלטן כדאי געווען פסאַנטיר'ס היסטאָרישע ווערק איבערצו־דרוקן מיט ראַנד־באַמערקונגען, פון אונדזערע מאָדערנע היסטאָריקער. ביי אונדז אָבער זענען פסאַנטירס ווערק א יקר־המציאות און זיין נאָמען איז שוין באלד ווי פארגעסן.

עס וואָלט כדאי געווען, ארויסצוגעבן א נייע אויפלאַגע פון פסאַנ־טירס ווערק, וועלכע זאָל זיין פארזען מיט די נויטיקע באַמערקונגען, פון ספּעציאַליסטן. היסטאָריקער, און צו די דאָזיקע ווערק זאָל אויך ווערן צוגעגעבן א אויספירליכע ביאָגראַפיע, פון דעם דאָזיקן אינטע־רעסאַנטן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט געהייסן יעקב פסאַנטיר.

יאנואר 1946.

דער יידישער פאָלקס-זינגער וועלוול זבאַרזשער
(לויט פאַרשיידענע מאַטעריאַלן)

בנימין וואָלף ערנקראַנץ, אָדער ווי דאָס פאָלק האָט אים גערופן, וועלוול זבאַרזשער, איז געווען איינער פון די ערשטע טרובאַדורן פונעם יידישן ליד אין רומעניע, און צווישן אַנדערע פון זיין צייט, איז ער געווען דער טאַלאַנטירטסטער און אָריגינעלסטער סיי אַלס דיכטער. סיי אַלס פאָלקס־זינגער.

די דאַטע פון זיין געבוירן־יאָר איז פון זיינע ביאָגראַפן נישט פונקט־לעך פעסטגעשטעלט, לויט דער אויפשריפט אויף זיין מצבה אויפן יידישן בית־עולם פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז ער געבוירן אין דעם שטעטל זבאַרזש (גאַליציע) אין יאָר 1826.

וועגן זיינע קינדער און יוגנט־יאָרן ווייסן מיר זייער ווייניק. ביי זיין פאָטער, דעם זבאַרזשער שוחט, האָט ער באַקומען אַ שטרענגע טראַדיציאָנעל יידישע דער־ציונג. פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אויס־געצייכנט מיט זיין שאַרפן מוח און האָט געשעמט אין שטעטל פאַר אַ גרויסן לערנער.

אונטערן איינפלוס פון דער גאַליציאַנער השׂכּלה־באַוועגונג, וועלכע האָט געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן און פּראָפּאַגירט וועלטלעכקייט און בילדונג צווישן דער יידישער יוגנט, איז וועלוול זבאַרזשער „אַראָפּ פונעם דרך הישר“. זיין פאָטער האָט אים שנעל חתונה געמאַכט, כּדי דער עול פון פּרנסה זאָל אים אָפּ־האַלטן פון די השׂכּלה־אידעען, אָבער דאָס האָט גאָר ווייניק געהאָלפן.

אַז מען האָט זיך דערוווּסט אין זבאַרזש, פון וועלוולס אַפּיקורסות, האָט מען אים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן, אין אַ געווויסן טאָג, האָט ער פאַר־

לאָזט זיין יונגע פרוי, און איז אנטלאָפן קיין רומעניע, אין דער „גאָל־דענער מדינה" וועלכע האָט אין יענעם פעריאָד, צוגעצויגן א ריי יידישע שרייבער און קולטור־מענטשן.

ביז היינטיקן טאָג איז ניט באַקאַנט, צו זיין פרוי האָט געוווסט וועגן זיין אנטלויפן, אָדער נישט. די מיינונגען זענען אין דעם דאָזיקן פּרט פארשיידן. לויט איין ביאָגראַף האָט ער זיין יונגע פרוי נישט ליב געהאט, א צווייטע מיינונג איז אָבער פאראן, אז זיין פרוי, האָט אים אפילו צוגעזאָגט פארווירקלעכן זיין פּלאן, און אז מיט איר צושטימונג, איז ער אוועק קיין רומעניע.

וועלוול זבאַרזשער איז אראָפּגעקומען קיין רומעניע ארום יאָר 1845. ער האָט זיך באזעצט אין באָטאָשאַן, א שטאָט מיט א גרויסער יידישער באפעלקערונג.

נישט האָבנדיק קיין שום פאך, איז ער געוואָרן א מין מאָדערנער מלמד. וואָס האָט געלערנט מיט די תלמידים תנ"ך מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג, און אויך העברעישע גראמאטיק. די פרומע פאנאטישע יידן, האָבן אים דערפאר גערודפט.

די יידישע מאסן פון רומעניע, נישט קוקנדיק וואָס א דאנק די נייע עקאָנאָמישע באדינגונגען, זענען זיי געקומען אין קאָנטאקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, און א טייל פון זיי, איבערהויפּט דער רייכערער קלאס, האָט זיך שוין אָנגעהויבן עמאנציפּירן, זענען נאָך אָבער אלץ געווען פארזונקען אין פאנאטיזם און אברגלויבן.

פון זבאַרזשערס סאטיריש ליד „די מאָלדאווישע איבער די פּוילישע" זעען מיר אז די פאנאטישע יידן פון דער מאָלדאַווע, האָבן געטראָגן א שׂנאה, אויף די פון דער פרעמד אראָפּגעקומענע מלמדים:

„אז טויזנטער רוחות ליגט אין יעדן באזונדער,
אז זיי ווילן אויסשמדן אונדזערע קינדער,
קומען שלעק פון פּוילן אראָפּ,
דראקעס גאָר אָן א צאָל.
און פירן פון דעם גוטן וועג אראָפּ
דאָס אָרעמע פאָלק ישראל".

צום אָנהייב, פלעגט ער פאָרזינגען זיינע לידער, מיט די מעלאָדיעס וואָס ער האָט פארפאסט, פאר א קרייז פריינט און פארערער, וועלכע פלעגן אים אויסהערן מיט גרויסער באגייסטערונג. אָבער מיט דער צייט

איז דער קרייז פון זיינע צוהערער פארגרעסערט געוואָרן, און דאָס פאָר־זינגען איז געוואָרן זיין שטענדיקע פּראָפעסיע.

דאָס פּובליקום זיינס, איז באשטאנען צוערשט, פון דעם רייכערן קלאַס, וואָס פלעגט אים איינלאדן צו זיך אהיים, כדי זיך צו פארוויילן מיט זיינע לידער. דערפאר איז וועלוול זבארזשער נישט שטענדיק געווען צופרידן מיט זיין נייער פרנסה. ער פלעגט ליידן דערפון, וואָס ער דארף זינגען זיינע לידער, אין די גבירישע סאַלאָנען. עס האָט אים געצויגן צו די אָרעמע און געפּלאָגטע, צו די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, פאר וועלכע ער האָט געוואָלט גוצלעך זיין מיט זיין ליד.

אין דעם ליד „די נאכטיגאל“, וואָס טראָגט אן אויטאָביאָגראפישן כאראקטער, האָט ער אויסגעדריקט די דאָזיקע געפילן זיינע. אָט וואָס ער זאָגט אין דעם דאָזיקן ליד:

„אין דעם שטייגל שטיי איך מיט גרויסע יסורים,
זיי ווילן מיך מוטשען.
זיי מאכן סעודת פּורים
און פארלאנגען איך זאָל קווימשען.
אך, ווי קען מען דעמלט זינגען,
ווען די צרות פרעסן.
די נאכטיגאל איז דערצו געצוואונגען
זי פארדינט דערמיט איר עסן“.

מיט דער צייט, האָט וועלוול זבארזשער אויפגעהערט זינגען זיינע לידער, אין די שיין־מעבלירטע סאלאָנען, פאר די רייכע און זאטע. ער הויבט אָן אויפטרעטן אין די קרעטשמעס, קאפע־הייזער און טיי־לאָקאלן, אין א ריי גרעסערע שטעט פון רומעניע.

אין די דאָזיקע לאָקאלן, פלעגן זיך צונויפקומען באלמעלאָכעס, שניידער און שוסטער־געזעלן, פּשוטע האָרעפּאשניקעס, וואָס נאָך א שווערן ארבעטס־טאָג, ביים ווארשטאט, טיילמאָל נישט געגעסן און נישט געטרונקען, האָבן זיי געגארט צו א פארוויילונג, און זענען מיט פרייד געקומען אויסהערן זבארזשערס לידער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פיינעם הומאָר און גראָטעסקער סאטירע.

פאר דעם דאָזיקן פּובליקום, האָט וועלוול מיט פארגעניגען פאָר־געזונגען זיינע לידער, כאָטש נישט תמיד האָט ער באקומען באצאָלט דערפאר. די דאָזיקע צוהערער, זענען אָבער געווען די אמתע געניסער, און צו דער זעלבער צייט, אויך די פארשפרייטער פונעם יידישן ליד.

בײַ װעלװל זבאַרזשער געפֿונען מיר אױך לירישע לידער, אָבער דער הױפּט־מאָטיװ פֿון זײַן שאַפֿן זענען די סאַטירישע לידער, אין װעלכע ער איז געבליבן טרײַ די אױפֿקלערונגס־אידעען, קעמפֿנדיק קעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם ייִדישן לעבנס־שטײגער, אױפֿן װעג צו בילדונג און װעלטלעכקײט.

טײל פֿון זײַנע לידער, טראָגן אין זיך אַ פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער און צײכענען זיך אױס, מיט זײער פֿײַנעם הומאָר, װעלכער האָט שטאַרק געװירקט אױף די טעקסטן פֿון די טראַדיציאָנעלע פּורים־שפּילן, װאָס זענען אױפֿגעפֿירט געװאָרן כמעט אין יעדער ייִדישער שטאָט און שטעטל, און איבערהױפּט פֿלעגן זײ געזונגען װערן בײַ פֿאַרשײדענע פֿאַרװײלונגען.

„זאָג מיר, איך בעט דיך, דו װינט,
דו שװעבסט דאָך איף דער גאַנצער װעלט,
װײסט ניט װוּ דער עלנטער זיך געפֿינט
צו רוען אַ געצעלט?
װוּ רציחה האָט אױפֿגעהערט.
װוּ קײן מענטש האָט נישט געקלאָגט.
װוּ קײן מענטש האָט נישט געטרערט.
דער געדרעבטער װערט נישט געפּלאָגט?
דער װינט שװײַגט און בלײַבט שטיל שטײן.
זיפֿצט און ענטפֿערט: נײן! נײן!“

װעלװל זבאַרזשער, איז פֿאַר אונדז אױך אַ פֿענאָמען, פֿונעם שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט. בשעת אַ סך משׂכּילים פֿון זײַן צײַט, האָבן געשריבן װערק אין אַ מליצהדיקער העברעישער שפּראַך, װאָס דער המון האָט נישט פֿאַרשטאַנען, און אַ טײל ייִדישע שרײַבער, האָבן געשריבן אין אַ דײַטשמערישן ייִדיש, האָט װעלװל זבאַרזשער געזונגען זײַנע לידער אין דעם פּראָסטן ייִדישן לשון, ברענגענדיק פֿיל פֿרײד און געלעכטער, אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, פֿון פּשוטן פֿאָלקס־מענטש. דערפֿאַר, האָבן אים די מאַסן אָנערקענט, פֿאַר זײער באַליבטן דיכטער, און האָבן אים בײַם פֿאַרזינגען זײַנע לידער, באַשאָנקען מיט באַגײַסטערטע אַפּלאָדיסמענטן.

װעלװל זבאַרזשער, איז געװען אײנער פֿון די, װעלכע האָבן צוגעגרײט בײַ אונדז, דעם באָדן פֿאַרן ייִדישן טעאַטער, װאָס אַבֿרהם גאָלד-

פאַרן האָט געגרינדעט אין יאָר 1876 אין יאַס, אין דעם גאָרטן „פּאָמול ווערדע" (דער גרינער בוים).

די ערשטע זאַמלונג פון זיינע סאַטירישע לידער, קעגן די חסידים אונטערן טיטל „חזון למועד", איז דערשינען אין יאַס, אין יאָר 1858. מיט א צייט שפּעטער, זענען דערשינען זיינע יידישע לידער, אין פיר טיילן, אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „מקל נועם" (ערשטער טייל — ווין 1865, צווייטע אויסגאַבע — לעמבערג 1869, צווייטער טייל — לעמבערג 1869, דריטער טייל — „מקל נועם החדש" — לעמבערג 1873, פערטער טייל — לעמבערג 1878). אין יאָר 1869, איז אויך דערשינען אין פּשעמישל, א גרויסע סאַטירישע פּאָעמע, אַזוי מאָנאָלאָגן אונטער דעם טיטל „מקל חובלים", אין וועלכער ער שילדערט די געשיכטע פונעם רוזשינער רבי׳נס זון, ר׳בערעניו פון ליאָווע, וואָס איז געוואָרן אן אפּיקורס און האָט נישט געוואָלט זיין מער קיין רבי.

א נייע אויסגאַבע פון זיינע יידישע לידער, האָט אָפּגעדרוקט אין רומעניע, מיט לאַטייניש אותיות, דר. סאַמעק פון בראַילאַ, אן אינטערעסאַנטע פיגור צווישן די רומענישע יידן, וועלכער האָט אויך אָנטיילגענומען. אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, פונעם יאָר 1908, און איז געווען אין רומעניע דער ערשטער, וואָס האָט געפּרוווט שרייבן יידיש, מיט לאַטייניש אותיות. די אַלע לידער־זאַמלונגען זענען היינט־צו־טאָג זעלטענע יקר־המציאות׳ן.

נאָך יאָרן נע־ונד זיין, באַזעצט זיך וועלוול זבאַרזשער אין יאַס, די הויפּטשטאָט פון דער מאָלדאָווע, א שטאָט מיט א קאָמפּאַקטער יידישער באַפעלקערונג. ער באַטראַכט דאָס אָרעמע געפּלאָגטע לעבן פונעם פאָלק, און דאָס פאַרשווענדערישע לעבן, פון די באָיאַרן, וואָס לעבן אויפן חשבון פונעם פאָלק. ער שטעלט אויף זיי אָן, זיין סאַטירישן ליכט־רעפלעקטאָר, און מאַכט חוזק פון זיי — אויף א סאַרקאַסטישן אופן.

די רומענישע אָליגאַרכישע מיניסטאָרן, מיט דעם באַקאַנטן יאָנעל בראַטיאַנו בראָש, האָבן, כדי אויפצוהיטן זייער ממשלה, זיך באַנוצט מיט דעם אַלטן דיווערסיע־מיטל — מיטן אַנטיסעמיטיזם. אָנרייצנדיק די רומענער קעגן יידן, האָבן זיי אָרגאַניזירט א ריי פּאָגראָמען אין אייניקע שטעט, וועלכע האָבן דעם פאָלקס־זינגער אויפגעשוידערט.

כאָטש וועלוול זבאַרזשער, איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט ביים פאָלק, האָבן מיר דאָך וועגן זיין לעבן און טעטיקייט גאָר קנאַפּע

ידיעות. דאָס, וואָס עס איז וועגן אים, אויסער איי:יקע נאָטיצן, כמעט גאָרנישט געשריבן געוואָרן, סיי אין דער רומעניש'ער, סיי אין דער יידישער פּרעסע פון יענער צייט, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די יידישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט געשריבן אין דער רומעני:שער פּרעסע, האָט געשטאַמט פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך געשעמט מיטן יידישן לשון, און זיי האָט נישט אינטערעסירט עפּעס א יידישער פאָלקס־זינגער, וואָס טרעט אויף און זינגט פאַרן עולם אין די קרעטש־מעס און אין קאַפעהייזער, ווו זייערס א פוס וואָלט נישט אריינגע־טרעטן. א חוץ דעם, איז די יידישע פּרעסע פון יענער צייט, געווען זייער אנעמיש. דאָס רוב רעדאַקטאָרן און מיטארבעטער, האָבן נישט פאַרמאָגט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, און האָבן פּשוט נישט פארשטאַנען אָפּצושאַצן וועלוול זבאַרזשערס טאַלאַנט.

דערפאַר אָבער, האָבן די יידישע פאָלקס־מאַסן פון רומעניע, אויפ־גענומען דעם גרויסן פאָלקס־זינגער מיט אויסערגעוויינלעכער גאַסט־פריינטלעכקייט. די וואַרעמע אַטמאָספער, וואָס האָט דעם גאַסט ארומ־גענומען, האָט אים אויפגעמונטערט און געגעבן די מעגלעכקייט ער זאָל רעאַליזירן זיינע שאַפונגס־שטרעבונגען.

אויב די אַנדערע אָראָפּגעקומענע צו אונדז שרייבער און קולטור־טוער, האָבן דאָ פאַרבראַכט, נאָר א געוויסן פּעריאָד, פון זייער לעבן, האָט אָבער וועלוול זבאַרזשער, פאַרבראַכט אין רומעניע, אַן ערך פון פינף און דרייסיק יאָר. דאָ ביי אונדז האָט ער געשאַפן זיינע לידער וועלכע זענען געזונגען געוואָרן, פון יונג און אַלט, און מיר קענען אים מיט רעכט אָנרופן — דער ערשטער רומעניש־יידישער דיכטער, דורך וועמענס מויל עס האָבן גערעדט די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אין יאָר 1880, האָט וועלוול זבאַרזשער מיט זיין פרוי, די בוקא־רעשטער נייטאָרן „מלכה'לע די שיינע“, זייער א גרויסע פאַרערערן, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אויף דער עלטער, זיך באַזעצט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער איז מיט דריי יאָר שפּעטער געשטאָרבן.

אויף זיין קבר האָט מלכה'לע געלאָזט שטעלן א מאָנומענט מיט א העברעישן אקראָסטיך. דאָ איז אויך אויסגעקריצט אויף יידיש: געבוירן אין זבאַרזש (גאַליציע) 1826 — געשטאָרבן 2טן יוני 1883.

יצחק יואל לינעצקי אין רומעניע.

אין דער צווייטער העלפט פונעם נייננצנטן יאָרהונדערט, האָט דאָס שפּעדיקע לאַנד רומעניע, צוגעצויגן, א גאַנצע רײ יידישע פאָלקס־זינגער, שרייבער און בכלל קולטור־מענטשן, וועלכע זענען אראָפּגעקומען אהער, פון אנדערע מדינות, מערסטנס פון רוסלאַנד און פון פּוילן (גאַליציע), אייניקע פון זיי, האָבן דאָ פאַרבראַכט א לענגערע צייט, און האָבן ביי אונדז אין לאַנד, אנטוויקלט א רייכע קולטור־טעטיקייט. לטובת דער אויפקלערונג, פון די יידישע פאָלקס־מאסן. די דאָזיקע קולטור־טוער, האָבן מיר אויך צום טייל, צו פאַרדאַנקען א ריי צייטשריפטן, און פעריאָדישע אויסגאַבן וואָס זענען דערשינען אין רומעניע, אינעם העברעישן און יידישן לשון.

די סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג, זענען געווען פאַרשידענע. די רומענישע יידן, כאָטש זיי האָבן, אונטער די דעמלטיקע אָליגאַרכישע רעגירונגען, נישט געהאַט קיין שום בירגערליכע אָדער פּאָליטישע רעכט, האָבן זיי דאָך מאַטעריעל געלעבט בעסער, ווי די יידן אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע און פון די יידן פון דעם אָרעמען גאַליציע.

די רומענישע יידן, וועלכע זענען באַשטאַנען דאָס רוב פון קליינע סוחרים, מעקלערס און באַלמעלאָכעס, האָבן נישט שלעכט פאַרדינט. קולטורעל זענען זיי אָבער געווען א סך אָפּגעשטאַנענער, פון די יידן פון די ארומיקע לענדער. און נישט נאָר בנוגע וועלטלעכער קולטור, נאָר אפילו רבנים, שוחטים, חזנים, מלמדים און אנדערע מינים כלי־קודש, האָבן די רומענישע יידן איםפּאָרטירט פון אויסלאַנד. שוין אָפּגערעדט, פון די דייטשישע און פראַנצויזישע לערער, אין וועלכע די

יידישע קליין־בורזשואזיע און די גרויס־בורזשואזיע, וואָס האָט געהאלטן אין אויפקומען, האָבן זיך גענויטיקט.

נאָך א סיבה, וועלכע האָט גורם געווען, אז א טייל פון די דאָזיקע קולטור־מענטשן, זאָל זיך צייטווייליק באזעצן אין רומעניע, איז געווען וואָס די משׂכילים — אויפקלערער, וועלכע זענען דאָס רוב געקומען פון רוסלאנד, האָבן נישט שטענדיק געקאָנט אנטוויקלען זייער קולטור־אויפקלערערישע ארבעט, לטובת די יידישע פאָלקס־מאסן, אין זייער לאנד, צוליב די רעאקציאָנערע געזעצן, פונעם צארישן רעזשים. דאָרט האָט געהערשט א שטרענגע צענזור, פאר יידישע און העברעישע ביכער, און אויף ארויסצוגעבן א יידישע צייטונג. האָט מען באדארפט האָבן א ספּעציעלע דערלויבעניש, אויש פון פּעטערבורג, א זאך וואָס ס׳איז כמעט נישט מעגלעך געווען צו באקומען.

צווישן די דאָזיקע אראָפּגעקומענע, זענען געווען די בראָדער זינגער, וועלכע האָבן פארוויילט דעם עולם, מיט זייערע לידער, אין א צייט, ווען קיין אנדערע פארוויילונגען האָבן די יידישע פאָלקס־מאסן פון רומעניע נישט געהאט און וועלוול זבארזשער, דער טרובאדור פונעם יידישן פאָלקס־ליד, וואָס פלעגט זינגען זיינע לידער. מיט די פון אים אליין פאר־פאסטע מעלאָדיעס, אין די קרעטשמעס. קאפע־הייזער און „טשיינעריעס“ פאר די באלמעלאָכעס און פראָסטן עולם א.א.

אברהם גאָלדפאדן, דער, וואָס האָט אין יאס, אין יאָר 1876 אין דעם גאָרטן „פּאָמול ווערדע“ געגרינדעט צום ערשטן מאָל א סטאביל יידיש טעאטער.

איינער פון די דאָזיקע, איז אויך געווען, דער שריפטשטעלער יצחק יואל לינעצקי, דער מחבר פון דעם ראָמאן „דאָס פּוילישע יינגל“, א בוך, וואָס איז אמאָל געווען שטארק פּאָפּולער, ביי די יידישע לייענער־מאסן, און וועגן וועמענס טעטיקייט אין רומעניע מיר ווילן דאָ דער־ציילן.

„דאָס פּוילישע יינגל“, וואָס ווערט פאררעכנט, פאר לינעצקיס בעסטע ווערק, און וואָס איז אָנגעשריבן אין דער יידישער פאָלקס־שפּראך, מיט א סך הומאָר און סארקאזם, האָט אויסגעהאלטן אין די 60 און 70 יאָרן, אן ערך פון צוואנציק אויפלאגעס. אויך ביי אונדז, אין דער מאָלדאָווע, איז דאָס דאָזיקע ווערק געווען שטארק באקאנט. א טייל אראָפּגעקומענע פון יענע מקומות האָבן עס נאָך געקענט פון דער אל־

טער היים, פון וואנען זיי האָבן געשטאמט, און א טייל האָבן זיך דער־מיט באקאנט, ביי אונדז אין לאנד, אין דער צייט, ווען לינעצקי האָט געלעבט אין רומעניע.

די פונקטלעכע דאטע, ווען לינעצקי, איז אראָפּגעקומען קיין רומעניע, איז אונדז נישט באקאנט. לויט זלמן רייזן גיט איבער, אין זיין „לעקסיקאָן", האָט לינעצקי, געוווינט אין באָטאָשאַן, אין יאָר, 1886, ווו ער האָט פארבראכט אן ערך דריי יאָר, קיין מאטעריאל וועגן לינעצקיס טעטיקייט, האָבן מיר אין די צייטשריפטן פון רומעניע, פון יענער צייט, נישט געפונען. מיר ווייסן, אזוי־פיל, אז ער האָט געהאט אין באָטאָשאַן, אן אייגענע דרוקעריי, און ער האָט ארויסגעגעבן א יידיש וואָכנ־בלאט, אונטערן טיטל „נאציאָנאל" מיט א משכילישן און חובבי־ציון כאראקטער, אין יאָר 1945 האָב איך געטראָפן אין באָטאָשאַן א ייד א זקן, וואָס האָט מיר דערציילט פאָלגנדיקס:

לינעצקי, פלעגט זיין פרייע צייט, פארברענגען אין דעם קרייז פון די באָטאָשאנער משכילים און געלערנטע מענטשן. ער פלעגט זיין א שמאָלצער, און זיך נישט חברן מיט אבי וועמען. צומאָל, פלעגט ער אין קרייז פון זיינע גוטע ברידער, פאָרלייענען קאפיטלען, פונעם „פוילישן יינגל", אָדער פון זיינע אנדערע, נאָך נישט געדרוקטע זאכן. אָבער קיים האָט זיך עמעצער נישט געגונ צוגעהערט, אָדער אים גע־שטערט, האָט ער אויפגעהערט, און מער נישט געלייענט. צו נגידים פלעגט ער נישט װעלן גיין פאָרלייענען, זאָגנדיק אז זיי האָבן עולם הזה און נייטיקן זיך נישט אין ליטעראטור. להיפוך צו וועלוול זבארזשער, און גאָלדפאדענען, האָט ער קיין געלט פאר זיין פאָרלייענען נישט גע־נומען. און קיים האָט אים עמעצער אָנגעבאָטן געלט, פלעגט ער זיך פילן באליידיקט.

מיט דער דרוקעריי, איז אים נישט געגאנגען אזוי פויגלדיק. צוליב זיין שמאָלצן כאראקטער, האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען מיט די קליענטן, און צומאָל זיך אפילו מיט זיי צוקריגט. נאָכדעם ווי עס זענען דערשינען, 21 נומערן פון זיין צייטונג, האָט ער זי געמוזט אָפּשטעלן, ווייל ער פלעגט כסדר, האָבן סכסוכים און אומאנגעמלעכקייטן פון דער רעגירונג און פון דער פאָליציי. טאָמער, האָט ער אמאָל עפּעס געשריבן, וועגן אנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דעמלט געבושעוועט אין רו־מעניע, פלעגט די רעגירונג זיך צו אים טשעפּען, אז ער פארשפרייט פאלשע ידיעות, און אים געדראָט ארויסצושיקן פונעם לאנד. אזוי אז

נאָך א דריי־יאָריקן עקשנותדיקן קאַמף, האָט ער געמוזט ליקווידירן די צייטונג מיט דער דרוקעריי אינאיינעם, און איז צוריקגעפאָרן קיין אָדעס. דאָרט האָט ער ארויסגעגעבן א צייטשריפט, „דער פלעדערוויש". אויך א זאמלונג פון זיינע לידער און א סעריע פאָלקס־קאַלענדארן, וועלכע זענען דערשינען אין משך פון עטלעכע יאָר.

ליגעצקי, איז געווען אין זיין לעבן אן אָפּטימיסט, אפילו אין די שווערסטע צייטן, ווען יידן זענען אויסגעשטאנען אין דעם אמאָליקן רוסלאנד, אלערליי בלבולים און דערנידערונגען פון דער צארישער רעגירונג און פון אירע סאטראפן, ווען יידן איז געווען דערלויבט צו וווינען נאָר אין א באשרענקטער צאָל גובערניעס אין דעם אזוי גערופענעם „תחום־המושב" און דאָס נאָר אין די שטעט און שטעטלעך, אָבער נישט אין די דערפער, ווען זיי האָבן נישט געהאט, קיין רעכט, צו פארנעמען אפילו די נידעריקסטע רעגירונגס־שטעלעס, האָט ליגעצקי נישט פארלוירן זיין בטחון, אז ס'וועלן קומען בעסערע צייטן. א געוויסער גראַבאָווסקי, איינער פון ליגעצקיס פארערער, וואָס האָט אָנגעשריבן וועגן אים א בוך זכרונות, דערציילט, אז אהיימגייענדיק איינמאָל פונעם אָדעסער שטאָטגאָרטן, ווו ער פלעגט יעדן טאָג שפאצירן מיט ליגעצקין, ביז צען אזייגער אין אָוונט, האָט זיי פארכאפּט א שטורעם. ס'האָט געדונערט און געבליצט און שטארק גערעגנט. דערנאָך האָט זיך גענומען אויסלייטערן. האָט אים ליגעצקי, א זאָג געטאָן: „קוק אהין, ווי עס לייטערט זיך אויס. די כמארעס זענען צעשוווּמען, דער שטורעם איז פאראיבער, און עס ווערט ליכטיק. כדי עס זאָל גוט ליכטיק ווערן, מוז קודם זיין א שטורעם. מיין אויג זעט, אז ס'וועט נאָך זיין א שטורעם, א וועלט־שטורעם, ביז מען וועט זיך באפרייען, פון דער גדיכטער כמארע דערנאָך וועט זיך אויסלייטערן. די יוגנט וועט דאָס דערלעבן. עס וועט זיין א שיינע וועלט! דו וועסט נאָך אפשר, עפעס דערפון דערלעבן. אָבער איך נישט". און ער האָט א קרעכץ געטאָן און געזאָגט: „איי, איי! עס גלוסט זיך צו לעבן, צו זען דעם סוף. איי, גוטער ברודער, ס'איז א אינטערעסאנטע וועלט".

נישט געקוקט אויף זיין פּאָפּולאריטעט, איז ליגעצקי שפּעטער כמעט אין גאנצן אראָפּ פון דער ליטערארישער ארענע. זיינע ווערק האָט מען אויפגעהערט לייענען, די יידישע שרייבער, האָבן זיך פון אים דערווייטערט, און זיין נאָמען איז כמעט ווי פארגעסן געוואָרן. אויף דער עלטער האָט מען אים אינגאנצן פארשוויגן, און צווישן די, וואָס האָבן

געליי.ט דעם גרונטשטיין פון דער יידישער ליטעראטור ווערט זיין נאָמען זעלטן דערמאנט.

לינעצקי, איז געשטאָרבן דעם 10 סעפטעמבער 1915 אין סאמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט, ווען דער אכזריותדיקער צארישער רעזשים, האָט אָנגעמאכט א חורבן אינעם יידישן לעבן, ארויסטרייבנדיק פון די שטעטלעך ביי דער גרענעץ, צענטליקער טויזנטער יידישע משפחות, וועלכע זענען געוואָרן נע־ונד. יעדעם יידישע הארץ, דאָט געבלוטיקט. די יידישע אינטעליגענץ און די כלל־טוער, זענען געווען פארנומען מיט שאפן הילף פאר די געליטענע, און שולן און קינדערהיימען פאר די פארוואָלגטע יידישע קינדער. דאָך האָט לינעצקי געהאט א גרויסע לוויה. עס זענען געהאלטן געוואָרן א סך הספדים ביי זיין קבר. אלע אָדעסער רוסישע צייטונגען (קיין יידישע צייטונגען זענען דעמלט נישט דערשינען אין רוסלאנד) האָבן געשריבן וועגן לינעצקין — דעם מענטש און דעם שרייבער.

און אָט וויאזוי לינעצקיס טאָכטער מ. לינעצקי־גריידנבערג שילדערט אין אירע זכרונות, וועגן איר פאָטער, לינעצקיס טויט און זיין לויה:

„געשטאָרבן איז ער רויק,ביים קלאָרן זינען. מיט אלעמען זיך געזעגנט. די לויה איז געווען א גרויסארטיקע. אונדזער דירה האָט נישט געקענט אריינעמען אלעמען, ווער ס'איז געקומען זיך געזעגענען. דער הויף איז געווען פול מיט מענטשן.

דאָס פאָלק, וועמען לינעצקי האָט געשענקט זיין גאנצן טאלאנט, אלע זיינע געדאנקען, דאָס ביסל יאָרן, האָט נישט פארגעסן דעם באליבטן שרייבער. די גאסן זענען געווען שווארץ פון מענטשן. אויפן וועג צום בית־עולם, זענען אלע שולן, איינגעהילט אין טרויער, געווען אָפן. אומעטום האָט מען באגעגנט מיט אן „אל מלא רחמים", דעם קערפער פונעם „אלטן לינעצקי", ווו מען האָט אים גערופן אין אָדעס.

נאָך א צייט פארן טויט, האָט דער פאָטער אָנגעשריבן די עפיטאפיע, וואָס איז אויסגעקריצט אויף זיין מצבה. די עפיטאפיע לייענט זיך אזוי:

פ"נ יענער,
וועלכער האָט אלעמען געטראָגן ליבע און צוטרוי,
אליין אָבער ניט געוווסט
ניט פון מיטגעפיל, ניט פון ליבע.

מיט א ריין הארץ, האָט ער פון קינדווייז־אָן
געשטרעבט בלויז צום אמת.
דערפאר זענען, ווי די רוחות,
אלע ארויסגעטרעטן קעגן אים.
דער מענטש איז געבוירן געוואָרן — א זקן
און געשטאָרבן — א קינד.
דער מענטש איז
יצחק יואל בר׳ יוסף לינעצקי.
א פאָלקס־שרייבער
וועלכער געשריבן האָט מיט בלוט,
וואָס פארגאָסן האָט ער ווי וואסער
זיין גאנץ לעבן.
ביז וואנען די נשמה זיינע
האָט נישט פארלאָזט דעם גוף״.

היינטצוטאָג, האָבנדיק מער היסטאָרישע פערספעקטיוון, מוזן מיר אָנערקענען, אז דאָס וואָס לינעצקי, האָט געלעבט אויף דער עלטער אין אָפגעזונדערטער, דאָס, וואָס זיינע באדייטנדיקע פארדינסטן פאר דער יידישער ליטעראטור זענען פארשוויגן געוואָרן און דאָס, וואָס די מאָדערנע קריטיק, האָט אים אזוי ווייניק אָפגעשאצט — איז א בפירושע עולה.

קודם כל, דארפן מיר נעמען אין אכט די ווירקונג, וואָס זיין ווערק „דאָס פוילישע יינגל״ האָט געהאט אין יענער צייט, ווען עס איז דערשינען. פון איין זייט האָט לינעצקי, מיט דעם דאָזיקן ווערק, אריינגעבראכט פיל פרייד און געלעכטער, אין דעם פאראומערטן יידישן לעבן. ער איז געווען, אין א געוויסן זין, אין די יידישע היימען, א פאָרגייער פון שלום־עליכמען, מיט זיין הומאָר און מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט. און פון דער צווייטער זייט, האָט דאָס דאָזיקע ווערק, צוגלייך מיט די אנדערע ווערק פון דער השכלה־ליטעראטור, געווירקט אויף דער יידישער יוגנט, זיך צו באפרייען פון פאנאטיזם און אבערגלויבן, פון דעם אָפגעשטאָנענעם לעבנס־שטייגער פון יענער צייט און אָנצוהייבן גיין אויף נייע וועגן.

איינער פון אונדזערע אָנגעזעענסטע קריטיקער, האָט אמאָל כאראקטעריזירט לינעצקין, מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „זיינע אלע כתבים

זענען בלויז פּאמפלעטן, זייגע קארטינקעס אָדער בילדער זענען קאריקאטורן, און זיינע פּאָרטרעטן זענען שארזשן". אין די דאָזיקע, כאָטש א ביסל איבערגעטריבענע ווערטער ליגט א גרויסער אמת. אָבער לייענענדיק, ליגעצקיס ווערק, דארפן מיר שטענדיק אין זינען האָבן, נישט נאָר די עפּאָכע, נאָר אפילו דעם יאָרצענטליק, אין וועלכן די ווערק זיינע זענען געשריבן געוואָרן. און נישט נאָר מיט דער צייט דארפן מיר זיך רעכענען, נאָר אפילו מיטן לייענער, פאר וועלכן ליגעצקי האָט געשריבן — א לייענער, וועלכער האָט, פאר אים, כמעט נישט עקזיסטירט, נאָר וועלכן ליגעצקי האָט מיט זיינע ווערק געשאפן. מיר דארפן זיך אויך רעכענען מיט דעם גרויסן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראטור וואָס אזא פּאָפּולער ווערק ווי „דאָס פּוילישע יינגל" האָט ארויסגערופן צו יענער צייט.

דער לעבנס און שאַפונגס־וועג פון דעם רומעניש־יידישן שרייבער ראָנעטי ראָמאַן

זייער ווייניק מענטשן, ביי אונדז אין רומעניע, איז באַקאַנט דאָס געבורטס־אָרט, און דער לעבנס און שאַפונגס־וועג, פון דעם רומעניש־יידישן שרייבער ראָנעטי ראָמאַן, וועמענס הויפּט־ווערק, די דראַמע „מנשה" האָט בשעתה, ווי מיר וועלן ווייטער זען — געמאַכט א גרויסן רושם ביי אונדז אין לאַנד.

די סבות דערפון זענען, וואָס ער אליין האָט דאָס פאַרשוויגן, און אויך וואָס אַנדערע שרייבער, וועלכע האָבן וועגן אים געשריבן, האָבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם.

דערפאַר גלויב איך, אַז, היינט צו טאָג, אַזוי פיל יאָרן נאָך זיין טויט, איז כדאי צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע, צום טייל אומבאַקאַנטע ביאָ־ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן, וואָס איך גיב דאָ איבער, און וועלכע דערגענצן די פיגור, פון דעם אַמאָל אַזוי באַרימטן און פּאָפּולערן רומעניש־יידישן שרייבער ראָנעטי ראָמאַן.

★

אַרום דער צווייטער העלפט פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, איז אַראָפּגעקומען קיין רומעניע, פון א קליין שטעטל פון גאַליציע, א יינגערמאַן מיטן נאָמען אהרן בלומענפעלד.

וועגן די סבות, פון דעם פאַרלאָזן די היים זיינע, און אָנהויבן וואַנדערן אין נייע פרעמדע מקומות, זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען. טייל מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען מיט אים אין פריינטלעכע באַציונגען, פלעגן דערציילן, אַז די הויפּט־סבה, וואָס האָט אים גע־

שטייסן צו פארלאָזן זיין היימלאנד, איז געווען, וואָס אין דער צייט ווען ער איז גע־ווען א מתמיד, וואָס פלעג טאָג און נאכט זיצן און לערנען אין בית־המדרש, האָבן אויך אין זיין קליינעם גאליציאניש שטעטל, אָנגע־הויבן בלאָזן די נייע ווינטן, פון דער השכלה־באוועגונג, און ווי א סך אנדערע גאליציאנישע יינגעלייט, ווי דער באוווסטער דאָקטאָר, יוליו באראש, און דער פּאָפּולערער טרובאדור פונעם יידישן פאָלקס־ליד, וועלוול זבארזשער־ערנקראנץ, וועלכע האָבן אויך געשטאמט פון די זעלבע מקומות, האָט זיך אויך דער דאָזיקער יינגערמאן, אהרן בלו־מענפעלד, אוועקגעלאָזט קיין רומעניע, מיט דעם געדאנק, צו מאכן א ביסל געלט, און דערנאָך פאָרן שטודירן קיין אויסלאנד, כדי צו באַ־קומען א דיפלאָם פון א פאקולטעט. דאָס וואָס איז צו יענער צייט, געווען דער אידעאל פון די לערנער, וועלכע זענען פארכאפּט געוואָרן פון דער בערלינער אויפקלערונגס־באוועגונג, וואָס האָט געשטאמט פון משה מענדעלזאָן און זיינע תלמידים.

ביי זיין אריבערקומען קיין רומעניע, האָט זיך, אהרן בלומענפעלד, נישט אָפּגעשטעלט אין איינער פון די שטעט מיט א גרויסער יידישער באפעלקערונג, ווי: באָטאָשאן, יאס, וו עס האָבן זיך אמאָל באזעצט די אראָפּגעקומענע יידישע און העברעישע שרייבער־משכילים: וועלוול זבארזשער. י. י. לינעצקי, ראובן אָשר ברוידעס, אברהם גאָלדפאדן א.א. נאָר דער גורל, האָט אים פארטראָגן אין דער שטאָט ראָמאן, וו ער האָט זיך באזעצט, און דאָרט געלערנט עטלעכע שעה אין טאָג, מיט אייניקע גבירישע קינדער, גמרא און תנ״ך מיטן דקדוק, און אין דער פרייער צייט, איז ער געזעסן פארמאכט אין זיין צימער, און פלייסיק שטודירט וועלטלעכע למודים און פרעמדע לשונות, צווישן וועלכע אויך דאָס רומענישע לשון, פון די ביכער, וואָס זיינע באקאנטע האָבן אים פארשאפט. באזיצנדיק אן אויסערגעוויינלעכן שפראכן־טאלענט, האָט ער אין א קורצער צייט, נישט נאָר געמאכט גרויסע פאָרשריט אין זיינע רומענישע לימודים, נאָר ער האָט טאקע גרונטלעך אויס־געלערנט דאָס רומענישע לשון און איז אויך אין דערזעלבער צייט געוואָרן באהאוונט אין דער, צו יענער צייט, ווייניק אנטוויקלטער רומע־נישער ליטעראטור.

אין דער שטאָט ראָמאן, האָט דעמלט געוווינט א יידישער דאָק־טאָר, מיטן נאָמען געלער, א פארברענטער משכיל, וועלכער פלעג זיך שטענדיק פאראינטערעסירן, מיט פרומע יידישע יינגע־לייט, מיט ישיבה־

בחורים, און מיט סתם בית־המדרש־לערנער, ער פלעג זיי צורעדן, זיי זאָלן זיך אָפּלאָזן פון דעם בטלנות, און אָנהויבן לערנען וועלטלעכע למודים, און פרעמדע לשונות, און זוכן צו קומען צו א תכלית, דער אידעאל פון די משכילים אין יענער צייט.

אז דער דאָקטאָר גנעלער, האָט זיך דערוווסט, פון דעם נאָר־וואָס אראָפּגעקומענעם בחור און באקענענדיק זיך מיט זיינע קענטעניש און גרויסע פעיקייטן, האָט ער אים אָנגעהויבן צורעדן, ער זאָל אוועק ווארפן דאָס מלמדות, און פאָרן קיין אויסלאנד לערנען כדי צו באַקומען אקאדעמישע בילדונג. און טאקע דערזעלבער דאָקטאָר גנעלער, מיט נאָך עטלעכע דאָרטיקע גבירישע משכילים, האָבן אים פאר־זאָרגט די דערצו נויטיקע געלט־מיטלען און רעקאָמאנדאציעס.

אהרן בלומענפעלד האָט זיך באשלאָסן צו פאָרן קיין דייטשלאנד און דאָרט שטודירן פילאָלאָגיע.

אָבער כדי ער זאָל קענען דורכפאָרן עסטרייך, די מדינה, צו וועלכער עס האָט אויך געהערט גאליציע, האָט ער געמוזט האָבן א פאספּאָרט, אויף א פרעמדן נאָמען, האָט אים טאקע אלץ דער דאָקטאָר גנעלער, פארזאָרגט מיט די נויטיקע פאפירן און אזוי איז פון דעם יידישן יינגנמאן, אהרן בלומענפעלד, געבוירן אין דעם גאליציש שטעטל, געוואָרן ראָנעטי ראָמאן, אן עכט רומענישער נאָמען, געבוירן אין א רומענישן דאָרף, נישט ווייט פון דער מאָלדאָווישער שטאָט פיאטרא.

עס איז נישט פארגאנגען קיין סך צייט, און ראָנעטי ראָמאן, האָט זיך אוועק געלאָזט אין וועג אריין. אָבער די נסיעה זיינע דויערט ביי אים עטלעכע חדשים. ער אײלט זיך נישט, ער האָט צייט, ער ווערט נישט פארשפּעטיקן. ער פאָרט מיט דער אקס, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, מיט פויערישע פירלער, און צומאָל מאכט ער אפילו דורך א שטיק וועג, גייענדיק צו פיס, מיטן קלומיקל אויף די פלייצעס. ער וויל אויסנוצן די געלעגנהייט פון זיין נסיעה, זיך צו באקענען מיט דעם רייכן לאנד, אין וועלכן ער האָט זיך באזעצט, און וויהין ער האָט בדעה צוריק צו קומען, נאָכן פארענדיקן זיין שטודיום, און אין דערזעלבער צייט, וויל ער זיך דערגרונטעווען, אין די קענטע־נישן פון דער רומענישער שפּראך. פון די דאָרפישע פויערים און פון די שטאָטישע מענטשן, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאקט און באַגעגנט אין זיין נסיעה, וויל ער זיך אויסלערנען די דאָרפישע און די

די שטאָטישע רעדנס־ארטן און די װאַלעכישע און די מונטעניִשע װערטער און אױסדרוקן.

נאָך א צייט פון עטלעכע יאָר, װאָס ער האָט פארבראכט אין דייטשלאנד, װו ער האָט פארענדיקט אין לייפציג דעם פילאָלאָגישן פאקולטעט, שטודירנדיק אויך אין דערזעלבער צייט, די רומענישע שפראך און איר ליטעראטור, קערט ער זיך אום קיין רומעניע, מיט א סך אייראָפעיִשן װיסן. אָבער דאָסמאָל, באזעצט ער זיך שוין נישט מער אין דער פּראָװינץ־שטאָט ראָמאן, נאָר אין דער הויפּט־שטאָט בוקארעשט.

װיאזוי עס האָט זיך אים געלעבט די ערשטע צייטן אין בוקארעשט, איז נישט באקאנט, װייל קיין גענויע ביאָגראפישע דאטן װעגן יענער צייט, פארמאָגן מיר נישט. עס שיינט, אז ראָנעטי ראָמאן, אליין, האָט אויסגעמיטן צו רעדן װעגן יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן.

אָבער אָט װאָס עס איז געשען:

אין יאָר 1878, איז אין א רומענישן פארלאג פון בוקארעשט, דער־שינען א גרויסער פּאָעם, אונטער דעם טיטל, „ראדו״ פון אן אומ־באקאנטן אויטאָר, מיטן נאָמען ראָנעטי ראָמאן.

דער דראַזיקער פּאָעם, װאָס אנטהאלט 72 זייטן, איז א װערטפולע ליטעראַרישע שאפונג, סיי לויט דער פאָרם און סיי לויטן אינהאלט.

די מערסטע סטראָפן פון דעם פּאָעם, אנטהאלטן געלונגענע פערזן, אָנגעשריבן אין א מייסטערהאפטער רומענישער שפּראך. אין דעם פּאָעם, שילדערט דער מחבר, פארשיידענע עפּאָכן פונעם מענטשנס לעבן. צוערשט די באגייסטערונג פון דער יוגנט־צייט, און שפּעטער די אנטוישונג, װאָס קומט אין דער צייט פון דער מאטוריטעט. עס פילט זיך אין דעם פּאָעם, דאָס פלאטערן פון דער רומענישער פאָלקס־נשמה, איר בענקעניש צו פרייהייט און איר שטרעבן צו ליב־טיקייט.

אין דעם אופן פון זיין שרייבן, באנוצט זיך ראָנעטי ראָמאן, אין דעם דראָזיקן פּאָעם, מיט דער רערצייילעריִשער פאָרם, צומ׳ז׳ איז ער אויך עפּיגראמאטיש, אמייסטן אָבער, איז דער אינהאלט זיינער, א סאטירישער. אין דעם פּאָעם איז אויך איינגעװעבט א שיינע לעגענדע, צװישן א בחור מיט א װאסער־נימפע.

ראָנעטי ראָמאַן'ס פּאָעם „ראַזו", האָט בײַ זײַן דערשײַנען, געמאַכט א שטאַרקן רושם אין די בוקאַרעשטער ליטעראַרישע קרײַזן. מען האָט אָנגעהויבן נאָכפאָרשן, װער עס איז דער אומבאַקאַנטער מחבר פֿונעם פּאָעם, און געוואָר װערנדיק, אַז דאָס איז אַן אָרעמער רומעניִשער סטודענט, װאָס האָט זיך ניט לאַנג אומגעקערט פֿון דײַטשלאַנד, װוּ ער האָט פֿאַרענדיקט דעם פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט, האָט מען אָנגעהויבן זאָרגן פֿאַר אים, און א דאַנק דעם, האָט ער באַקומען א שטעלע אַלס טראַנסלאַטאָר פֿון דײַטשער שפּראַך, אין דעם מיניסטעריום פֿאַר אויסערלעכע ענינים. און אַזוי איז ראָנעטי ראָמאַן באַזאָרגט געוואָרן מיט פּרנסה.

פֿאַרנעמענדיק אַזא שטעלע, און זײַענדיק אסימילאַטאָריש געשטימט, אַזױװי דאָס רוב משׂכּילים פֿון יענער צײַט, האָט מען ראָנעטי ראָמאַן, זעלטן באַגעגנט אין די יידישע קרײַזן. דאָס אײנציקע אָרט, װוּ ער פֿלעגט צומאָל אַרײַנקומען, װען עס פֿלעג זיך אים פֿאַרבענקען נאָך א יידישער סביבה, כּדי א ביסל אָפּצופֿרישן זײַנע יידישע קענטעניש, איז געװען דער אַזוי גערופֿענער העברעיש-ליטעראַרישער „סאַלאָן", בײַ דעם צו יענער צײַט באַקאַנטן משׂכּיל, פּובליציסט, און פֿאַרשפּרײַטער פֿון היגע און אויסלענדישע העברעישע זשורנאַלן אין רומעניע, עקיבא חשמאל. (דעם נאָמען חשמל, אויף העברעיש: עלעקטריקע, האָט ער גערירשעט פֿון זײַן פֿאָטער, װאָס איז געקומען פֿון טערקײַ און זיך באַזעצט אין בוקאַרעשט, װוּ ער איז געװען א גלײַזער פֿון שויבן.) װעגן דעם דאָזיקן בוקאַרעשטער העברעישן ליטעראַרישן סאַלאָן, דערציילט אונדז אויך אברהם בער גאָטלאָבער, אײנער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער השׂכּלה. באַװעגונג, דער מחבר פֿון דער פּיעסע „דער דעקטור" און פֿון נאָך א סך אַנדערע העברעישע אין יידישע װערק.

אין זײַנע זכרונות, װאָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם העברעאישן זשורנאַל „הבוקר אור", שרײַבט ער, אַז אין יאָר 1879, האָט ער געמאַכט א נסיעה קיין רומעניע, און זײַענדיק אין בוקאַרעשט, האָט ער באַזוכט עקיבא חשמל, בײַ װעלכן ער האָט זיך באַקאַנט, מיט די בוקאַרעשטער משׂכּילים-שרײַבער, צװישן װעלכע אויך מיט דעם מערקװירדיקן פֿאָלקס-זינגער יעקב פּסאַנטיר (דער ערשטער כראָניקער פֿון די רומעניִשע יידן).

דערפֿאַר אָבער, פֿלעגט מען ראָנעטי ראָמאַן, טרעפֿן כּמעט אין אַלע רומעניִשע ליטעראַרישע צוזאַמענקלען און קרײַזן. פּובליקירט האָט ער צו

יענער צייט כמעט נאָרגיט. קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער איז ער נישט געוואָרן און בכלל, איז זיין ליטעראַרישע ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, נישט קיין גאָר גרויסע, אָבער ער איז שוין, צו יענער צייט, געווען אָנערקענט אלס רומענישער דיכטער. אפילו אזא פּאָליטיקער און קולטור-מענטש, ווי פּעטרע קארפּ, דער שעף פון דער קאָנסערוואטיווער פּארטיי אין רומעניע, האָט נאָכן דערשיינען פון דעם פּאָעם „ראדו", פארעפנטלעכט אן ארטיקל, אין דעם באקאנטן ליטעראַרישן רומענישן זשורנאל „קאָנוואָרבירי ליטערארע" („ליטעראַרישע שמועסן") פונעם יאָר 1878, אונטער דעם טיטל: „א נייער פּאָעם, א נייער דיכטער".

פאַר דעם נאָר וואָס געזאָגטן, איז כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר, וואָס עס דערציילט אונדז, דער העברעאיש-יידישער שרייבער, דוד ישעיהו זילבערבוש, וועלכער האָט אויך געשטאַמט פון גאַליציע, און וואָס האָט פארבראַכט א סך יאָרן ביי אונדז אין רומעניע, און האָט מיטגעארבעט כמעט אין אלע העברעישע און יידישע אויסגאבן, וואָס זענען דערשינען צו יענער צייט, אין רומעניע און אין אנדערע לענדער.

ד. י. זילבערבוש, דערציילט אונדז, אז ער האָט אמאָל פארבראַכט אין א שבת צו נאכטס, ביי א מלוה-מלכה, ביי דעם אויבן-דערמאנטן עקיבא חשמל, צוזאמען מיטן פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן שעכטער, א געבוירענער אין דער שטאָט פאָקשאני, אין דער מאָלדאָווע, און וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן, אין ענגלאנד און אין אמעריקע, מיט דעם, וואָס ער האָט אנטדעקט די זעלטענע העברעאישע און אראמישע מאנוסקריפּטן, אין דער „גניזה" פון קאירא (עגיפּטן) — וועלכע געפינען זיך היינט צו טאָג אין אָקספאָרד (ענגלאנד). ער איז אויך באקאנט מיט זיינע ווערק וועגן חסידיזם א.א.).

ביי דער דאָזיקער מלוה-מלכה, איז אויך בייגעווען ראָנעטי ראָמאַן, וועלכער האָט פאַר זיי פאָרגעלייענט דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן, פאַר זיין דראמע „מנשה", וואָס ער האָט געהאַט בדעה אָנצושרייבן. ער האָט געוואָלט וויסן זייער מיינונג, וועגן אייניקע פּרטים פון דעם דאָזיקן ווערק.

אויסהערנדיק דאָס פאָרגעלייענטע, האָט פּראָפעסאָר שעכטער געהאַט די געלעגנהייט, ארויסצוזאָגן זיינע געדאנקען, וועגן יידן און יידישקייט, וועגן אסימילאציע, און וועגן דער פארגאנגענהייט און צו-

קונפט פונעם יידישן פאָלק, פּראָבלעמען וועגן וועלכע זענען, אין יענער צייט, ביים אויפקומען פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, א סך דעבאַטירט געוואָרן.

ראָנעטי ראָמאַן האָט נישט מסכים געווען, מיט אַלץ וואָס דער פּראָפעסאָר שעכטער האָט געזאָגט. איבערהויפּט איז פאַר אים, דער יידישנאַציאָנאַלער געדאַנק, וואָס שעכטער האָט אַנטוויקלט, געווען גאַנץ ניי און פרעמד. דאָס איז דאָך געווען דער היפּך פון ראָנעטי ראָמאַנס אַסימילאַציע-טעאָריע, וואָס ער האָט געפּרעדיקט אין זיין דראַמע „מנשה“. אָבער פּראָפעסאָר שעכטער׳ס שאַרפע לאָגישע רייד, און די אַרגומענטן, מיט וועלכע ער האָט באַגרינדעט זיינע געדאַנקען, האָבן אויפגעוועקט ביי ראָנעטי ראָמאַן נייע מחשבות, נייע אידעען און עס איז געבליבן, אַז נאָך אַן ערנסטן ישוב־הדעת, וואָס ראָנעטי ראָמאַן וועט נאָכטראַכטן, וועגן פּראָפעסאָר שעכטערס אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, וועט ער אים געבן אַן ענטפער. צי עס איז נאָך ווייטער פאָרגעקומען, א געדאַנקען־אויסטויש, צווישן פּראָפעסאָר שעכטער, און ראָנעטי ראָמאַן, ווייסן מיר נישט. זילבערבוש האָט די דאָזיקע טעמע מער נישט באַרירט.

אין יאָר 1880, קומט פאָר א ווענדונג אין ראָנעטי ראָמאַנס, לעבן. ער האָט חתונה מיט עלעאָנאָרע הערשקאָוויטש, א טאָכטער פון ישׂראל הערשקאָוויטש, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע, דאָס גוט ראָזנאָוו, פון ניאַמצער בעצירק.

ראָנעטי ראָמאַנס ניי געגרינדעטע היים, אין בוקאַרעשט, ווערט א ליטעראַרישער צענטער, וווהין עס פלעגן זיך צוזאַמען קומען, א גאַנצע ריי יינגע שרייבער און ליטעראַטן, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט, אין דער רומענישער ליטעראַטור.

אָבער, כדי צו זיין זעלבסטשטענדיק, און צו קענען פאָרזעצן, אומגעשטערט, זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, האָט ראָנעטי ראָמאַן אויפגעגעבן זיין שטעלע, אַלס טראַנסלאַטאָר, אין מיניסטעריום פון אויסערלעכע ענינים. ער האָט זיך איבערגעצויגן מיט זיין משפּחה קיין ראָזנאָוו, אין נעאַמצער בעצירק, און אין די יאָרן 1881 און 1882, באַשעפטיקט ער זיך מיט אַגריקולטור אַרבעט, צוזאַמען מיט זיין שווער, אויף דעם גוט וואָס דער לעצטער האָט געהאַלטן אין אַרענדע.

אויך אין זיין נייעם וווינאָרט, פלעגן זיך יעדן זומער צונויפקומען זיינע פריינט פון בוקאַרעשט און פאַרברענגען די אָוונט־שעהן, און

צומאָל אויך די גאַנצע נעכט, ביז עס פלעג שוין אָנהויבן שאַריען אויף טאָג, אין דיסקוסיעס, ליטעראַרישע שמועסן, און מיטן פאַר־לייענען יעדער פון זיי, די נייע ליטעראַרישע שאַפונגען זייערע.

שפּעטער מיט יאָרן, האָט ער אויך געהאַלטן אין אַרענדע דאָס גוט סאַקסוט, נעבן דעם מאָלדאַווישן שטעטל האַרלוי. ווײַנענדיק נישט ווײַט פון יאַס, אײַנגאַנצן אַ פּאָר שעה פאָרן מיט דער באַן, האָט ראָנעטי ראָמאַן, אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט, מיט די רומענישע שרייבער און ליטעראַטן פון יאַס, וווּ עס האָט זיך, צו יענער צײַט, געפונען אַ גאַנצע פּלעיאַדע אָנגעזעענע דיכטער און פּראָזאַיקער.

אין די דאָזיקע יאָרן, אָנהויבנדיק פון יאָר 1881, קומט פאָר אַן איבערייס, אין ראָנעטי ראָמאַנס שאַפן. מעגלעך, אַז אין יענער צײַט, האָט ער יאָ געשריבן, אָבער ער האָט כמעט גאָרנישט פּובליצירט. ערשט אין יאָר 1898, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ נײַ ווערק, אונטער דעם טיטל „צוויי מאַסמיטלען”. אין דער דאָזיקער בראָשור, וואָס אַנטהאַלט אַכט און זעכציק זײַטן, זעען מיר ראָנעטי ראָמאַן אין גאָר אַ נײַ ליכט.

דאָס איז אַן אַפּאָלאָגעטיש ווערק, אין וועלכן דער אויטאָר, באַ־האַנדלט דאָס פּראָבלעם פון דעם רעכטלאָזן מצב, פון די יידן אין רומעניע, די צרות און די פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין, אין די צוויי מאָס־מיטלען, וואָס די דעמלטיקע אָליגאַרכישע רעגירונג, וועלכע, איז באַשטאַנען בלויז פון פּריצים און גוט־באַזיצער, האָט געוואָלט אָנווענדן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. ערשטנס, נישט צו נעמען יידן אין מיליטער־דינסט, כדי, נישט דערפילנדיק דעם דאָזיקן חוב, צו זייער פאָטערלאַנד, זאָלן זיי נישט קענען פאַרלאַנגען קיין בירגער־רעכט. און צווייטנס, זאָלן יידישע קינדער, נישט אויפ־גענומען ווערן אין די מיטל־שולן, כדי נישט צו קענען אָנקומען אויף דער אוניווערסיטעט, צו באַקומען אקאדעמישע בילדונג און ווערן דאָק־טוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן א.א.וו.

אין דער דאָזיקער בראָשור, שילדערט ראָנעטי ראָמאַן, קודם כל, דעם אומגליקן אינטעגראַלן יידן, וואָס האָט אַריבער־טראָגן אַלערליי ע:ויים קשים, נישט ווײַלנדיק זיך אָפּזאָגן פונעם יודנטום און פון די רעליגיעזע דאָגמעס, זיינע, אין האָט געלעבט גענצלעך אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. און ער קומט צום אויספיר, אַז הײַנט צו טאָג, זענען שוין כמעט אַזעלכע יידן נישט מער פאַראַן. אַז דער

דאָזיקער טיפּ ייד, איז שוין געגצלער פאַרשוווּנדן, און אז די היינטיקע יידישע באַפעלקערונג, לעבט נישט מער אָפּגעזונדערט פון דער באַפעלקערונג פון ארום. אזוי אז די רומענישע רעגירונג דאַרף זיך רעכענען מיט דעם אַלעמען, אָנערקענען די נייע לאַגע, וואָס עס האָט זיך געשאפן, אויפהערן צו פאַרפּאָלגן די יידן, און זיי געבן בירגער־רעכט, באַגלייך מיט אַלע אַנדערע אינוווינער פונעם לאַנד.

די בראָשור „צוויי מאָס־מיטלען", האָט געמאַכט א גרויסן רושם, אין די יידישע און אין די נישט יידישע קרייזן. טייל האָבן מסכּים געווען מיט ראַנעטי ראָמאנס ארויסגעזאָגטע מיינונגען, און טייל זענען געווען קעגן זיינע אויספירן, האַלטנדיק אז יידן זענען נאָך ווי פריי באַרעכטיקט צו באַקומען בירגער־רעכט.

גרויסע חלוקי־דעות, האָט די דאָזיקע בראָשור ארויסגערופן אין די נישט יידישע קרייזן. א קליינער טייל, האָט אָנערקענט ראַנעטי ראָמאָן׳ס טענות פאַר גערעכטע און די איבריקע, האָבן געהאַלטן די פאָדערונגען זיינע, צו אנערקענען די יידן אלס גלייכע בירגער פונעם לאַנד, פאַר א גרויסער חוצפּה.

אָבער די פעסטע אַרגומענטן זיינע, און די ארויסגעזאָגטע אמתן, געווענדט, קעגן דער האַלטונג, און קעגן דעם באַנעמען זיך, מצד די רעאַקציאָנערע רעגירונגען און די שטעלונג פון די רומענישע פּאָליטיקער, בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן געבראַכט דערצו, אז די בראָשור איז א סך געלייענט אין דיסקוסירט געוואָרן, און האָט געעפנט די אויגן פון א טייל פון דער דעמאָקראַטישער רומענישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אונטער דעם איינפלוס פון דער דאָזיקער בראָשור, געביטן זייערע פריעריקע מיינונגען בנוגע דעם יידישן פּראָבלעם אין רומעניע אין יענער צייט.

און אָט וויאזוי, איינער פון די אָנגעזעענסטע רומענישע שריפטשטעלער, געאָרגע קאַלינעסקו, שילדערט ראָנעטי ראָמאָן, אין זיין „געשיכטע פון דער רומענישער ליטעראַטור".

„ראָנעטי ראָמאָן, איז דער טיפּ, פונעם אינטעליגענטן ייִדן, וואָס פּרווּוט פאַרשטיין, די טראַגעדיע פון זיין ראַסע, און באַמיט זיך צו אורטיילן וועגן איר קאַלאַמבאָלוטיק".

די, וועלכע האָבן ראָנעטי ראָמאַן געקענט פּערזענלעך, דערציילן, אז מיט זיין שטאָלצער פיגור, מיט זיין אינטעליגענטן אויסזען און מיט זיין פריינטלעכער האַלטונג, האָט ער געמאַכט א זייער אָנגענעמען איינ־

דרוק, און איז געווען געשעצט און געאַכטעט ביי יעדן איינעם וואָס האָט אים געקענט.

מיר קומען צו, צו ראָנעטי ראָמאַנס הויפּטווערק, צו זיין דראַמע „מנשה“, וואָס ער האָט פֿאַרענדיקט אַרום די יאָרן 1905—1906.

די דאָזיקע דראַמע, וועלכע האָט געמאַכט צו יענער צייט, א גרויסן רושם, אין די רומענישע ליטעראַרישע קרייזן, און איז וואָרעם אָפּגעשאַצט געוואָרן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, פֿון די גרעסטע רומענישע שרייבער פֿון יענער צייט, האָט אים פֿאַרשאַפֿט א סך אָנערקענונג, און אין דערזעלבער צייט, אויך א סך עגמת־נפש.

פֿאַר די וואָס קענען נישט די דאָזיקע דראַמע „מנשה“, וועלן מיר אין קורצן איבערגעבן דעם אינהאַלט אירן.

מנשה קאָהען, א בכבודיקער ייד, אין די זיבעציגער, מיט א שיינער פּאַטריאַרכאַלישער ווייסער באָרד, א ייד אין וועלכן עס האָט זיך פֿאַראייניקט, ווי עס זאָגט זיך אין דעם העברעישן אויסדרוק „תורה וגדולה במקום אחד“, א תלמיד־חכם און א סוחר, וואָס פֿירט גרויסע געשעפֿטן, מיט די פּריצים פֿון אַרום דער שטאָט פֿאָלטיטשען, אין דער מאָלדאָווע. נאָכדעם וואָס זיין פֿרוי שרה איז אים געשטאָרבן, און ער איז געבליבן אויף דער עלטער איינער אַליין, טראַכט ער צו ליקווידירן די געשעפֿטן זיינע, צונויפֿנעמען אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט, און זיך באַזעצן אין בוקאַרעשט, ביי זיין זון דעם באַנקיר, ניסים קאָהענאָוויטש און זיין שנור אסתר, מיט זייערע צוויי דערוואַקסענע געראָטענע קינדער, א טאָכטער לאה און א זון לאזאר, א דאָקטאָר אין פֿילאָזאָפֿיע.

מנשה קומט קיין בוקאַרעשט כדי זיך צו באַראַטן מיט די זייניקע און נעמט מיט, מיט זיך, זיין שטוב־מענטש, דעם מעקלער פֿון אַלע געשעפֿטן זיינע, זעליק שאָר, א ייד א קבצן אין זיבן פֿאָלעס, נאָר א לץ, א פֿרייליכער, פֿול מיט שאַרפֿן סאַטירישן הומאָר, א פֿאָלקסמענטש, וואָס שיט מיט גלייכווערטלעך, און וואָס דערמאָנט א סך מאָל, אין דעם יידישן פֿאָלקס־העלד הערשל אָסטראָפּאָליער, און אין דעם פּאָקשאַנער טשיליבי־מויסע, דעם רומענישן הערשל אָסטראָפּאָליער.

נישט שטענדיק, פֿילט זיך דער אַלטער מנשה, גוט, ביי זיין זון, דעם האַלב אַסימילירטן גביר, אָבער די גאַנצע משפּחה, גיט אים אָפּ גרויס כבוד, און זיי באַציִען זיך צו דעם אַלטן מנשה, מיט גרויס דרך־

ארץ, און ליבשאפט. זיי ווילן ער זאָל אומבאדינגט ליקווידירן די געשעפטן זיינע, און זאָל קומען וווינען מיט זיי צוזאמען, א זאך, וועגן וועלכער מנשה, ווער נאָך נאָכטראכטן.

די גאנצע צייט, זייט ער איז געקומען קיין בוקארעשט, פארפאָלגט אים דאָס געשעעניש, וואָס עס האָט זי געטראָפן מיט זיין בן־עיר, קאלמאן זאראף, וואָס די טאָכטער זיינע איז אנטלאָפן פון דער היים, אין דעם טאָג פון דער חופה, צו איר געליבטן, דעם רומענער. זי קלויבט זיך די טעג צו שמדן, און דערנאָך פראוון איר חתונה, טאקע אין דעם פאָלטיטשענער קלויסטער. ער דערציילט א יעדן איינעם, וועגן דער דאָזיקער פאסירונג, און מען זעט, אז ער ליידט שרעקלעך פון דעם, און פילט מיט, מיט דעם אומגליקלעכן קלמן זאראף. סטייטש, א קינד זאָל אָנטון אזא בושה, די עלטערן, און פארשווארצן דאָס פנים זייערס, פאר דער גאנצער וועלט.

אָבער אין א געוויסן טאָג געשעט אָט וואָס: לאהס א פריינט, דער יינגער ריכטער מאטיי פרונזע, א רומענער, וואָס חברט זיך שוין א לאנגע צייט, מיט לאהן און מיט לאזארן, קומט צו לאהס עלטערן, פארלאנגען די האנט פון זייער טאָכטער, זאָגנדיק, אז זיי האָבן זיך ליב, און אז זיי ווילן חתונה האָבן. דערהערנדיק די דאָזיקע רייד, פאלט אסתר, לאהס מאמע, אין חלשות, ניסים קאָהענאָוויטש בלייבט שטיין, ווי פארשטיינערט, און ענטפערט פרונזען, אז דאָס איז נישט מעגלעך. אין שטוב ווערט א גאנצע סומאטאָכע. זעליק שאָר, וואָס האָט זיך אונטערגעהערט אונטער דער טיר, קומט באלד מיט אן עצה, כדי צו ראטעווען די סיטואציע, זאָל מען לאהן תיכף חתונה מאכן. ער האָט שוין אפילו א פארטיק צוגעגרייטן חתן, וועלכן ער האָט א־אָפּגעבראכט פון דער מאָלדאָווע. אמת, ער איז נישט פון אזא וואזשנעם יחוס, דערפאר איז ער אָבער א בוי־אונטערנעמער, און אויפגעקומענער גביר.

דעם אלטן מנשה, וואָס ווייסט פון גאָר נישט, פון דעם אלץ, וואָס עס איז דאָ געשען, איז דער שידוך נישט צום הארצן, ער פארשטייט בכלל נישט, וואָס עס איז אזא איילעניש, אָבער לאהס עלטערן, נישט האָבנדיק קיין אנדערע ברירה, זענען מסכים און טוען דעם שידוך, קעגן לאהס ווילן.

פאר לאהן הויבט זיך אָן א צייט פון שרעקלעכע ליידן און יסורים. זי באשליסט צו באגיין זעלבסט־מאָרד, און נישט חתונה האָבן מיט

דעם נישט סימפאַטישן עמיל האָרן, דעם חתן, וואָס מען האָט איר נעגעבן, קענן איר ווילן. זי דערציילט זיך אויס דאָס האַרץ, פאַר איר ברודער לאַזאַר, וועלכער גרייט זיך אויך חתונה האָבן, מיט נאַטאַליא פּרונזע, מאַטיי פּרונזעס שוועסטער. לאַזאַר האַלט זי אָפּ, פון צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, אויפמערקזאַם, אַז ווען זי וועט זיך פאַרשאַפן אירע עלטערן, נאָך גרעסערע יסורים. ער ראָט זי, צו קעמפן פאַר איר גליק, און נאָך א שווערן קאַמף מיט זיך, אַנטלויפט זי, אין טאָג פון איר חתונה, צו איר געליבטן מאַטיי פּרונזע.

דאָס איז פאַר דעם אַלטן מנשה א שרעקלעכער קלאַפּ. ער ברעכט זיין שטאָלץ, און באַשליסט צו גיין צו מאַטיי פּרונזען אַהיים, כדי זיך מיט אים דורך רעדן. ער לייגט פאָר פּרונזען, א גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט אָנגעגרייט אויסצובויען אין פּאַלעסטינע, א שפּיטאָל, אויף דעם נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, שׂרה, ער זאָל אים אָפּגעבן לאהן. פּרונזע, וואַרפט אים צוריק דאָס געלט, און זאָגט: נעמט צוריק אייער געלט. עס איז אייער גליק, וואָס איר זענט לאהס זיידע. ער גיט אים צו פאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין געלט, נאָר ווען צוויי יונגע הערצער, וואָס האָבן זיך ליב, און, אַז קיין זאַך קען זיי נישט צעשיידן. נאָך א לאַנגן שמועס וואָס עס קומט פאָר צווישן זיי, זאָגט מנשה צו פּרונזען: „איך זע אַז דו ביסט אַן אַנדער מין מענטש, און אַז דיר גייט נישט אין געלט, בעט איך דיר, זאָלסט מיר דערלויבן צו רעדן מיט לאהן, אונטער פיר אויגן". און מאַטיי פּרונזע, דערלויבט עס אים.

אין דעם שמועס וואָס עס קומט פאָר, צווישן מנשהן און זיין אייניקל לאה, זוכט מנשה, מיט אַלע מיטלען זי צו איבערצייגן, זי זאָל רחמנות האָבן, אויף אירע עלטערן און אויף אים, זי זאָל זיי נישט אָנטון אַזא בושה, צו בייטן איר גלויבן און אַוועק אין אַן פרעמדער וועלט.

לאה, ענטפערט אים, אַז זי טראַכט אפילו נישט צו בייטן איר אמונה, און אַז איר מאַטיי, פאַרלאַנגט דאָס אפילו נישט פון איר, אַז זיי פאַראייניקט די ריינע ליבע, און אַז צוריק אַהיים, צו אירע עלטערן וועט זי בשום אופן נישט גיין.

און אָט וואָס מנשה ענטפערט איר דערויף:

„ביסט א שיינע, לאה, דו פאַרשטייסט, אָט דאָס איז עס. ער זוכט דיין שיינקייט; ער איז להוט נאָך דיין פלייש, (ער הויבט אויף זיינע

הענט ביז צו די שלייפן). צוויי טויזנט יאָר יידיש פלייש, און נאָך האָבן זיי זיך דערמיט נישט אָנגעזעטיקט! זיי האָבן עס באשפּיגן, עס געטרעטן מיט די פיס, עס געוואָרפן פאר די ווילדע חיות, געברענט עס אויף די שייטערהויפנס, עס געקרייציקט און געפּלאָגט, מיט אלערליי פּלאָגן — א גיהנום האָבן זיי פאר יידן געשאפן אויף דער ערד — און עס איז זיי נאָך ניט גענוג. איצט, האָבן זיי עס אויך אָנגעהויבן פאר־דארבן, מיט זייערע קושן. רייס אראָפּ פון דיר, דאָס דאָזיקע שיינע בליענדיקע פלייש, מאך דיך מיאוס". (לאה מאכט נישט ווילנדיק א שווירערלעכע באוועגונג).

„גיין, מיין ליב קינד, זאָגט ווייטער מנשה; איך האָב געזינדיקט מיט מיינע רייד. גאָט זאָל מיר מוחל זיין. זיי שיין, לאה, בלי ווייטער מיין ליב קינד, וויאזוי דו האָסט געבליט ביז איצט, אָבער ראטעווע דיך, באפריי דיך. זאָלסט וויסן לאה, אז ווען די טויערן, פון דער יידי־שער פעסטונג, האָבן געהאלטן אין איינפאלן, אונטער דעם שונאס מעכטיקע קלעפּ, האָבן די יידישע מאמעס, זיך אריינגעוואָרפן אין פייער, צוזאמען מיט זייערע קינדער, כדי זיי זאָלן נישט אריינפאלן לעבע־דיקערהייט, אין די הענט פונעם שונא. דיר איז עס גרינגער. אנטלויף פון דאנען. קום מיט מיר, קום! ראטעווע דיך!"

נאָך דער דאָזיקער טיראדע, וואָס דערמאנט א ביסל אין שיילאָקס מאָנאָלאָג פון שעקספּירס קאָמעדיע „דער סוחר פון ווענעדיק" (און אפשר האָט ראָגעטי ראָמאן, טאקע אָנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער, אונטערן איינדרוק פון שעקספּירס קאָמעדיע), קומען אריין צו פרונזען אין הויז, לאהס עלטערן, און ווען מנשה, זעט, אז אלע זיינע רייד, האָבן גאָר נישט געווירקט אויף לאהן, און אז זי איז פעסט באשלאָסן, צו פארבלייבן ביי איר געליבטן, פארלאנגט מנשה, פון זיין זון ניסים, ער זאָל לאהן, אהיים נעמען מיטן כח פונעם געזעץ. ער, ניסים, האָט דאָס רעכט דערצו, ווייל לאה איז נאָך מינדעריעריק. אָבער ניסים און אסתר, ווילן אפילו נישט הערן פון דעם, זיי זאָלן אהיים פירן זייער טאָכטער, איבער די גאסן, מיט זשאנדארן און פּאָליציי. דער אלטער בלייבט שטיין א פארוויטיקטער, ער ווערט צוזאמען־געבראָכן, ער באַ־קומט א הארצשלאָג און שטארבט.

דאָס איז אין קורצן דער אינהאלט פון דער דראמע „מנשה". אין דער דאָזיקער דראמע, גייען פאר אונדז פארביי דריי דורות: דער קאָנסעקווענטער ייד מנשה, וואָס איז נישט מוותר, אויף זיינע רעלי־

גיעזע דאָגמעס, אפילו נישט כחוט השערה. און לאהם אנטלויפן פון דער היים, אין טאָג פון איר חתונה, צו איר געליבטן מאטיי, דעם רומענער, פארלעצט זיינע רעליגיעזע געפילן, ביז אין דער טיפעניש פון זיין הארצן, און ער באצאָלט דערפאר מיט זיין לעבן.

דער צווייטער דור, ניסים, וואָס הייסט שוין נישט קאָהען, נאָר קאָהענאָוויטש, האלט נאָך א ביסל יידישקייט, לפנים, מער, צוליב זיין בבודיקן פאָטער מנשה. ער גייט צומאָל דאווענען אין טעמפל, וועגן וועלכן מנשה זאָגט, אז עס איז נישט קיין געבעט־הויז. ווייל שטעלט אייך פאָר, וואָס פאר אן איינדרוק עס האָט געמאכט צו יענער צייט אויף אזא הונדערט־פראָצענטיקן אָרטאָדאָקסישן ייִדן, ווי ראָנעטי ראָמאן שילדערט מנשהן, דאָס טעמפל, מיטן באלעמער נעבן ארון־קודש, און נישט אין דער מיט, ווי אין אלע אנדערע שולן און בתי־מדרשים. א טעמפל אין וועלכן מען שפילט שבת און יום־טוב אויפן אָרגל, און ווי עס זינגט א כאָר פון מענער און פרויען צוזאמען. עס איז אויך באקאנט דער ביטערער קאמף, וואָס עס האָט געפירט, ביי אונדז אין בוקארעשט, דער אָרטאָדאָקסישער גאוניסשער רב, דער מלבי״ם, קעגן דער אסימילאטאָרישער בורזשואזיע, וואָס האָבן אויפגעבויט דאָס בוקארעשטער טעמפל, און וואָס האָבן אים דערפאר פארמסרט ביי דער רעגירונג, און מען האָט דעם מלבי״ם און זיין משפחה, ארויסגעשיקט פונעם לאנד אין אן ערב־שבת, אין־דער־פרי: אויף א מיסט־ווינקעלע פון דעם שטאָט־ראט.

אויף ניסימען קען מען זאָגן, דאָס וואָס מנשה זאָגט אויף דעם אויפגעקומענעם עמיל האָרן, אז ער פארמאָגט נישט, נישט קיין יידישע קענטעניש און נישט קיין אלגעמיינע קענטעניש. ניסים איז פארטון אין זיינע געשעפטן, און עפעס אנדערש קומערט אים נישט. ער זאָגט זיך אָפּ לאהן, אהיים צו נעמען מיט געוואלד, ווייל ביי אים איז לאהם חתונה האָבן מיט א רומענער, מער א בושה פאר דער וועלט, ווי א פארלעצונג פון זיינע רעליגיעזע געפילן.

און דער דריטער דור, לאזאר, ניסימס זון, האָט שוין אויסגעביטן די יידישע תורה, אויף א דיפלאָם, פון דאָקטאָר איז פילאָזאָפיע, און גרייט זיך חתונה האָבן, מיט נאטאליא פרונזע. ביי אים איז דאָס שוין א פעסטער באשלוס, און עס קומערט אים אפילו נישט, וואָס די זיידע ניקע וועלן זאָגן וועגן דעם.

לאה, איז א מיידל מיט אלע מעלות. זי איז שיין, קלוג און גע־לערנט. אָבער וואָס ווייסט זי פון יידישקייט. א חוץ דעם, וואָס זי געדענקט נאָך פון קינדוויז, וואָס זי האָט נאָך געזען ביי איר זיידן מנשה, און ביי איר באבע שׂרה, אין פּאָלטישעט, ווייסט זי גאָר נישט, זי איז פריי פון יערן פּאַראורטייל, און לויט אירע רייד, ווען זי האָט זיך דורך געדעט, מיט איר זיידן מנשה, ווען ער קומט זי איבער רעדן, זי זאָל צוריק אהיים גיין, איז זי כמעט א פאַרגעגנערן פון פרייער ליבע.

די טעמאטיק פון דער דראמע „מנשה", איז נישט קיין נייע, סיי אין דער יידישער ליטעראטור, סיי אין דער וועלט־ליטעראטור. עס האָט זי באריט, דער אומשטערבלעכער וויליאם שעקספיר, אין זיין אויבן־דערמאנטער קאָמעדיע „דער סוחר פון ווענעדיק", אָדער „שייל אָק" וועגן וועלכער, נישט קיין אנדערער, ווי דער דיכטער היינריך היינע דערציילט, אז א צייט לאנג, נאָכדעם, וואָס ער האָט געזען די פיעסע אויף דער ענגלישער בינע, איז אים געשטאנען פאר זיינע אויגן דאָס בילד פון דעם אומגליקלעכן, שרעקלעך באעולטן ייד שיילאָק, ווי ער לויפט ארום אויף דער בינע ווי א פארווונדעטע חיה, נאָכדעם וואָס זיין איינציקע טאָכטער, איז אנטלאָפן פון דער היים, מיט זיין שׂונא, מיטגע־מענדיק מיט זיך זיין פארמעגן, און אין היינעס אויערן קלינגט נאָך א צייט לאנג, שיילאָקס פארצווייפלטער געשריי; יעסיקא! יעסיקא! אָבער דאָך איז פאראן אן אונטערשיד, צווישן שיילאָקן און מנשהן. בעת, ביי שיילאָקן, ווייסן מיר נישט, וואָס ער באקלאָגט מער, צו דאָס וואָס די טאָכטער זיינע, איז אנטלאָפן צו זיין שׂונא, צו דאָס, וואָס זי האָט מיטגענעמען מיט זיך זיין פארמעגן, ליגט פאַר מנשה, פרונזען, א גרויסע סומע געלד. וואָס ער האָט ביי זיך, ער זאָל אים אָפּגעבן זיין לאהן.

אין דער יידישער ליטעראטור, האָט די דאָזיקע טעמע באריט, לעאָן קאָברין, אין זיין דערציילונג „דער פארשטערטער שבת". אויף א מייסטערהאפטן אופן, שילדערט אונדז קאָברין, וואָס עס לעבן איבער אין א פרייטיק צו נאכטס, ר׳זעמעלע און זיין פרוי, ווען זיי דערהערן די געשרייען פון זייער איינציקער טאָכטער, וואָס איז אנטלאָפן מיטן אקציזניקס זון, דעם שכן זייערן, איצט גייט די טאָכטער צו קינד, און אירע וויגעשרייען, רייסן זיך אריין אין זייער שטוב. איבערהויפט די מוטער ליידט שרעקלעך, ווען זי הערט איר טאָכטערס געשרייען פון

דער שכנותדיקער שטוב. ר׳זעמעלע רעדט איר איין, אז זייער טאָכטער, די משומדת, איז לעהיי ווי געשטאָרבן און מען דאַרף זי פאַרגעסן, אָבער דאָס האַרץ פון דער מאַמע, האַלט נישט אויס, זי רייסט זיך אַרויס פון שטוב, און לויפט צו זייער אָפּטרינניקער טאָכטער.

די זעלבע טעמאַטיק, האָט אויך באַרירט דער באַוווּסטער ייִדיש־העברעישער שרייבער, דוד פרישמאַן, אין זיין דערציילונג „יזכור" אין וועלכער ער שילדערט אונדז אַ ייִדן, וואָס שטייט, יום־טוב, שבועות, אין בית־המדרש, איבערגערעקט מיטן טלית איבערן קאָפּ און זאָגט יזכור. אָבער אַ חוץ די טויטע, איז ער מזכיר אויך די טאָכטער, די משומדת, וואָס לויטן ייִדישן דין, דאַרף מען נאָך איר זיצן שבעה, און זי פאַררעכענען צווישן די טויטע. און דאָ, דערמאָנט זיך דער פאָטער די מאָמענטן, ווען זי איז אַוועק פון דער היים, אין דער פרעמדער וועלט, און ער זעט פאַר זיך פאַרשיידענע בילדער, פון דער צייט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, ביז זי איז געוואָרן אַ דערוואַקסענע, און דאָס האַרץ זיינס ווערט צעריסן אויף שטיקער.

די דאָזיקע טעמאַטיק, האָבן אויך באַרירט אונדזערע קלאַסיקער י. ל. פּרץ אין זיין קורצער, מייסטערהאַפטער דערציילונג „די פאַר־שטויסענע" און אונדזער באַליבטער פאָלקס־שרייבער, שלום עליכם, אין איינער פון זיינע באַרימטע מעשיות, פון דער סעריע „טוביה דער מיל־כיקער און זיינע טעכטער", אין דער דערציילונג „חוה", וועלכע ווערט פאַררעכנט פאַר איינער פון שלום עליכמס בעסטע שאַפונגען.

אָבער, בעת די עלטערן פון די אַלע אָפּטרינניקע טעכטער זייערע, טראָגן איבער די שרעקלעכע יסורים און ליידן, וואָס זייערע קינדער האָבן זיי פאַרשאַפט, קען דער אַלטער מנשה, נישט איבערטראָגן, דעם צער זיינעם. און דעם ווייטיק, וואָס האָט טיף פאַרוווּנדעט זיין נשמה, און ער באַצאָלט דערפאַר מיט זיין לעבן.

מיר קערן זיך אום צוריק צו דער דראַמע „מנשה".

די דראַמע „מנשה" איז מייסטערהאַפט אויפגעבויט, די הויפּט־פיגורן אירע: מנשה, זעליק שאָר, לאה, לאַזאַר, פרונזע און עמיל האָרן, שטייען פאַר אונדז ווי לעבעדיקע. דעם אַלטן מנשהס רייד, פול מיט ווירדע, מאַכן שטענדיק אויף אונדז אַ טיפן איינדרוק. זעליק שאָרס גלייכוועריטלער, האָבן כמעט אַלע אַ סאָציאַלן אינהאַלט, און פאַרמאָגן אַ שאַרפע סאַטירישע איראָניע, קעגן דער נישט־יושרדיקער געזעל־

שאפט פון ארום. איבערהויפט יענע גלייך־ווערטלער, וועלכע זענען געווענדט, קעגן דעם אויפגעקומענעם גביר, עמיל האָרן. די דאָזיקע גלייך־ווערטלער זיינע, זענען אויך פול מיט לעבנס־חכמה.

בכלל איז כמעט אין דער גאנצער דראמע, נישט פאראן, קיין איין איינציקער איבעריקער ארויסטריט. די העלדן פון דער פיעסע, דער־שיינען אויף דער סצענע אין פאסיקסטן מאָמענט. איעדעס וואָרט וואָס די העלדן פון דער דראמע זאָגן ארויס, איז געוויגן אין געמאָסטן און אין זייערע רייד, איז נישט פאראן קיין איין וואָרט, וואָס זאָל א גרילץ טון אין אויער.

אין אָט וואָס דער רומעניישער שריפטשטעלער מיכאיל סאדאָוועאנו, שרייבט אין זיין בוך, „נאָטיצן", וועגן ראָנעטי ראָמאן און זיין דראמע „מנשה".

„...און מנשה, און זעליק שאָר און לאה, וועמענס דיאלאָגן איך האָב אליין געלייענט, און אויך פאָרגעלייענט פאר יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געוואָלט הערן. און אויך איצט גלויב איך, אז ראָנעטי ראָ־מאנס דראמע „מנשה", איז די בעסטע דראמע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער רומענישער שפּראך".

„איך האָב ראָנעטי ראָמאן, קיינמאָל נישט געזען פאר מיינע אויגן — שרייבט ווייטער סאדאָוועאנו — אָבער ביז היינטיקן טאָג, ווייס איך נישט, פאר וואָס, איך האָב מיר אזוי פאָרגעשטעלט, צווישן די הויפּט־פיגורן, מנשה און זעליק שאָר, דעם אויטאָר זייערן: א מענטש, מיט אן אייגנארטיקן איינגעהאלטענעם איראָנישן שמייכל, און מיט א נישט זיכערן שמערצלעכן בליק. עס איז אָן שום ספק, אז דער מחבר פון דער דראמע, „מנשה", האָט פיל געליטן".

כאראקטעריסטיש פאר דעם נאָר וואָס געזאָגטן, איז די געשיכטע וואָס עס דערציילט אונדז ווייטער, סאדאָוועאנו, אין זיינע „נאָטיצן". ער איז אמאָל געקומען מיט זיין רעגימענט, אויף מאנעווערס, אין דעם שטעטל הערלוי, וווּ ראָנעטי ראָמאן האָט דעמלט געוווינט. און אזוי ווי זיי האָבן גענאָרפט איבערנעכטיקן אין שטעטל, ביז אין דער פרי, האָט מען די אָפיצירן אין די סאָלדאטן איינקווארטירט, ביי די איינ־וווינער פונעם שטעטל. אין זיין רעגימענט האָט זיך אויך געפונען א בוקארעשטער אָפיציר, מיט וועלכן סאדאָוועאנו האָט זיך באַ־פריינדעט.

דעם אנדערן טאָג, גאַנץ פרי, האָבן זיך שוין אלע אָפיצירן און סאָלדאטן פארזאמלט אויף א באשטימטן פּלאַץ, זייענדיק גרייט אָפּצו־מארשירן, אָבער דער בוקארעשטער אָפיציר איז נאָך נישטאָ. און אזוי ווארטנדיק, האָבן זיי דערזען פון דער ווייטנס, אָנקומען א בירזשע, אין וועלכער עס זענען געווען איינגעשפּאנט צוויי שיינע שווארצע פערד, און אין דער בירזשע, איז געזעסן דער אָפיציר, מיט נאָך א יינגן־מאַן. זיי זענען ביידע אראָפּ פון דער בירזשע, און זיך דערנענטערט צו סאראָ־וועאנו. דער יינגער־מאַן, האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז, ער איז דער זין פון ראָנעטי ראָמאַן. זאָגנדיק, אז דער פאָטער זיינער, האָט זיך דער־וווסט, אז עס קומט אראָפּ אין שטעטל, א רעגימענט מיט סאָלדאטן, האָט ער אים געשיקט נעכטן, ער זאָל געמען אן אָפיציר, וועלכער זאָל ביי זיי איבערנעכטיקן, און איצט האָט ער געבראכט דעם אָפיציר, וואָס איז ביי זיי איינגעשטאַנען. סאראָוועאנו האָט אים אויסגעפרעגט, וואָס דער פאָטער מאכט, און צי ער איז טעטיק אויפן ליטערארישן געביט. דערנאָך פרעגט ער דעם אָפיציר, ווי אזוי עס איז אים געגאנגען אויף זיין קווארטיר. דער אָפיציר זייענדיק אן אומקולטורעלער מענטש, וואָס האָט נישט געהערט פון ראָנעטי ראָמאַן, און נישט פון זיין דראמע „מנשה“, האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּרופן, וויאזוי מען האָט אים דאָרט אויפגענומען, א פיין צימער צו שלאָפן, און עסן און טרינקען כיד המלך, א גוט גלעזל וויין, און א פיינע שווארצע קאווע, האָט אויך נישט געפעלט. בכלל האָט ער אָנגעטראָפן צו זייער פיינע און אנשטענ־דיקע מענטשן. נאָר איין זאך וואונדערט אים, וויאזוי זיי קענען וווינען אין א שטעטל, מיט אזעלכע שמוציקע זשידאנעס. ראָנעטי ראָמאַן'ס זון, הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך א ביסל פארשעמט, און האָט געזוכט א געלעגנהייט זיך צו דערווייטערן פון זיי. ער האָט פארשטאנען, אז סאראָוועאנו וועט שוין אויפקלערן דעם אָפיציר זיין טעות.

סאראָוועאנו, האָט דעם אָפיציר דערציילט, אז ראָנעטי ראָמאַן איז א ייד, אז ער איז אן אָנערקענטער רומעניש[ער] שרייבער, ער האָט אים אויך דערציילט וועגן זיין דראמע „מנשה“ און וועגן זיינע אנדערע ווערק. און ער פרעגט דעם אָפיציר, מסתמא האָסטו ראָנעטי ראָמאַן, אויך געשטעלט די זעלבע פראגע.

— אוודאי — ענטפערט דער אָפיציר.

— און וואָס האָט ער דיר געענטפערט? פרעגט אים סאראָוועאנו.

— ער האָט גאָרגישט געענטפערט, זאָגט דער אָפיציר, נאָר ער איז געזעסן א טרויעריקער, דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אויף דער רעכטער האנט, און ער האָט געזיפצט און געקרעכצט. מן־הסתם ליידט ער אויפן הארץ. איך האָב געהאט א פעטער, וואָס פלעג ליידן אויפן הארץ, פלעג ער אויך אזוי זיצן און זיפצן און קרעכצן."

די דאָזיקע נאָטיצן סאראָוואנוס וועגן ראָגעטי ראָמאן, זענען פאר־שטענדלעך, ווען מען נעמט און באטראכט, וואָס כאָטש ראָנעטי ראָמאן, איז שוין געווען באקאנט, אלס אָנגעזעענער רומענישער שרייבער, וועגן וועלכן עס האָבן שוין געשריבן טאלענטירטע רומענישע ליטעראטן, איז ער סוף כל סוף, דאָך פארבליבן א צייט לאנג, א ייד אָן בירגער־רעכט, באגלייך מיט אלע איבריקע יידן פון רומעניע, א פאקט וואָס האָט אים ווארשיינלעך פארשאפט נים ווייניק עגמת־נפש.

ערשט מיט א צייט שפּעטער, נאָכדעם וואָס ער האָט זיך באקענט און אָנגעקניפּט א נאָענטע פריינטשאפט, מיט דעם בארימטן רומענישן שרייבער — הומאָריסט און דראמאטורג, יאָן לוקא קאראזשיאלע, האָט דער לעצטער, אָנגעווענדט אלץ וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך, און אויך אינטערוועגירט אין רומענישן פארלאמענט, וועלכער איז געווען דעמאלט, דער איינציקער פאָרום, וואָס האָט געהאט דאָס רעכט, צו דערלייזיקן דאָס פּראָבלעם פון בירגערשאפט, מען זאָל דעם יידיש רומע־נישן שריפטשטעלער, ראָנעטי ראָמאן, געבן בירגער־רעכט.

צווישן ראָנעטי ראָמאן און י.ל. קאראזשיאלע, האָט זיך אנטוויקלט אן אינטימע פריינטשאפט, און א קעגן־זייטיקע פארערונג, וועלכע האָט אָנגעהאלטן ביז צו זייער טויט.

אין יאָר 1907 איז די דראמע „מנשה" אויפגעפירט געוואָרן אין דעם יאסער נאציאָנאל־טעאטער. די ראָל פון מנשה, האָט געשפילט קירזשע און די ראָל פון זעליק שאָר, האָט געשפילט בולפינסקי, ביידע אָנגעזעענע שוישפילער, פונעם יאסער נאציאָנאל־טעאטער.

אָבער ווען מען האָט ביי דער פרעמיערע אראָפּגעלאָזט דעם פאָר־האנג, נאָכן ערשטן אקט, האָט אויף דער גאליאָרקע אויסגעבראָכן א שרעקלעכער סקאנדאל. א גרופּע רומענישע סטודענטן, שילער פון דעם דעם באקאנטן יאסער אנטיסעמיטישן אוניווערזיטעטס - פּראָפעסאָר א. ק. קוזא, האָבן אויסגעפייפט די פיעסע, און אָנגעמאכט א שרעק־לעכן ליארם.

דעם יאסער פּרעפעקט, וואָס האָט זיך געפונען אין זאַל, איז נישט געלונגען, איינגאַנצן איינצושטילן די כוליגאַנעס, און מיט שווערער מי, האָט זיך איינגעגעבן די שוישפּילער, צו פאַרענדיקן דעם ספּעקטאַקל ביז צום סוף.

אָבער דערמיט האָט זיך דער סקאַנדאַל נישט פאַרענדיקט. אין דער רומעניישער פּרעסע פון יענער צייט, איז אָנגעגאַנגען א העפטיקער קאַמף פון פראָ און קעגן דער פּיעסע, א קאַמף אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען זשורנאַליסטן, שוישפּילער, שרייבער, א.א.וו.

דער סוף איז געווען, אז מען האָט די פּיעסע אַראָפּגענומען און זי איז מער נישט אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע פונעם יאסער רומענישן נאַציאָנאַל־טעאַטער.

דער יידיש־רומענישער פּובליציסט עמיל י. קריצמאַן, א אינטימער פריינט פון ראָנעטי ראָמאַן, וואָס איז בייגעווען ביי דער פּרעמיערע, פון דער דראַמע „מנשה", אין יאסער נאַציאָנאַל־טעאַטער, דערציילט, אז די שוישפּילער האָבן געשפּילט גלענצנד. זיי האָבן איינער דעם צווייטן, איבערגעשטיגן, אין זייער פּראַכטפולער אינטערפּרעטירונג פון זייערע ראָלן. אין אריינגייענדיק צווישן צווייטן און דריטן אקט, אין דער לאָזשע, אין וועלכער עס זענען געזעסן ראָנעטי ראָמאַן מיט זיין פרוי, האָט ער באַוואונדערט די רויקייט, מיט וועלכער, ראָנעטי ראָמאַן, האָט אויפגע־נומען דעם סקאַנדאַל און דאָס אויספייפן פון זיין פּיעסע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָכן לעצטן אקט.

קריצמאַן האָט פאַרפירט א שמועס, מיט ראָנעטי ראָמאַן, וועגן די אמאָליקע ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס פלעגט פאָרקומען, אין ראָנעטי ראָמאַנס וווינונג אין בוקאַרעשט. איבערגייענדיק אין זייער שמועס צו פאַרשיידענע אַספּעקטן, פון דער רומענישער ליטעראַטור, האָט ראָנעטי ראָמאַן, גערעדט מיט פיל באַגייסטערונג, וועגן יאָן לוקא קאַראַזשיאַלעס געוואַלטיקן טאַלענט, אלס פּראָזאַיקער און דראַמאַטורג.

דעם אנדערן טאָג, שרייבט קריצמאַן, האָבן מיר זיך צושיידט. ראָ־נעטי ראָמאַן איז צוריק אהיים געפאָרן אין דער פּראָווינץ, אויף זיין גוט, ווו ער האָט זיך זומער אָפּגעגעבן מיט אַגריקולטור, און די לאַנגע פּראָווינצער־נעכט, געווידמעט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט.

אָבער, מיר מוזן פעסטשטעלן אז ראָנעטי ראָמאַנס רויקייט, איז נאָר געווען אן אויסערלעכע. אין זיך, אָבער, האָט ער שטאַרק געליטן, פון

דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, אין יאסער נאציאָנאַל טעאטער, מיט זיין ליבלינגס־פּיעסע „מנשה“, אויף וועלכער ער האָט געארבעט אזויפיל צייט, און וואָס איז אָנערקענט געוואָרן, פון פיל אינטעליגענטן און ליטעראטן פון יענער צייט, אלס די בעסטע פּיעסע פון דער רומע־נישער ליטעראטור. א סך עגמת־נפש, האָט ער געהאט דערפון, וואָס די רומענישע אינטעליגענץ, האָט זיך נישט איינגעשטעלט פאר זיין פּיעסע, אין וועלכער ער האָט געפּרעדיקט פארברידערונג צווישן פעלקער.

שוין דער פאקט אליין, וואָס די דראמע „מנשה“, איז ארויסגע־נומען געוואָרן פונעם רעפּערטואר פונעם יאסער נאציאָנאַל־טעאטער, איז געווען א קאָמפּלעקטע אָפּלייקענונג פון זיין אסימילאציע־טעאָריע, וואָס ער האָט פארטיידיקט אין זיין בראָשור „צוויי מאָס־מיטלען“, מיט וועל־כער ער האָט געוואָלט צאָלן צינז, פארן אָנערקענען די ייִדן, אלס גלייכע בירגער פונעם לאַנד, און אויך א אָפּלייקענונג פון זיין טעאָריע וואָס ער האָט פּראָפּאגירט אין זיין דראמע „מנשה“.

דאָס הייסט אָבער נישט, אז די דראמע „מנשה“ איז געגאַנגען אראָפּ פון דער בינע. פארקערט, די פּיעסע איז אומצייליקע מאָל, געשפּילט געוואָרן, מיט נאָך גרויסן דערפאָלג, אין די פּריוואט־טעאטערס פון יאס און אין דער פּראָווינץ.

אויך אין בוקארעשט, איז די פּיעסע אריינגענומען געוואָרן, אינעם רעפּערטואר, פונעם בעסערן רומענישן טעאטער, און איז א סך יאָרן נישט אראָפּ פון דער בינע. די ראָל פון מנשה, האָט געשפּילט סאָרין און די ראָל פון זעליק שאָר, האָט געשפּילט מאָרצון, ביידע פון די טאַלענטירסטע שוישפּילער פון יענער צייט.

די דראמע „מנשה“ איז אויך פיל מאָל געשפּילט געוואָרן, אין פארשידענע איבערזעצונגען, אויף דער יידישער בינע, אין אייראָפּע און אין אמעריקע.

עס איז אויך דאָ כדאי צו פארצייכענען, אז באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין טשערנאָוויץ, האָט זיך געגרונדעט דער „שול־פאריין“, וואָס האָט אָנגעפירט א גרויסע קולטורעלע טעטיקייט, האָט די טעאטער־סעקציע פון דעם „שול־פאריין“ — אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג, די דראמע „מנשה“, אין דער איבערזעצונג פון דעם דיכטער יעקב שטערנבערג.

פון ראָנעטי ראָמאַן, זענען נאָך פארעפנטלעכט געוואָרן פאָלגענדע ווערק: „נקמה“ אין יאָר 1892; „די מוזע פון דער טראגעדיע“ אין יאָר 1912 און „גאָלן פויערים אויפשטאנד“ אין יאָר 1913.

אין דעם זעלבן יאָר זענען אויך פארעפנטלעכט געוואָרן איינציקע פראגמענטן, פון זיינער א נייער פּאָעמע, מיטן נאָמען „איוואן“ וועלכער, דער יידיש-רומענישער דיכטער ראָדיאָן (דר. א. שטייערמאַן) האָט געשריבן, אז דער דאָזיקער פּאָעם, שטייגט איבער דעם פּאָעם „ראַזו“, סיי לויטן אינהאלט און סיי לויט דער פאָרם. די פראגמענטן פון דעם פּאָעם „איוואן“, זענען אויך ווארעם אָפּגעשאצט געוואָרן, אין די רומענישע ליטערארישע קרייזן, פון יענער צייט. עס שיינט אָבער, אז דער פּאָעם איז פארבלבן נישט פארענדיקט.

זיינע לעצטע יאָרן, האָט, ראָנעטי ראָמאַן, פארבראכט אין איינזאמקייט, אויף דעם גוט סאקסונט, נעבן דעם מאָלדאווישן שטעטל הערלוי, וואָס ער האָט געהאלטן אין ארענדע. ער איז געווען קראנק, ליידנדיק אויפן הארץ.

צו זיינע יסורים און ליידן, האָט אויך בייגעטראָגן דער פאל, וואָס אין זיין וווינונג האָט אויסגעבראָכן א שריפה, און א גרויסער טייל פון זיינע מאנוסקריפטן זענען פארברענט געוואָרן.

אין יאָר 1908, האָט ראָנעטי ראָמאַן אויסגעהויכט זיין נשמה, אין דער שטאָט יאס. די דאָזיקע קולטורעלע שטאָט, וויאזוי מען פלעגט זי אָנרופן, האָט אים פארשאפט אין זיין לעבן, א סך גייסטיקע פרייד, אָבער אויך א סך יסורים און ליידן.

מען האָט אים מקבר געווען, אויף דעם יאסער יידישן בית-עולם, און אויף זיין קבר, איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מאָנומענט, פון שווארצן גראניט, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט די ווערטער:

ראָנעטי ראָמאַן — 1852—1908

עס איז נישט זיכער, אז די אָנגעגעבענע דאטע, פון זיין געבוירן־יאָר זאָל זיין די ריכטיקע. וואַרשיינלעך איז ער געבוירן א סך פריער, ווייל לויט דעם אויבן-דערמאנטן ד. י. זילבערבוש, איז זייער באגעגניש, ביי עקיבא חשמל אין הויז, מיט פראָפעסאָר שעכטער, פאָרגעקומען אין יאָר 1862. מעגלעך אז די דאטע פון זיין געבוירן־יאָר, איז אָנגעגעבן געוואָרן, לויט זיינע נייע דאָקומענטן, וואָס ער האָט זיך פארשאפט נאָך זיין אָנקומען קיין רומעניע. און אפשר האָט זילבער־

בוש געהאַט אַ טעות אין חשבון, שרייבנדיק די זכרונות זיינע, אין יאָר 1921, אַ קימאַ־לן, מיט אזויפיל יאָרן שפּעטער, נאָכדעם וואָס די באַגעגעניש זייערע איז פאָרגעקומען.

ראָנעטי ראָמאַן האָט איבערגעלעבט צוויי זין, איינער אַ אינזשעניר און דער צווייטער אַן אַדוואָקאַט. איינער פון זיי, האָט צוליב אומבאַקאַנטע סבות, באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דער צווייטער, לעבט ביז היינטיקן טאָג, אין בוקארעשט.

אזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן, איינער פון די מערקווירדיקסטע רומעניש־יידישן שרייבער, ראָנעטי ראָמאַן.

נייע אומבאקאנטע מאטעריאלן, וועגן א געשעעניש אין יידישן לעבן אין רומעניע, מיט 100 יאָר צוריק.

אין א זאמלונג פון היסטאָרישע דאָקומענטן, איז מיר צופעליק אריינגעפאלן אין האנט די יאסער צייטונג פאר אָפיציעלע מעלדונגען „פראָגרעסול" פונעם יאָר 1869, אין וועלכער ס'איז פארעפנטלעכט געוואָרן די טעלעגראפישע קאָרעספּאָנדענץ, צווישן דעם מיניסטער פון אינערלעכע ענינים אין רומעניע פון יענער צייט, און די פרעפעקטן פון יאס, באָטאָשאן און דאָראָהוי און מיט דעם יאסער מיטראָפּאָליט, וועגן דער געוואלד־טאט, וואָס עס איז באנאנגען געוואָרן אין יאָר 1868 קעגן דעם לעאָווער רבין ר' בער פרידמאן א זון פון דעם בארימטן רבין ר' ישראל רוזשינער, וואָס נישט וועלנדיק זיין מער קיין רבי, האָט מען אים א געבונדענעם, מיט געוואלד, אוועקגעפירט צו זיין ברודער, דעם סאדעגערער רבין.

אָבער, איידער מיר גיבן דאָ איבער די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ אין יידיש, האלטן מיר פאר נויטיק צו דערציילן אין קורצן די געשיכטע, וואָס עס איז פארלאָפן מיט לעאָווער רבין ר' בער, וועלכע האָט בשעתו געמאכט א גרויסן רעש אין דער יידישער וועלט בכלל און אין דער חסידישער וועלט בפרט.

נאָכדעם ווי ר' ישראל רוזשינער, איז געשטאָרבן אין סאדאגורא, א שטעטל נישט ווייט פון טשערנאָוויץ, האָט זיך אייגער פון זיינע זין, ר' בער פרידמאן באזעצט אין דעם בעסאראבער שטעטל לעאָווא, וואָס געפונט זיך ביי דער רוסיש־רומענישער גרעניץ. און עס האָבן אָנגעהויבן פאָרן צו אים א סך חסידים פון רוסלאנד, גאליציע און רומעניע.

אין ערך פון צען יאָר, האָט ר' בער, געזראַוועט זיין ראַביישסטווע אין לעאָווא, אָבער מיט אמאָל האָט ר' בער אָנגעהויבן זיך דערוויטערן פון זיינע חסידים, און זיך געוואָלט אינגאַנצן אָפּזאָגן פון רבישאַפט. ער פלעגט פאַרברענגען די צייט מיט זיינע גוטע ברידער, צווישן וועלכע ס'זיינען אויך געווען נישט־ייִדן, שפּילנדיק שאַך, אָדער גלאַט אזוי שמועסן וועגן וועלט־זאַכן. די חסידים פלעגן וואָס אמאָל מער באַלאַגערן דאָס הויז, אָבער ר' בער האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען.

די פרוי זיינע, און די גבאָים, האָבן אָנגעהויבן פירן מיט אים, א קאַמף, און אים געוואָלט צווינגען, ער זאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון צו זיין א רבי. דער קאַמף איז געוואָרן וואָס אמאָל העפטיקער. און כדי די חסידים זאָלן פון אים אָנטלויפן אין מען זאָל אים מער נישט צודרינגען, האָט ער אין ערב יום־כיפּור, צו כל־נדרי, נישט געוואָלט גיין אין שול אַריין דאַווענען. די פרוי זיינע, מיט די גבאָים, האָבן אים געשלעפּט מיט געוואַלד און צעריסן אויף אים דעם טלית, דעמאָלט האָט ער צו זיי א זאָג געטאָן: „אויב איר וועט מיך נישט צורו לאָזן, בלייבט מיר נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר זיך צו שמדן".

אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אז דער רבי איז אַראָפּ פון זינען. און אין א טאָג, ווען דער רבי איז געפאָרן שפּאַצירן אַרויס פון שטאָט, האָבן אים די גבאָים און אייניקע מקורבים, מיט דער הסכמה פון זיין פרוי נאַרקאָטיזירט, געבונדן הענט און פיס, און אים אַוועקגעפירט קיין יאַס, און פון דאָרט קיין סאַדאַגורא, האָפנדיק, אז אונטערן איינפלוס פון זיינע ברידער, וועט ער זיך אומקערן אויפן דרך הישר. און אז דאָס איז זיי נישט געלונגען, האָבן זיי אויך ווייטער פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אז דער רבי איז נישט ביים פולן זינען. מען האָט אים געהאַלטן פאַרשלאָסן אין א באַזונדער חדר, און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו אים.

אז די מיטערגאָוויצער משכּילים האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי זיך געווענדט צום הויפּט־ריכטער, ער זאָל באַפרייען ר'בערן. דער הויפּט־ריכטער, האָט די זאַך פאַראינטערעסירט, און צוזאַמען מיטן פּראָקוראָר, איז ער געפאָרן קיין סאַדאַגורא, אויסצופאָרשן דעם דאָזיקן ענין.

אָנקומענדיק צום סאַדאַגורער „הויף", זיינען זיי גלייך אַריין צום רבין, האָבן אויפגעשלאָסן דאָס צימער, און איבערצייגנדיק זיך, אז ר'בער איז ביים פולן פאַרשטאַנד, האָבן זיי אים מיטגענומען מיט

זיך קיין טשערנאָוויץ, און האָבן אים באַזעצט ביים אדוואָקאט דאָקטאָר רייטמאַן, א פאַרשטייער פון דער טשערנאָוויצער קהלה.

אָבער די משפחה האָט נישט גערוט, און כסדר אונטערגעשיקט מענטשן, זיי זאָלן איבעררעדן מיט ר׳ בערן, ער זאָל זיך אומקערן צוריק קיין לעאָווא, אָבער ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט געשיקט קיין לעאָווא דעם דר. רייטמאַן אלס זיין באַפול-מאַכטיקטן, ער זאָל אים ברענגען זיין געלט, וואָס ער האָט געהאַט ליגן, ביי זיך אין קאַסע-קאַסטן, און געזאָגט, אז זייענדיק מיזעריע פאַרזיכערט, וועט ער קענען פירן א פריי און אומאָפהענגיק לעבן לויט זיין ווונטש נאָך.

די ידיעה, וועגן דעם לעאָוועער צדיק ר׳בעריניו, האָט אויפגערודערט די גאַנצע חסידישע וועלט. עס האָט אויסגעבראָכן א גרויס מחלוקת, אין וועלכער ס׳האָבן אָנטייל גענומען, גרויסע אָנגעזעענע רבנים פון יענער צייט, ווי דער גאון ר׳חיים האַלבערשטאַם פון סאַנדז, וועלכער איז מיט די שאַרפסטע ווערטער אַרויסגעטרעטן קעגן דעם לעאָוועער „משומד“ און קעגן דער גאַנצער סאַדאַגורער „סעקטע“ און האָט צע-שריבן בריוו צו זיינע אָנהענגער, אז מען דאַרף זיי פאַרפאָלגן אזוי ווי די אַמאָליקע „שבתי־צביניקעס“.

דער דר. רייטמאַן איז צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט. דאָס געלט פון דער קאַסע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, און ר׳ בער איז געבליבן אָן געלט-מיטלען. כדי צו פאַרדינען אויף זיין עקזיסטענץ, האָט ער נישט געהאַט קיין שום צוגרייטונג, אזוי אז, ר׳בער האָט זיך מיט אמאָל דערפילט הילפלאָז. די משפחה האָט אויסגענוצט דעם מצב זיינעם, און אָנגעהויבן צו אים צושטיין. ער זאָל קומען וווינען קיין סאַדאַגורא. אויך דער בוקאָווינער לאַנדעס-פרעזידענט, צו וועמען די משפחה האָט אַפּעלירט, האָט אים געראָטן, ער זאָל צוריקפאָרן קיין סאַדאַגורא, ווייל זיין וווינען ביים דר. רייטמאַן, איז א חלול השם פאַר דער יידישער רעליגיע.

סוף מערץ 1859 איז ר׳ בער צוריקגעקומען קיין סאַדאַגורא. די משפחה און די חסידים האָבן זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט. מיטן לעאָווערס צוריקקומען קיין סאַדאַגורא האָט זיך דאָס צעפלאַקערטע מח-לוקת איינגעשטעלט, אָבער די משפחה און די חסידים האָבן פון אים קיין גרויס נחת נישט געהאַט.

ר׳ בער האָט צוערשט געוווינט ביי זיינער א שוועסטער. נישט ווייט פון סאַדאַגורע, דערנאָך האָט ער זיך געדינגען א באַזונדער צימער

און געפירט אן אָפּגעזונדערט לעבן. ער פלעגט די גאַנצע צייט אַרומ־שפּאַצירן אין גאָרטן, אָדער זיצן פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ מרה־שחורהדיקער, און האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט ביחידות אַן ערך פון זיבן יאָר, ביז ער איז געשטאָרבן. צי ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָדער עמעצער פון די חסידים האָט דערצו בייגעטראָגן, אַזוי ווי עס איז גע־שען אַמאָל, מיט דעם דאָקטאָר קאָהן, דער אַמאָליקער ראַבינער פון לעמבערג, איז נישט באַוווּסט.

אַלס שטראָף פאַר זיין אַפּיקורסות, האָט מען אים מקבר געווען אין רונשינערס „אהל", נאָר אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל און אַרומ־געצוימט מיט אַן אייזערנעם צוים, און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די טראַגעדיע פון דעם, וואָס האָט זיך גערופן דער לעאָווער רבי.

דאָ גיבן מיר די איבערזעצונג פון דער אויבן־דערמאָנטער קאָרעס־פּאָנדענץ:

„אין אַלטער רבי פונעם שטעטל לעאָווא, בעצירק קאָהול, האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט, אַז ער וויל אָנטאָן דעם קיסרלעכן גלויבן. און מען זאָגט, אַז צוריק מיט זעקס חדשים, זאָל ער האָבן פאָרגעלייגט זיין פרוי, זי זאָל זיך שמדן צוזאַמען מיט אים, די מיטגלויביקע זיינע, כדי אים אָפּצוהאַלטן פון אויספירן דעם באַשלוס, האָבן אים דעם 23־טן פון דעם חודש, אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי, מיט געוואַלט אַוועקגעפירט פון לעאָוואַ. זיי זענען אַריבער מיט אים דעם טייך פּרוט, און זיך אַוועקגעלאָזט קיין יאַס, כדי פון דאָרטן אים אַריבערצושטעלן די גרענעץ, מיט דעם אויסרייד, אַז ער איז נישט ביים פולן זינען. דער הער פּרעפעקט פון קאָהול מיטיילנדיק דעם דאָזיקן פאַקט, דעם מיניסטער פון אינערלעכע ענינים, האָט צוגעגעבן, אַז דער דאָקטאָר אַבעלעס פון לעאָווע, וועלכער האָט גוט געקענט דעם אַלטן רבין, אַז ער זאָל זיך קענען געניי אַרויסזאָגן זיין מיינונג, ווען דעם רבינס גייסטיקן געזונט־צושטאַנד, וועלכע זיינע מיטגלויביקע האַלטן פאַר אַ קראַנקן, האָט דערקלערט דעם הער באַטעזאַטו, דעם שעף פונעם אָרטיקן טעלעגראַפן־אַמט, אַז ער האָט נישט געפונען אין אים קיין שום שפּורן פון שגעון.

דער הער מיניסטער פון אינערלעכע ענינים, באַקומענדיק די דאָ־זיקע ידיעה, האָט תיכף געמאָלדן טעלעגראַפיש די פּרעפעקטן פון יאַס,

באַטאַשאַן און דראָראָהוי, וועגן דעם פאַל, וואָס איז געשען אין לעאָווא. ער האָט זיי אָנגעוויזן, אַז מען וועט דעם רבין פירן פון ראדוקעגעני קיין יאַס, כדי אים אריבערצושטעלן די גרענעץ, און ער האָט זיי באַפוילן אין דער זעלבער צייט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן אויסגעפינען די, וואָס האָבן דאָס פאַרברעכן באַגאַנגען, זאָלן זיי ברענגען דעם פּראָקוראָר, כדי פעסטצושטעלן די גוואַלד־טאַט, און זיי זאָלן זיך מיט די דאָזיקע לייט באַגיין לויטן געזעץ.

אויף דעם דאָזיקן באַפעל, האָט דער יאַסער פּרעפעקט געענטפערט, מיט פאָלגנדיקער טעלעגראַם:

„נאָך איידער איך האָב באַקומען אייער באַפעל, נאָר אויפן סמך פונעם פּאַפּיר, וואָס איך האָב באַקומען פון זיין עמינענץ דעם מיטראָפּאָליט, האָב איך אָנגענומען די נויטיקע מיטלען צו באַשיצן די אינדיווידועלע און געוויסנס־פרייהייט פון דעם לעאָווער רבין, וועלכער איז די דאָזיקע נאַכט דורכגעפאָרן רויִק קיין באַטאַשאַן, נישט באַקלאָגנדיק זיך וועגן גוואַלד־טאַט. איך האָב טעלעגראַפיש צו וויסן געטאָן דעם באַטאַשאַנער פּרעפעקט, און אים געבעטן, ער זאָל זיין אויף דער וואַך, און זאָל צו דער צייט באַשיצן דעם רבין, איבערגעבנדיק צום גערעכט אַלע, אויף וועלכע דער רבי וועט אָנווייזן, אַז זיי האָבן באַגאַנגען דעם פאַרברעכן קעגן זיין פרייהייט. מיין מיינונג איז, אַז ער איז נישט ביים פולן זינען“.

אין דער זעלבער צייט, האָט דער פּרעפעקט פון באַטאַשאַן מיטגעטיילט דעם הער מיניסטער, אַז ער האָט געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל באַוואַכן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט, אַלע וועגן, וואָס פירן קיין באַטאַשאַן און אין די אַנדערע שטעטלעך פונעם דיסטריקט. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז אויך ביי דער גרענעץ, האָט מען אָנגענומען מיטלען, צו פאַרהאַלטן דעם רבין, און אים נישט לאָזן אריבערגיין די גרענעץ.

דער הער מיניסטער פון אינערלעכע ענינים, באַקענענדיק זיך מיט די דאָזיקע צוויי ראַפּאָרטן, האָט אָפּגעשיקט דעם יאַסער פּרעפעקט פאָלגנדיקן טעלעגראַפישן באַפעל:

„עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איר האָט געלאָזט דעם רבין אַרויספאָרן פון יאַס, נישט פעסטשטעלנדיק צוערשט זיין גייסטיקן צושטאַנד“.

די גוואַלד־טאַט, וואָס די לעאָווער יידן האָבן דורכגעפירט, אויף דער פּערזאָן פונעם רבין, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, דורכן פּרעפעקט

אז דורכן פּראָקוראָר פון קאהול. איך האָב טעלעגראפירט דעם באַטאַ־שאַנער פּרעפעקט, ער זאָל דעם רבין צוריקשיקן קיין יאס".

אין דער זעלבער צייט, האָט דער הער מיניסטער, אויך געשיקט צו זיין עמינענץ, דעם יאסער מיטראָפּאָליט, א טעלעגראם מיט פאָלגנ־דן אינהאלט:

„ווענדיק זיך באקענען מיטן גאנצן אמת וועגן דעם, וואָס עס איז געשען מיטן לעאָווער רבין, באַשווער איך אייך, איר זאָלט מיר טעלע־גראפיש מעלדן, וואָס איר ווייסט וועגן דעם דאָזיקן ענין, און ווי אזוי די אדמיניסטראטיווע מאכט און די פּאָליציי האָבן זיך באַ־גאַנגען".

מיר גיבן דאָ אן אויסצוג, פון עטלעכע שטעלן, פון זיין עמינענץ, דעם מיטראָפּאָליטס טעלעגראפישן ענטפער:

„דער הויפּט־ראבינער פרידמאן פון לעאָווא, דערקלערנדיק, אז ער וויל אָנעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, אין דער אָנוועזנהייט פון מערערע יידן און קריסטן, האָבן אים די היגע יידן, מיט געוואלד אוועקגעפירט קיין יאס. איך האָב אויך וועגן דעם פאל געמאָלדן, דעם הויפּט־פּראָ־קוראָר, און האָב צוגעגעבן, אז דער רבי האָט געבעטן מיר זאָלן אינ־טערווענירן פאר אים. איך האָב אויך תיכף אוועקגעשיקט א קאָפּיע פון דער דאָזיקער טעלעגראמע, דעם פּרעפעקט פון יאסער בעצירק און דעם יאסער הויפּט־פּראָקוראָר, פארלאנגנדיק, זיי זאָלן גאראנטירן די פריי־הייט פונעם רבין, און אים שיצן, קעגן סיי וואָס פאר א דרוק, כדי ער זאָל קענען פריי ארויסזאָגן זיינע געדאנקען, מיר ווייסן אָבער נאָך נישט, וואָס דער פארקעט האָט וועגן דעם ענין געטאָן. בנוגע דעם פּרעפעקט, ווייסן מיר פּאָזיטיוו, אז ער האָט תיכף ארויסגעוויזן דעם גרעסטן אינ־טערעס צו אונדזער אינטערווענץ, און האָט אָנגענומען די געהעריקע מיטלען, וואָס זיינען אין זיין קאָמפּעטענץ".

אין משך פון דער דאָזיקער צייט, האָט דער פּרעפעקט פון דאָ־רהוי געמאָלדן דעם מיניסטער פון אינערלעכע ענינים, דורך א טעלע־גראפישן ראפּאָרט, אז לויט זיין מיינונג, האָט מען דעם רבין געפירט קיין טשערנאָוויץ, ווו ס'וווינט א בכבודיקער ראבינער.

דער הער מיניסטער, האָט טעלעגראפירט דעם פאָלטיטשענער פּרע־פעקט, ער זאָל נישט דערלויבן דעם רבין, אריבערצוגיין די גרענעץ, ביז צו א צווייטן באפעל.

אין דער זעלבער צייט, זענען ארויסגעגעבן געוואָרן נייע באפעלן צו די הערן פּרעפעקטן, פון דאָראָהוי און באָטאָשאַן, אז אויב דער רבי, וועט דאָרטנאָרומער דורכפאָרן, זאָל מען אים פארהאלטן, ווייל די יידן, וועלכע באגלייטן אים, באהויפּטן, אז ער איז נישט ביים פולן זינען. מען דארף אים צוריקפירן קיין יאס פעסטצושטעלן זיין גייסטיקן צושטאַנד.

אָבער נאָך די אלע מיטלען, וואָס די אדמיניסטראטיווע מאַכט האָט אָנגענומען, איז נישט מעגלער געווען צו פארהאלטן דעם רבין, ווי נאָר די, וועלכע האָבן אים מיט געוואלד אוועקגעפירט, דאָס זענען די יידן, וועלכע האָבן אויך געהאַט א מיטשולדיקן, דאָס איז לייב דיאַמאנטשטיין פון באָטאָשאַן. ביי זיי האָט מען געפונען דעם בילעט פון דער לעאָווער פּרימאריע, נומער 1860, וואָס איז ספּעציעל ארויסגעגעבן געוואָרן, אוועקצופירן דעם רבין, און ביי א יידן פון קאהול, וועלכן מען האָט פארהאלטן אין באָטאָשאַן, האָט מען געפונען א גאנצע קאָרעספּאָנדענץ, לויט וועלכער סע באקומט זיך, אז אין דעם רבינס אוועקפירן מיט געוואלד, האָט זיך אויך באטייליקט, דער יידישער ארענדאַטאָר פון דעם לעאָווער גוט.

נאָך די דאָזיקע מיטיילונגען, איז נאָך דערהאלטן געוואָרן, פונעם באָטאָשאנער פּרעפעקט, פאָלגנדע טעלעגראם:

„לויט די פּאַפּירן און לויט אנדערע אויספאָרשונגען, ווערט פעסטגעשטעלט, אז די שולדיקע אין דעם מיט געוואלד אוועקפירן דעם רבין, זענען: ניסטאָר וועקסלער, דער ארענדאטאָר פון לעאָווע; מארגוליעס סימאָן רייזנער פון יאס, חיים לייב דיאמאנט פון באָטאָשאַן; דער פּרימאר אָדער דעם פּרימארס שטעלפארטרעטער פון לעאָווא; נפתלי רעטשער פון באלקאָוועטשי און לייב הערמאן פון קאהול. דעם רבין האָט מען געפירט קיין מיהיילען צו ווילנערן. דער קאפּיטאן פון דעם גרענעץ־פּונקט פארזיכערט, אז ער איז נישט גאָר די גרענעץ, דער רבי געפינט זיך אָדער אין מיהיילען, אָדער ער איז היינט אריבערגעגאנגען די גרענעץ, אויף אן אנדערען נאָמען, אָדער מען האָט אים דערהרגעט, ביז איצט ווייסט מען גאָרנישט באשטימט אויף געוויס“.

די דאָזיקע אינפאָרמאציע האָט דער מיניסטער תיכף מיטגעטיילט דעם פּרעפעקט פון קאהול און אים געגעבן א באפעל ער זאָל צוזאמען מיטן אָרטיקן פּראָקוראָר, אויפזוכן די, וואָס האָבן באגאנגען דעם פארברעכן פון לעאָווא און די מיטשולדיקע ווייערע.

און א צווייטער טעלעגראם, האָט ער פונדאָסניי, פארלאנגט פון דעם באָטאָשאנער פּרעפעקט, ער זאָל אַלץ אָנווענדן און אויפזוכן דעם רבין, און די, וואָס זיינען באגאנגען דעם פארברעכן׳ די נייע אינפאָרמאציע, וואָס דער הער מיניסטער האָט באקומען פונעם באָטאָשאנער פּרעפעקט איז פאָלגנדע:

„לויט די אָנווייזונגען, פון דעם באלעגאָלע יאָסוב סין לייב, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז אין דער נאכט פונעם 25—26־סטן, האָט מען דעם רבין אריבערגעשטעלט די גרענעץ, דורך דעם גרענעץ־פּונקט מיהיילעני. דער פּרעפעקט איז דערין גאָרנישט שולדיק, ווייל ער האָט געגעבן זיינע באפעלן מיט דרייצן שעה פריער, דאָס הייסט ארום 4—3 אזייגער, אינעם טאָג פונעם 25־טן; נאָר דער קאפּיטאן פונעם גרענעץ־פּונקט, אָדער זיינע באאמטע, זיינען און קענען ווערן באשולדיקט, טאקע דורך זייערע אייגענע מעשים. אזוי ארום, איז נאָך דעם, וואָס דער קאפּיטאן האָט פארזיכערט דורך א שריפטלעכער נאָטע, אז ער האָט פארשטארקט די גרענעץ־וואך, נאָכדעם וואָס דער פּרעפעקט, האָט אָנגענומען ווירקזאמע מיטלען, איז דער רבי ארומגערינגלט פון א סך חסידים, דאָך אריבער די גרענעץ, די אויספאָרשונג ווערט געמאכט מיט דער גרעסטער געווויסנהאפטיקייט, כדי אויפצודעקן דעם אמת. די יירן באמיען זיך ארויסצובאקומען אין טשערנאָוויץ א צייגעניש פון א דאָקטאָר, אז דער רבי איז נישט ביים פולן זינען“.

דאָס איז ביז איצט, דער באקאנטער טייל פון די אומשטענדן, אונטער וועלכע, דאָס פארברעכן פון לעאָווא, איז באגאנגען געוואָרן. די רעגירונג האָט באשלאָסן, זיך נישט אָפּצוהאלטן פון קיין שום מיטלען. כדי אויפצוהויבן דעם שלייער, וואָס דעקט צו דעם דאָזיקן סוד, און וועט מיט דער גאנצער שטרענגקייט פונעם געזעץ, באשטראָפן די, וואָס האָבן באגאנגען דאָס פארברעכן, קעגן דער פערזענלעכער פרייהייט פונעם רבין, און וואָס האָבן פארגעוואלטיקט זיין געוויסן. אויף אזא שרעקלעכן אופן.

א דרייפאכיקע אויספאָרשונג, וועט אינגיכן אויפדעקן דעם גאנצן אמת אין דעם דאָזיקן ענין.

בנוגע די פארברעכער פון באָטאָשאן און פון לעאָווע, ווו דאָס פאר־ברעכן איז באגאנגען געוואָרן, זענען אָפּגעגעבן געוואָרן באפעלן, צו דעם פּארקעט, צוזאמען מיט דער אָרטיקער אדמיניסטראטיווער מאכט, זיי זאָלן דורכפירן א שטרענגע אויספאָרשונג“.

אן אדמיניסטראטיווע אויספאָרשונג, וועלכע דער הער קאָלאָנעל ב. סקעלעטי, איז באַאויפטראָגט געוואָרן צו מאַכן, וועט געבן דער רעגירונג, און דעם לאַנד, די מעגלעכקייט, זיך ארויסצוזאָגן, אויף וואָס פאַר אַן אופן די פאַרשידענע אדמיניסטראטיווע מאַכט פון די דיסטריקטן, דורך וועלכע מען האָט געפירט דעם רבין, האָבן דערפולט זייער פליכט, נישט געפונענדיק ביי זיי קיין שום שטיצע און שוץ. און צום סוף, פאַר דעם קאַפּיטאַן פון דעם מיהאילענער גרענעץ-פונקט, וואָס האָט דערלאָזט, אַז דער מיט־געוואלט אוועקגעפירטער רבי, זאָל אריבער די גרענעץ, איז אויך דער קאָלאָנעל סקעלעטי באַשטימט געוואָרן צו מאַכן א מיליטערישע אויספאָרשונג.

ס'איז שווער ביים היינטיקן טאָג פעסטצושטעלן, פונקטלעך די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, צו דעם איבערברוך, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם לעאָווער רבין, אַז ביי דער עלטער פון 50 יאָר, זאָל ער פאַרלירן די אמונה זייגע, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין ביז איצטיקן לעבנסשטייגער, און זאָל וועלן אָנהייבן א פריי לעבן.

זייער ווייניק מאַטעריאַלן, זענען אונדז פאַרבליבן פון יענער צייט, וועלכע זאָלן באַלויכטן דאָס דאָזיקע געשעעניש, דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן ס'האָבן געשעפּט סיי דר. האָראָדעצקי אין זיין אַרטיקל: „צדיק שיצא לתרבות רעה“ (החסידים והחסידות, חלק ג׳׳), סיי דער היסטאָריקער שאול גינצבורג אין זיינע היסטאָרישע שריפטן, איז דער אַרטיקל „אורות מאופל“ (ליכט פון דער פינצטערניש) פונעם שריפטשטעלער משה אָרנשטיין, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער העברעאישער צייטשריפט „האור“ תרמ׳ב (1881). רעדאַקטירט פון ישעיהו זילבערבוש.

אָבער אויך צו דעם דאָזיקן אויטענטישן מאַטעריאַל, געשריבן פון איינעם וואָס איז געווען א לעבעדיקער עדות, פון דעם געשעעניש, דאַרפן מיר זיך פאַרהאַלטן מיט א געוויסן רעזערוו, ווייל ערשטנס האָט אָרנשטיין, אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע אַרטיקל לויטן זכרון מיט אַן ערך פון 13 יאָר שפּעטער, און צווייטנס, זייענדיק אַליין א משכיל, און א פאַנאַטישער קעמפער, קעגן חסידיזם, איז ער נישט געווען גענוג אָביעקטיוו. ער האָט דאָס אַרטיקל אָנגעשריבן, נישט אַלס היסטאָרישן דאָקומענט, נאָר אין א משכיליש־ביטולדיקן טאָן סיי בנוגע דעם חסידיזם און די רביים בכלל, און סיי בנוגע דעם לעאָווער „צדיק“ בפרט.

5 — Figuri literare — c. 1549

אין אָרנשטײנס אַרטיקל, געפֿונען מיר אַלערלײ זידל־װערטער, קעגן דעם לעאָװער „צדיק", אָבער מיר געפֿונען נישט, קײן אײן אײנציק װאָרט דערין, װעגן דער טראַגעדיע, װאָס עס האָט זיך דאָך געמוזט אָפּשפּילן, בײם לעאָװער אין האַרצן, פֿונעם אָנהײב פֿון זײנע ערשטע ספֿקות, ביז צו דעם באַשלוס זײנעם, זיך אָפּצוזאָגן, פֿון זײן ביז־איצטיקן אופֿן פֿון לעבן, און אָנהױבן אַ קאַמף, קעגן זײן פֿרױ און די גבאָים, קעגן זײן גאַנצער רבישער משפּחה, און קעגן דער גאַנצער חסידישער װעלט.

אין די חסידישע קרײזן, האָט מען װעגן דעם דאָזיקן געשעעניש, גאָר װײניק גערעדט, און געשריבן װעגן דעם, אװדאי נישט. קײן ײדי־שער היסטאָריקער פֿון יענער צײט, האָט אױך נישט געפֿונען פֿאַר נױטיק, זיך צו פֿאַראינטערעסירן מיט דעם דאָזיקן ענין.

װעגן דעם לעאָװער, זענען צו יענער צײט פֿאַרשפּרײט געװאָרן, פֿאַרשידענע קלאַנגען, און ס'זײנען אַרױסגעזאָגט געװאָרן פֿאַרשידענע מײנונגען.

די מעשׂה, װאָס איז פֿאַרשפּרײט געװאָרן אין די צײטונגען, און צװישן פֿאָלק, אַז ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ קריסטלעכער פֿרױ, און אַז צוליב איר, זאָל ער האָבן געװאָלט אָנעמען, דעם קריסטלעכן גלױבן, איז פּשוט אַן אױסגעטראַכטע, װאָס איז נישט געשטױגן און נישט געפֿלױגן.

די מײנונג, אַז צו אים אין הױז, פֿלעגן אַרײנקומען מיסיאָנערן. װעלכע האָבן אים אָנגערעדט צו שמדן, איז נישט באַגרינדעט, און מיר געפֿונען אין ערגעץ נישט קײן שום רמז װעגן דעם.

מעגלעך, אַז די לעאָװער משׂכּילים, און די נײע השׂכּלה־ליטעראַטור, װאָס זײ האָבן אים געגעבן צו לײענען, זאָל האָבן געװירקט אױף אים, ער זאָל װעלן ענדערן זײן לעבנסװעג.

דער אױבן דערמאַנטער, משה אָרנשטײן, װעלכער איז געשטאַנען נאָענט צום לעאָװער, אין דעם טשערנאָװיצער פּעריאָד, דערצײלט, אַז ר' בער איז געװען אַ מיטלמעסיקער מענטש, מיט גאָר װײניק קענטע־נישן און אַז ער האָט אים געגעבן צו לײענען דאָס ספֿר „ויכוח על הקבלה" פֿון שד"ל (שמואל דוד לוצאַטאָ) און דעם „הצופה לבית יש־ראל" פֿון ד"ר יצחק ערטער, אַ סאַטירישע װערק, װאָס איז צו יענער צײט געװען שטאַרק פּאָפּולער אין די משׂכּילישע קרײזן, און אַז ער האָט אים, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, געפֿרעגט, צי ער האָט די דאָזיקע

ביכער געליענט, האָט דער לעאָווער געענטפערט, בזה הלשון: „דאָס ספר „ויכוח על הקבלה“, האָב איך נישט געליענט, ווייל ווער ווייסט נישט, אז קבלה האָבן שווינדלער אויסגעטראכט, דעם „הצופה לבית ישראל“ האָב איך יאָ געליענט, דאָס בוך איז מיר געפעלן, אָבער נישט אלץ וואָס עס שטייט אין בוך, האָב איך פארשטאנען“. און טאקע אין דעם זעלבן ארטיקל, דערציילט אָרנשטיין, אז ר' בער האָט אים אויסגעפרעגט, וועגן שפינאָזאן, און וועגן דעם העברעאישן שריפטשטעלער, שלמה יהודה ראפאפאָרט (שי"ר), דער פיאָנער פון דער השכלה, אין גאליציע. דערפון איז צו זען, אז די השכלה באוועגונג, איז אים יאָ געווען באקאנט, און מעגלעך, אז אונטער איר איינפלוס זאָל ער האָבן אָנגענומען דעם באשלוס צו ענדערן זיין לעבנס־שטייגער.

דערצו, האָט אויך זיכער בייגעטראָגן דער פאקט, וואָס ער האָט נישט געלעבט בשלום מיט זיין פרוי, וועלכע שיינט צו האָבן געהאט אן עקשנותדיקן כאראקטער, און זי האָט געוואָלט האָבן די ממשלה איבער אים. קיין קינדער האָט ער מיט איר נישט געהאט

א געוויסע ווירקונג, זאָל אויך האָבן געווען אויסגעאיבט אויפן לעאָווער, איינער פון זיי־ע הויז־פריינט, דער שעף פונעם לעאָווער טעלעגראפן־אמט, וועלכער זאָל האָבן געווען זיין, א געבילדעטער מענטש. מיט אים פלעגט דער לעאָווער פארברענגען די צייט אין זיין חדר מיוחד, שפילנדיק שאך, אָדער גלאט אזוי שמועסן.

דער דאָזיקער פאקט, ווערט אויך דערמאנט אין די פאראנגע מאטעריאלן, וועגן דעם לעאָווער, און דאָס ווערט אויך כמעט ווי באשטעטיקט, אין דער קאָרעספאָנדענץ, וואָס מיר האָבן דאָ פארעפנטלעכט. דער פרעפעקט פון קאהול, אין זיין טעלעגראם צום מיניסטער, פארגלייכט זיך אויף דעם שעף פונעם טעלעגראפן־אמט, הער באָטעזאטו (אליין א משומד אָדער וואָס שטאמט פון עלטערן משומדים), וואָס האָט דערקלערט, אינעם נאָמען פונעם דאָקטאָר אבעלעס, פון לעאָווע, אז ס'איז נישט אמת, אז דער רבי איז נישט ביים פולן זינען.

אויך דער יאסער מיטראָפּאָליט אין זיין טעלעגראם צום מיניסטער, דערציילט, אז צוויי קריסטן פון לעאָווע, האָבן אים טעלעגראפיש מיטגעטיילט דאָס געשעעניש מיטן לעאָווער. איינער פון די דאָזיקע צוויי, איז זיכער געווען, דער שעף פונעם טעלעגראפן־אמט, וועלכער האָט

בלי ספק, זיך שטארק אינטערעסירט מיט דעם, וואָס עס איז געשען, און וואָס האָט אָנגעווענדט אלע מיטלען, צו באַפרייען דעם לעאָוועד רבין.

מיר ווילן אויך דאָ דערמאנען, די פראגע פון „שמד“, אויף וועל־כער עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן, און זי ברייטער ארומרעדן.

דער ערשטער מקור, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן שמד, איז אלץ דער אויבן דערמאנטער ארטיקל, פון דעם העברעאישן שריפט־שטעלער משה אָרנשטיין, אין וועלכן, ער גיט איבער, אז איין איש נאמן פונעם סאראגירער הויף, זיינער א גוטער ברודער, זאָל אים האָבן דערציילט, אז בשעת דעם לעאָווערס ראַנגלען זיך מיט זיין פרוי אין מיט זיינע גבאָים, זאָל ער האָבן א זאָג געטאָן, אז אויב זיי וועלן אים נאָך א סך דערקוטשען, בלייבט אים נישט עפּעס אנדערש צו טון, ווי נאָר זיך צו שמדן.

די דאָזיקע ווערטער ווערן איבערגעחזרט, אין אלע פאראנענע מא־טעריאלן, וועגן לעאָווער. אפילו דער הושער רב, מתתיהו יחזקאל גוט־מאן, א ווייטער קרוב פונעם לעאָווער, ברענגט אויך די דאָזיקע ווער־טער אין זיין אפּאָלאָגעטישן חבור „רבי דוב מליאובה“.

דער יאסער מיטראָפּאָליט, אין זיין ענטפער צום מיניסטער, רעדט קלאָרע דיבורים, אז דער לעאָווער היפּש־ראבינער פרידמאן, האָט עפנטלעך דערקלערט, אז ער וויל איבערגיין, צום קריסטלעכן גלויבן און אז דערפאר, האָבן אים די יידן, אין דער אָנוועזנהייט פון מע־רערע יידן און קריסטן, מיט גרויס טומל, מיט געוואלד אוועקגעפירט קיין יאס“.

מיר קענען אָבער דאָס אלץ נישט אָנעמען פאר קיין באגלויבטע היסטאָרישע קוועלן. ווייל דאָס, וואָס ער האָט א זאָג געטאָן, אין א מאָמענט פון פארצווייפלונג, אז „עס בלייבט אים נישט איבער, עפּעס אנדערש צו טאָן, ווי נאָר זיך שמדן“, איז נאָך נישט קיין באַווייז אז ער איז טאקע געווען אנטשלאָסן, דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן שריט, צו מאַכן. און אויף די קריסטלעכע עדות: אויף דעם שעף פו־נעם טעלעגראפן־אַמט, און אויף דעם יאסער מיטראָפּאָליט, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען פארן לעאָווער, און זיך געווענדט צו די מאַכט־אָרגאנען, אים צו באפרייען, קענען מיר זיך אוודאי נישט פארלאָזן, ווייל, ערשטנס, שיינט אז זיי האָבן געזוכט צו שלאָגן קאפּיטאל דער־פון, און דערפאר, קומט ביי זיי ארויס די זאך א ביסל געפעלשט. בעת

ווען אין די יידישע מאטעריאלן, ווערט דערציילט, אז בשעת דער
לעצטער רבי, איז געפאָרן שפאצירן, ארויס פון שטאָט, האט מען אים
נארקאָטיזירט, געבונדן און אוועקגעפירט, א זאך וואָס שיינט צו זיין
אָנעמבאר, דערציילט דער מיטראָפּאָליט, לויט דער ווענדונג צו אים,
מצד די צוויי לעצטער קריסטן, אז, מיט גרויס טומל, אין דער אָנ־
וועזנהייט פון מערערע יידן און קריסטן, האָט מען דעם רבין מיט
געוואלד אוועקגעפירט קיין יאס, א זאך וואָס לייגט זיך נישט אויפן
שכל, אז דאָס זאָל האָבן געזען געשען בפרהסיא, קאָמפּראָמיטירנדיק
דעם רבין, בפני כל עם ועדה, נישט רעכענענדיק זיך, מיטן רבינס
גוטע ברידער, יידן און קריסטן, און נישט מיט דער לאָקאלער מאכט,
אפילו, אז זי געווען אונטערגעקויפט.

די הויפט־פראגע שטעלט זיך אָבער שפּעטער, אז אויב דער לעצטער
איז געווען אין דער אמתן אנטשלאָסן, אָנצונעמען דעם קריסטלעכן
גלויבן, פארוואָס־זשע, האָט ער נישט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען
דער טשערנאָוויצער הויפט־ריכטער און פּראָקוראָר, האָבן אים באפרייט
אין סאדאגורא, און אים געבראכט קיין טשערנאָוויץ? דאכט זיך, אז
קיין בעסערע געלעגנהייט פאר אזא שריט האָט מען נישט באדארפט,
און דאָך, האָט ער עס נישט געטאָן. דאָס איז, דאכט זיך, דער בעסטער
באווייז, אז ער האָט אפילו נישט געטראכט דערפון.

דאָס, וואָס דער גאון, ר׳ חיים האלבערשטאם, רופט אים אָן אין
די בריוו צו זיינע חסידים, „דער לעצטער משומד“, האָט אודאי קיין
שייכות נישט דערצו, ווייל פאר אזא אָרטאָדאָקסישן רב, ווי ר׳ חיים
איז געווען, איז ר׳ בערס זיצן אין טשערנאָוויץ, ביים דר. רייטמאן,
און עסן טרפות, זיכער געווען נאָך ערגער ווי געשמדט.

משה אָרנשטיין, גיט אויך אָנצוהערן, אין זיין אויבן דערמאָנטן
ארטיקל, אז די רומענישע רעגירונג, זאָל האָבן געהאט א סוד, מיט
דער עסטרייכישער רעגירונג, פאָדערנדיק, מען זאָל דעם לעצטער א יס־
ליפערן קיין רומעניע, און אין א וויציקער פאָרם, זאָגט ער, אז די
רעגירונגען, האָבן זיך געקריגט איבערן לעצטער, ווייל טאָמער וועט ער
זיך וועלן שמדן, און אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָט איעדע
רעגירונג געוואָלט, האָבן, דערין איר אייגענעם זכות. און דאָס זאָל
אויך האָבן געווען זיין, די הויפט־סיבה, וואָס דער מיניסטער, פון
אינערלעכע ענינים, האָט איינגעליינט וועלטן, מען זאָל דעם רבין פאר־
האלטן, און אים נישט לאָזן אריבערגיין די גרענעץ. איז, ערשטנס

לאכט אָרנשטיין אליין דערפון, און מאכט חוזק, אַז צווייטנס, זיינען קיין שום אָפיציעלע מאטעריאלן, וועגן דעם נישט באקאַנט. און דערמיט האָבן מיר פארענדיקט דעם דאָזיקן ענין.

מיר ווילן אויך צוגעבן, אז דאָס געשעעניש מיטן לעאָווער, האָט אויך געדינט פאר א טעמע, פאר אייניקע יידישע שרייבער אין זייערע שאפונגען. דער ערשטער איז געווען, דער באקאנטער טרובאדור פונעם יידישן ליד, דער פאָלקס־זינגער וואָלף ערנקראנץ, אָדער אזוי ווי דאָס פאָלק האָט אים גערופן, וועלוול זבארזשער. ער האָט אָנגעשריבן א גרויסע סאטירישע פאָעמע אין מאָנאָלאָגן אונטערן טיטל: „מקל חובלים“... „דער רבי ר׳ בער“.

אין דער דאָזיקער פאָעמע, אָנגעשריבן אין יידיש און העברעאיש, שילדערט ער דעם רושם, וואָס עס האָט ארויסגערופן דאָס געשעעניש, פונעם לעאָווער רבין, וואָס איז געוואָרן אן אפיקורס. וועלוול זבארזשער, האָט ווארשיינלעך אָנגעשריבן די פאָעמע, אין דער צייט, ווען ר׳ בער האָט געוווינט ביים דר. רייטמאן אין טשערנאָוויץ. זייענדיק אליין א משכיל, האָט ער די פאָעמע אָנגעשריבן, מיט באגייסטערונג און משכילישער איבערטרייבונג. און דער רבי ר׳ בער, ווערט ביי אים דערהויבן צו א ראָמאנטישער פיגור.

אויך מאטעסל פרידמאן, א זון פונעם אדזשודער רבין, אויך פונעם רוזשינערס גזע, האָט אָנגעשריבן א דראמע וועגן לעאָווער. אָבער, נאָכדעם וואָס דער מחבר איז געשטאָרבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פון פלעק־טיפוס, האָט די משפחה פארברענט אלע זיינע כתבים, צווישן וועלכע אויך די דאָזיקע דראמע.

אויך דער שריפטשטעלער, יעקב באַטאָשאנסקי, פון בוענאָס איירעס, האָט אָנגעשריבן א דראמע וועגן לעאָווער רבין. זייענדיק אליין א בעסאראבער, און וווינענדיק א צייט אין רומעניע, איז אים דאָס געשעעניש מיטן לעאָווער געווען באקאנט, און אים אָנגערעגט צו שרייבן אויף דער דאָזיקער טעמע. די פיגור פונעם לעאָווער, קומט ביי אים ארויס בולטער און געשיכטלעך פונקטלעכער. דאָך איז די דראמע גאָר שוואך. ס׳איז קענטיק אז באָטאָשאנסקי, האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע, דראמע, אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער קאריערע און זי פארמאָגט

נישט אין זיך, די רייפקייט, וואָס עס האָבן באַטאַשאַנסקיס שפּעטערע ווערק.

אויף דער דאָזיקער טעמע, האָט אָנגעשריבן א דראמע אויך א געוויסער א. דאווידזאָן, וועלטער שטאמט אליין פון לעאָווע. אָבער די דאָזיקע דראמע האָט א קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט. ערשטנס, קומט ביי אים ארויס די פיגור פונעם רבין א מטושטושע, און צווייטנס, האָט דער דאָזיקער מחבר זיך נישט געהאלטן נאָענט צו די היסטאָרישע קוועלן, א זאך, וואָס איז אומבאדינקט נויטיק, ביי אזא מין ארבעט און ער האָט די דראמע א ביסל פארשונדעוועט.

כדי אריינצופירן אין זיין דראמע א ראָמאן, ווערט ביי אים דער רבי, וואָס איז שוין אלט געווען אריבער ד פופציק — א יונגערמאן אין די פערציקער און די דאָזיקע אראָפּגעגנבעטע צען יאָר, לייגט ער צו, דעם דר. רייטמאנס צען־יעריק טעכטערל, און מאכט פון איר א כלה־מויד, פון א יאָר זיבעצן, וואָס שפּילט א ליבע מיט ר' בערן. אין פון דער רביצן, וועלכע שיינט צו האָבן געהאט, אן עקשנותדיקן כאַראקטער, און וואָס האָט אויסגעאיבט איר גאנצע ממשלה, איבערן רבין און איבער די גבאָים, מאכט ער פאר עפּעס א לעמעשקע, א יאַכנע, וואָס קומט מאכן סקאנדאלן דעם רבינס געליבטער, זי זאָל איר אָפּגעבן דעם מאן. און צום סוף ווערט זי נאָך משוגע אויך.

אויך דער אמעריקאנער יידישער שרייבער, י. וו. שטיין האָט אָנגעשריבן א דראמע אויף דער דאָזיקער טעמע, אבער די דראמע איז צו אונדז נישט דערגאנגען.

די אנסקי־פּייערונג אין בוקארעשט אין יאָר 1943

א קאַפּיטל זכרונות פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס

אין אײנעם א קאַפּיטל, פון מײנע זכרונות, האָב איך דערציילט וועגן דער פּרץ־פּייערונג אין בוקארעשט, אין דער צייט פון דעם פאַשיסטישן אנטאָנעסקו־רעזשים. איצט וויל איך דערציילן וועגן דער אנסקי־פּייערונג, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין דעם זעלבן יאָר.

„מיר", דאָס זיינען א גרופּע חברים, פּראָגרעסיסטן, וואָס זענען געווען אקטיוו אין די „קולטור־ליגעס" 1920—1928, וועלכע זענען ליקווידירט געוואָרן פון דער מאַכט, און אין דעם פארבאַנד „פּראָ ביראָבידזשאַן", וואָס איז ליקווידירט געוואָרן פון דער „סיגוראנצע" (די רומענישע געהיים־פּאָליציי) און אין די אָפּוועו־קאָמיטעטן וועלכע זענען געווען טעטיק, אויף דער יידישער גאַס, אין דער צייט, ווען עס איז אויפגעקומען דער פאשיסטישער היטלעריזם, ביי אונדז אין לאנד.

גאָר א ריי גאָלדפאדן, פּרץ, מענדעלע און שלום־עליכם פּייערונגען אין די טעמפּלען און שולן פון בוקארעשט, ביי וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען טויזנטער און טויזנטער יידן: אינטעלעקטואלן, שרייבער, קינסטלער, סטודענטן, יידן פון די פארשידענע שאנטיערן, ווו זיי זענען געווען געשיקט אויף צוואנגס־ארבעט, און סתם „עמך", האָבן מיר באשלאָסן דורכפירן די אנסקי־פּייערונג. אָבער דאָס מאָל אין כאָר־טעמפּל. די נעסט פון דער בוקארעשטער יידישער בורזשואזיע, אָדער — ווי אזוי אונדזער דיכטער און טעאטראָלאָג, יעקב שטערנבערג, פלעגט זי אָנרופן אין זיינע טעאטער־רעוויען — „דאָס צילענדער־יידנטום" — די יידישע קהל־פארזאָרגער, פון יענער צייט, וואָס פלעגן

א גאַנץ יאָר זיין פאַרהייעט און פאַרשמייעט, מיט זייערע געשעפטן, און וואָס נאָך ראש־השנה און יום־כפור פלעגן זיי א כאפ טון אויף זיך דעם פראַק און צילינדער, געמענדיק די פרוי אונטערן אָרעם, אַנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע, און באפוילן דעם שאָפער צו פאָרן אין גאס „ספינטא־ווינער" (דער הייליקער פרייטיק), ווו ס'געפינט זיך דער כאָר־טעמפל, און וועלכן עס פלעגט נאָר זעלטן פאַרבלאָנדזשען א פשוטער ייד. דווקא דאָ, אין כאָר־טעמפל, האָבן מיר פאַרטראַכט דורכן צופירן די אנ־סקי־פייערונג.

מיר האָבן פון פאָרויס געוווסט, אז דאָס וועט אונדז אזוי לייכט נישט אָנקומען, אין דער דאָזיקער צייט ווען די „צענטראַלא עווריי־לאָר" (דער יידן־ראט פון רומעניע) האָט געבושעוועט אויף דער יידי־שער גאס, צוהעלפנדיק צו שיקן עלטערע יידן און יונגט אויף צוואנגס־ארבעט. אָבער דאָס איז פאַר אונדז געווען וויכטיק. קודם־כל דער פאַרנעם פונעם טעמפל, וואָס נעמט אריין טויזנטער מענטשן, און צווייטנס, דער פרעסטיזש פון יידיש, צו פייערן א יידישן שרייבער אין סאמע נעסט פון דער אסימילאטאָרישער בורזשואַ־זיע, וואָס פלעגן זיך שעמען מיטן יידישן וואָרט, אין כאָר טעמפל, ווו מען האָט זעלטן געהערט א יידיש וואָרט, ווער שמועסט נאָך פון דעם באַלעמער אראָפ, אוודאי נישט.

אז דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, איז מיט נאָך א חבר געקומען אין דעלעגאציע, צום פרעזידענט פונעם טעמפל — א באַ־קאַנטער בוקארעשטער גביר — און אים געזאָגט וועגן וואָס עס האנדלט זיך, האָט ער אויף אונדז א קוק געטאָן, מיט א פּאָר אויס־געגלאָצטע אויגן, און מיט אן אָנגעשטרענגטער מינע, האָט ער געענט־פערט קורץ און שארף, מיט זיין א ביסל הייזעריקלעכן קול: „אומ־זיסט די מי אייערע. איך וועל נית לאָזן חוזק מאכן פונעם טעמפל, און מאכן דערפון א זאל פאר טעאטער־ספעקטאקלען, אמת, איך האָב געהערט פון דעם דאָזיקן שרייבער אנסקי, וואָס איז דאכט זיך, דער מחבר פון דער פיעסע „דער דיבוק", וואָס די „ווילנער טרופע" האָט געשפּילט ביי אונדז, נאָר אין כאָר־טעמפל קען איך נישט דערלויבן קיין פראָפאנע קולטור־ פאראנשטאלטונגען.

וואָס מיר האָבן אין דעם דאָזיקן יידן נישט אריינגערעדט, איז אַלץ געווען אומזיסט. גלייך רעדט צו דער וואנט. ווען מיר האָבן געזען,

אז אלע אונדזערע רייר האָבן נישט געהאָלפן, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן צו אים אנדערע דיבורים. און אים געזאָגט, ער זאָל נישט מיינען, אז ער וועט אייביק זיצן אויף דעם פרעזידענטן-שטול, אז מיר וועלן אויף דערויף נישט מוותר זיין.

דערהערנדיק פון אונדז אזעלכע דיבורים, האָט ער זיך אָנגעהויבן מינען אויפן פנים, באלד איז ער רויט געוואָרן און באלד בלאס. ער האָט גענומען ווערן נאָכגיביקער, און האָט א זאָג געטון: גיט אהער דעם פראָגראם אייערן, וועלן מיר זען, וואָס עס איז צו טאָן. איבער-לייענענדיק דעם פראָגראם, האָט ער א שמייכל געטאָן און געזאָגט: גוט, איך גיב אייך דעם טעמפל, אָבער מיט געוויסע תנאים. די רעדנער, וואָס דארפן ארויס טרעטן אויף דער פייערונג, זאָלן נישט רעדן פון דער בימה אראָפ, פון וועלכע עס פרעדיקן די ראבינער, און דריטנס, זאָלן די פרויען, סיי די וועלכע וועלן אָנטייל נעמען אין פראָגראם, סיי די אָנוועזנדיקע, נישט קומען אין טעמפל מיט די בלויזע האָר".

אזוי ווי מיר האָבן נאָר ארויסבאקומען די באוויליקונג, האָבן מיר באשטימט די דאטע פון 20-טן יוני, און מיר זענען צוגעטרעטן צוצו-גרייטן דעם פראָגראם. מיר האָבן אויך צוגעגרייט א באוועגלעכע סצענע, וועלכע מיר האָבן מאָנטירט לעבן דער בימה, א פאָר שעה פארן דער-עפענען די פייערונג.

נאָכדעם, וואָס מיר האָבן רעזערווירט א ריי אומזיסטיקע פלעצער, פאר די, וואָס זיינען געווען אויף צוואנגס-ארבעט, פאר יידישע סטודענטן, שרייבער און פאר אינטעלעקטואלן, זיינען אויך דאָס מאָל, די איינ-טריטס-קארטן אויספארקויפט געוואָרן, בלויז אין א פאָר טעג. דאָס טעמפל האָט געהאט א פייערלעכן אויסזען. מענטשן האָבן געשטראָמט פון אלע עקן שטאָט. באלד איז דאָס טעמפל געוואָרן איבערפולט, אז ס'איז נישט געווען ווו א שפילקע צו ווארפן. הונדערטער מענטשן, זיינען אוועק אהיים, נישט געפונענדיק מער קיין פלאץ אריינצוגיין.

דער קינסטלערישער טייל, איז באשטאנען פון דראמאטיש-מוזי-קאלישע קאָמפאָזיציעס אויף דער טעמע „דער טויטן-טאנץ" און אויף אנדערע דיבוק-מאָטיוון; א רעציטאציע פון אנסקיס פיעסע „דער דיבוק" אויף רומעניש, אויסגעפירט פון די ארטיסטן בעטי פרעדאנאָוו און אל. פינצי: א רעציטאציע פון אנסקי'ס פיעסע „טאָג און נאכט"

און צום סוף א גרעסערע קאָלעקטיווע רעציטאַציע פונעם „דיבוק“ אויסגעפירט פון א גרופּע יידישע אַקטיאָרן.

נאָך דריי שעה צייט, האָט זיך די פייערונג פאַרענדיקט, מיט פּרצעס ליד „טרייסט מיין פאָלק“, געזונגען פון א כאָר, באַגלייט פון לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

ארויסקומענדיק נאָך דער פייערונג, אין הויף פונעם טעמפּל, בין איך איבעראַשט געוואָרן פון דעם ספּעקטאַקל, וואָס איך האָב פאַר מיר דערזען:

די טראַמווייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, הונדערטער מענטשן האָבן פאַרפלייצט דעם הויף פונעם טעמפּל און די גאַס. זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט, און ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די אָנטיילנעמער פונעם פּראָגראַם, איז די לופט פאַרהילכט געוואָרן, פון די שטורמישע אָוואַציעס, מיט וועלכע די אָנוועזנדיקע האָבן באַדאַנקט די אַרטיסטן, שרייבער און רעדנער, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם פּראָגראַם.

און שטייענדיק אַזוי און קוקנדיק, אויף דעם גראַנדיעזן ספּעקטאַקל, איז צו מיר צוגעקומען א פרוי, אין די מיטלערע יאָרן, און האָט צו מיר געזאָגט:

„איך בעט אייך איבערגעבן אייערע חברים, אונדזער טיפסטן דאַנק פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס איר האָט אונדז אַלעמען פאַרשאַפט, מיט דעם זייער שיינעם און באַלערנדיקן ספּעקטאַקל. איך בין דאָ מיט מיין גאַנצער משפּחה. מיר זייגען פון יאַס. מיר האָבן זיך אַהער געראַטעוועט נאָך דעם שרעקלעכן פּאָגראָם, וואָס די פאַשיסטישע היטלעריסטן, האָבן ביי אונדז געמאַכט. צווישן די צוועלף טויזנט קרבנות, האָבן מיר פאַרלוירן א סך מיטגלידער פון אונדזער משפּחה. אפשר, וועט נאָך אַמאָל קומען א צייט, ווען די מערדער וועט באַצאָלט ווערן, פאַר די אומשולדיקע קרבנות. איר ווייסט גאָר נישט, וואָס עס באַדייט פאַר אונדז, און פאַר נאָך א סך אַנדערע ווי מיר, די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט. דאָס יידישע וואָרט, וואָס מיר האָבן דאָ געהערט, איז פאַר אונדז א טרייסט, אין די דאָזיקע שווערע פאַרוואָלקנטע צייטן. און דאָס דערוועקט אין אונדז א האָפענונג, אז עס וועלן אפשר נאָך קומען שענערע און בעסערע צייטן“.

— נישט אפשר — האָב איך איר געענטפערט — גאָר זיכער, אז עס וועט קומען די צייט און די צייט איז שוין נישט ווייט, ווען די מענטשן־מערדער וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף, ווען די

וואָלקנס וועלן פארשווינדן און די זון וועט ווידער א שיין טאָן אויף אונדזער גאס.

און די צייט איז טאקע געקומען, אָבער לײדער האָבן נאך ביז היינט נישט אלע תלינים באקומען זייער שטראָף.

מיטן אויפקומען פונעם נעאָ-נאציזם, אין מערב-דייטשלאנד, האָט זיך פון דאָס ניי פארפעסטיקט די נעסט פון די היטלעריסטישע רוצ-חים, וועלכע פארנעמען אויך היינט צו טאָג, הויכע פאָסטענס, אין דער רעגירונג, און אין דעםווירטשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין מערב-דייטשלאנד און באדראָען דעם שלום פון דער וועלט.

אָבער מיר האָפן, אז אויך זייער צייט וועט קומען און אויך זיי וועלן זייער שטראָף באקומען, וויאזוי זאָגט פרץ אין זיין ליד „מיין נישט":

„די וועלט איז קיין קרעטשמע,
קיין בערזע, קיין הפקר,
געמאָסטן ווערט אלץ, געוואויגן ווערט אלץ,
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפן פארגיין
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פארלאָשן
פון טרערן ווערן טייכן, פון טייכן ימים
פון ימים א מבול, פון פונקען א דונער.
אָ, מיין נישט לית דין ולית דין".

אויגוסט 1961.

אליעזר שטיינבארג

דעם 27־טן מערץ 1969 ווערט 37 יאָר, זייט ס'איז געשטאָרבן אין טשערנאָוויץ דער בארימטער דיכטער און פאבוליסט אליעזר שטיינבארג.

ליידער האָבן מיר נישט, ביז היינט צו טאָג, קיינע אויספירלעכע ביאָגראפישע דאטן, וועגן דעם לעבן פון אונדזער דיכטער.

מיר ווייסן אזויפיל, אז ער איז געבוירן אין ליפקאן — בעסאראביע, געלעבט א צייט אין טשערנאָוויץ, אויסגעוואנדערט קיין בראזיל, צוריקגעקומען קיין טשערנאָוויץ, פון וואנען ער איז פון צייט צו צייט אראָפּגעבראכט געוואָרן פון א גרופע חברים קיין בוקארעשט, און אין אנדערע שטעט, וו ער פלעגט אויפטרעטן, מיט זיינע ווונדערבארע, אינהאלטסרייכע, רעפעראטן און רעציטירן פון זיינע משלים, וועלכע פלעגן אויפגענומען ווערן מיט אן אומבאשרייבלעכער באגייסטערונג מצד די צוהערער.

אָבער כאָטש א גרויסער טייל פון זיינע משלים ווי „די שפּיז און די נאָדל“, „דער כאלעף און די זעג“, „דאָס פערד און די בייטש“, „צוויי פּיינעלער“, „שנאת־חנם“, און נאָך א סך אנדערע פון זיינע שאַפונגען, זענען געווען שטארק פּאָפּולער, געגאנגען פון מויל צו מויל, און זענען געוואָרן פאָלקס־אייגנס, און כאָטש זיינע משלים זענען אויך געווען באקאנט אויסער די גרענעצן פון רומעניע, אין אלע לענדער, ווו עס ווערט געלייענט און גערעדט אונדזער יידיש לשון, האָט ער דאָך נים געהאט די זכיה, צו זען ביי זיין לעבן אָפּגעדרוקט זיינע משלים אין בוך־פאָרם.

ער איז אוועק פון אונדז, פונקט אין דער צייט, ווען דורך דער איניציאטיוו פון זיינע טשערנאָוויצער חברים, איז אריין אין דרוק זיין ערשטער באנד משלים, און ער האָט נאָך באוויזן צו מאכן די לעצטע קאָרעקטור פון די ערשטע פאָר דרוק־בויגן. און ביי דער 24־סטער זייט קומען אריין פאָלגנדע שורות איינגערייטט אין א שווארץ רעמל:

„די משלים וועלכע גייען אריין אין ביז איצטיקן בויגן, זענען אויס־געזעצט אונטער דער פאָטערלעכער השגחה פון זייער באשאפער".

„דאָ אף דער שטעל, האָט דער טויט אָפּגעשיידט דעם מייסטער פון זיין ווערק. געשען איז עס, זונטיק באנאכט אף מאָנטיק, דעם 27־סטן מערץ 1932, ווען דער זייגער האָט געקלונגען דריי".

ווען אליעזר שטיינבארג, זענען שוין פארעפנטלעכט געוואָרן א גאנצע ריי ארטיקלען, און גרעסערע אָפּהאנדלונגען, אין דער יידישער פרעסע פון רומעניע, און אויך אין די אויסלענדישע פעריאָדישע אויס־גאבן. אָבער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע שרייבער, האָבן זיך צום מערסטן אָפּגעשטעלט אויף די משלים זיינע, וועלכע זענען באמת די קרוין פון זיינע שאפונגען. דערפאר האָבן זיי אָבער פארזען אָדער זיך גאָר ווייניק אָפּגעשטעלט אויף שטיינבארגן דעם פעדאגאָג, איך מיין אויף שטיינבארגן דעם מייסטער פון דעם יידישן קינדער־מעשהלע, „די מייסעלעך", מיט וועלכע ער האָט באצירט אלע אונדזערע קינדער־זשורנאלן אין יידיש, וועלכע זענען דערשינען צו יענער צייט.

אויך איז גאָר ווייניק געשריבן געוואָרן, וועגן זיינע מייסטערהאפטע קינדער־פיעסן, וועלכע זענען אפשר ווייניקער באקאנט, ווייל זיי זענען קיינמאָל נישט דערשינען אין בוך־פאָרם, אָבער וועלכע זענען פול מיט קינדערישן חן, מיט קינסטלערישן פאטאָס, מיט רייכער פאנטאזיע, פארכאפנדיק און אינטערעסאנט, צום מייסטן געבויט אויף פאָלקס־לעגענדעס, אויף וועלכע, ס'ליגט דער יידישער חותם, און וועלכע, דער וואָס האָט זיי געזען אויפגעפירט און געשפילט פון די קינדער, קאָן זיי קיינמאָל נישט פארגעסן.

אויך פון דעם גרויסן אוצר פון זיינע קינדער־מעשהלעך איז דער־שינען איין איינציקער באנד, אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1936. א פראכט־פולע אויסגאבע, געדרוקט מיט א ספעציעלער שריפט און באצירט מיט מייסטערישע צייכנונגען פון דעם באגאבטן יידישן מאָלער ארטור קאָלניק, וועלכער האָט אויך באצירט מיט זיינע בארימטע צייכנונגען

די משלים זיינע. א צווייטע אויסגאבע פון זיינע משלים און קינדער-מעשהלעך, זענען אויך נישט לאנג דערשינען אין דעם בוקארעשטער מלוכה-פארלאג.

ביי דער געלעגנהייט פון אליעזר שטיינבארגס 37-סטן יארצייט וויל איך פארעפנטלעכן זיינס א קינדער-ליד, וואס איז זייער ווייניק באקאנט און וואס איז פארבליבן ביי מיר אין כתב־יד און וואס טראגט די דאטע פון 28-סטן פעברואר 1928, בוקארעשט.

און איצט דאס ליד:

א. ב. ג.
פינצטער איז דער הימל,
ד. ה. ו.
גייט א וועלפעלע צו די שאף.
ז. ח. ט.
נימט וואלף, די שאף, ניט עס.
י. כ. ד.
גאטס ראכמאנעס אויף די שאף,
ל. מ. נ.
באלד גייט אויף א רויטע זון,
ס. ע. פ.
רויטער האן וועט טאן א קריי.
פ. צ. ק.
ער וועט טון א הויכן רוף.
ר. ש. ת.
און א סאף צו נאכט און שלאף.

אט דאס דאזיקע ליד שטיינבארגס וואלט געדארפט אריינקומען אין די יידישע לערנביכער און כרעסטאמאטיעס, פאר יידישע קינדער, פון דער גאנצער וועלט.

„MORE JUDAICO“

(א טרויעריק קאפּיטל און דער געשיכטע פון די יידן
אין אמאָליקן רומעניע)

איינס פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלען, אין דער געשיכטע, פון די יידן־פאַרפאָלגונגען און רעכט־באַגרענעצונגען, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין, אין דעם אמאָליקן רומעניע, אונטער דער בורזשואזער באָיארישער הערשאַפט, איז אויך געווען, די ספּעציעלע שבועה פאַר יידן, וואָס וואָט געהייסן „מאָרע זשודאיקאָ“.

די דאָזיקע שבועה, וואָס יידן האָבן געדאַרפט אָפּגעבן אין געריכט, איבערהויפּט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין געלט־פּראָצעסן, האָט אין פאַרלויף פון דער צייט, אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען, און איז כסדר באַגלייט געוואָרן, מיט ספּעציעלע פאַראָרדענונגען, אין די אלע לענדער, וו די דאָזיקע שבועה, איז אָנגעווענדט געוואָרן.

אין וואָס זענען באַשטאַנען די דאָזיקע פאַראָרדנונגען?

צומייסטן, האָט די שבועה באַדאַרפט פאָרקומען אין שול, אָדער אין בית־המדרש, אין דער אָנוועזנהייט פון א רב. מען האָט געדאַרפט זיך אָפּשניידן די נעגל, זיך טובלען אין מקוה, אָנצינדן ליכט, בלאָזן שופר, אָנטון תכריכים, ברענגען דאָס טהרה־ברעט, פאָרלייענען די תוכחה, וכדומה נאָך אזעלכע מינים אויסטערלישע מנהגים.

אין די צייטן פון קאַרל דעם גרויסן, למשל, אז א ייד האָט גע־האַט א געלט־פּראָצעס מיט א נישט־ייד, האָט מען דעם יידן ביים אָפּגעבן א שבועה, אָנגעטון א דערנער־קרוין אויפן קאָפּ, אָדער א דערנער־קראַנץ אויפן האלדז, און אין דער רעכטער האנט, האָט ער געדאַרפט האלטן א ספר־תורה, אָדער א תנ״ך מיט לאטיינישער אי־בערזעצונג.

בעלי חובות זאָלן נישט דאַרפן באַצאָלן.

לויט די דייטשע ביכער, וועגן די רעכט אין מיטלאַלטער (יאָר 1555) איז צו זען, אַז בײַ אָפּגעבן אַ שבועה האָט דער ייד געדאַרפט שטיין אויף אַ חזיר־פעל און האַלטן אין דער האַנט אַ תנ״ך.

היינטיקן טאָג איז נישט מעגלעך פעסטצושטעלן, די צייט און דאָס אָרט, אָדער דאָס לאַנד, ווו די פּראָצעדור, פון דער דאָזיקער אַרט שבועה, האָט זיך אָנגעהויבן. מעגלעך, אַז די דאָזיקע שענדלעכע שבועה, פאַר יידן, איז אַנטשטאַנען אין די לענדער, ווו יידן, זענען געווען פאַרבאָטן, אַ גאַנצע רײַ פּרנסות, ווי ערדאַרבעט, קויפן הײַזער און גיטער, האַנדלען מיט געוויסע מינים סחורות, און אויך מיט פרייע פּראָפעסיעס, אַזוי אַז אַ טייל יידן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט וווכער, מיט לייען געלט אויף פּראָצענט צו גוט־באַזיצער, הייבע אָנגעשטעלטע און צו אָפיצירן, נישט־יידן. האָבן די דאָזיקע בעלי־חובות צוגעטראַכט אַזאַ מין שבועה, פון וועלכער דאָס רוב יידן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שווערן, און אַזוי אַרום, זײַנען די בעלי־חובות פּטור געוואָרן פון זייערע שולדן.

טייל פאָרשער זענען בײַ דער מיינונג, אַז די דאָזיקע שענדלעכע שבועה, איז אײַנגעפירט געוואָרן, צוליב דער מסירה פון דעם משומד הירראָנימוס, אַז יידן זענען עלול צו שווערן פאַלש, ווייל די תפילה „כל נדרי“, וואָס ווערט געזונגען ערב יום־כפּור אויף דער נאַכט, באַפרייט זיי פון יעדער מין שטראָף, פאַר שווערן פאַלש, אין קומענדיקן יאָר.

אַלנפאַלס איין זאַך קען מען פעסטשטעלן, אַז די דאָזיקע ספּעציעלע שבועה פאַר יידן, שטאַמט פון גאָר אַלטע צייטן.

נאָך אין יאָר 531, אונטער דער הערשאַפט פון יוסטיניאַן אין ביזאַנץ, געפונען מיר שוין די ערשטע שפּורן, פון אַ ספּעציעל צוגעטראַכטער שבועה, פאַר יידן, און פאַר די נישט־גלויביקע.

אין מיטלאַלטער, איז די דאָזיקע שבועה נאָך מער פאַרשפּרייט געוואָרן, און איז אָנגעווענדט געוואָרן, אין מערערע אייראָפּעאישע לענדער, ווי דייטשלאַנד, שפּאַניע א. א. און איז אָנגעהאַלטן געוואָרן, אין אַ טייל לענדער, אפילו נאָך אין אָנהויב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין צארישן רוסלאנד, למשל, האָט מען זיך נאָך באנוצט מיט דער דאָזיקער שבועה, ביים רעקרוטירן יידישע סאָלדאטן, ביז אין דער העלפט פונעם נייינצנטן יאָרהונדערט.

אמשפּעטעסטנס, האָט די דאָזיקע יידישע שבועה, געדויערט ביי אונדז אין רומעניע, וו זי איז אָנגעווענדט געוואָרן, ביז אין די צוואנציקער יאָרן פונעם איצטיקן יאָרהונדערט.

מיטן אויפקומען פונעם קאמף, פאר דער עמאנציפּאציע פון די יידן אין אייראָפּע, האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער קאמף פאר דעם רעפאָרמירן פון דער יידישער שבועה.

דער קאמף קעגן דער שבועה, איז צום אָנהויב געווען גאָר א שוואכער. ער האָט זיך אָבער פארשטארקט, אינעם סוף פונעם אכצנטן יאָ־הונדערט, און אין דער ערשטער העלפט, פונעם נייינצנטן יאָר־הונדערט, ווען עס איז אויפגעקומען, צוערשט אין דייטשלאנד, און דערנאָך אין אנדערע אייראָפּעאישע לענדער, די רעפאָרם־באוועגונג פון דער יידישער רעליגיע.

פאר דער צייט, איז אויך אנטשטאנען א רייכע ליטעראטור, וועלכע האָט צווישן אנדערע אקטועלע יידישע פּראָבלעמען, אויך באהאנדלט דאָס פּראָבלעם פון דער שבועה, פונעם שטאנדפּונקט פון יידישן דין. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, איז אויך באהאנדלט געוואָרן, פון די יידישע געלערנטע פון יענער צייט ווי: זכריה פרענקל, ש. י. ראפּאפּאָרט אין 1840 און י. צונץ אין יאָר 1859.

א חרפּה פארן יידישן פאָלק.

די דאָזיקע פאָרשער און געלערנטע, האָבן געפירט אן ענערגישן קאמף, קעגן דער שענדלעכער צערעמאָניע, פון דער יידישער שבועה, און האָבן אויפגעוויזן, אז אין די אמאָליקע גאָר אלטע צייטן, האָבן אויך פאר ניט־יידן, עקזיסטירט פארשידענע מנהגים, ביים אָפּגעבן א שבועה.

למשל ביי דער שבועה האָט געדארפט זיין אָנוועזנד א גייסטלעכער, כדי, ער זאָל אויף דעם וואָס שווערט, אָנווארפן א פּחד און א שרעק,

וכדומה. אָבער דאָס אַלץ איז שוין לאַנג בטל געוואָרן, און יעדער נישט־ייד, ניט אָפּ די שבועה אָן קיין שום ספּעציעלער צערעמאָניע, נאָר לויטן געזעץ און לויט זײַן גלויבן און נישט מער. בלויז דער ייד, איז נאָר מחויב צו שווערן, לויט דעם באַרבאַרישן נוסח, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַזעלכע מינים אויסטערלישע מנהגים, וואָס האָבן אין גרונט גענומען, גאָרנישט קיין שייכות, מיטן ייִדישן דת, און אַנטהאַלטן אין זיך נישט קיין שום זאַך, וואָס זאָל זײַן פֿאַרבונדן מיטן ייִדנטום.

די דאָזיקע געלערנטע, האָבן אויך אויפגעוויזן, אַז די שענדלעכע צערעמאָניע, פֿון דער ייִדישער שבועה, איז אַ חרפּה פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, אַז דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן, מיט דער תפילה „כל נדרי“, און אַז דער ציל פֿון דער שבועה, איז פּשוט צו דערנידעריקן דאָס ייִדישע פֿאָלק, אין די אויגן פֿון די אַנדערע פֿעלקער.

זיי האָבן אויך אָנגעוויזן, אויף דער גרויסער מאָראַלישער בושה, וואָס פֿון אַלע אַנדערע אײַנוווינער פֿונעם לאַנד, צו וואָס פֿאַר אַ רעליגיע, זיי זאָלן ניט געהערן, איז נאָר דער ייד אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט, ווען עס האַנדלט זיך אָפּצוגעבן אַ שבועה, און אַ חוץ דער מאָראַלישער שאַנד, איז די דאָזיקע שבועה, אויך פֿאַר די ייִדן אַ גרויסער מאַטעריעלער שאָדן, פֿון וועלכן עס פּראָפֿיטירן די נישט־ערלעכע מענטשן, ווײַל דאָס רוב ייִדן, זאָגן זיך אָפּ אין געלט־פּראָצעסן כדי נישט דורכצומאַכן די שענדלעכע פּראָצעדור פֿון דער שבועה, וועלכע זייערע בעלי־חובֿות וואַרפֿן אויף זיי אָן, און אַזוי אַרום פֿאַרלירן די ייִדן, זייערע געלט־תּביעות.

משה מענדעלזאָנס שטעלונג.

דאָ איז אויך כדי צו באַמערקן, אַז בײַם אָנהייב פֿון קאַמף קעגן דער „מאָרע יודאיקא“ אין דײַטשלאַנד, האָט זיך די דײַטשע רעגירונג, געווענדט צו דעם דײַטש־ייִדישן פֿילאָזאָף, משה מענדעלזאָן, און אים אָנגעפֿרעגט זײַן מיינונג, וועגן דער ייִדישער שבועה. ער האָט אָבער צו יענער צײַט, נישט געהאַט גענוג מוט, און נישט געוואַגט, אָנטייל

צונעמען אין קאמף, קעגן דער דאָזיקער שענדלעכער יידישער שבועה. ער האָט זיך נאָר באגנוגנט, אָנצוגעבן קליינע, מינדערווערטיקע, טעכנישע ענדערונגען, אין דעם שבועה־טעקסט, וואָס האָט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד צו יענער צייט.

מיט דער דאָזיקער, גישט אינגאנצן קלאָר ארויסגעזאָגטער מיינונג, מענדעלזאָנס, האָט די דייטשע רעגירונג, זיך באנוצט אלס ארגומענט, קעגן דער יידישער רעפאָרם־באַוועגונג.

ביי אונדז אין רומעניע, האָט זיך דער קאמף קעגן דער שענדלעכער יידישער שבועה, אָנגעהויבן ערשט צום סוף פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

דער ערשטער, וואָס האָט געגעבן דעם צייכן צום קאמף, איז געווען דר. מ. בעק, דער דעמאָלטיקער ראבינער פונעם בוקארעשטער כאָר־טעמפל, וואָס איז אין די אכציקער יאָרן, פונעם 19־טן יאָרהונדערט, צום ערשטן מאָל עפנטלעך ארויסגעטרעטן, קעגן דער אזוי גערופענער „מאָרע יודאיקא", מיטגנדיק אויפמערקזאם, אויף דער נאציאָנאלער בושה, וואָס די דאָזיקע שבועה באדייט פאר יידן. ער האָט אפעלירט צו דער רומענישער רעגירונג, זי זאָל אָפשאפן די דאָזיקע שבועה, און גלייכצייטיק האָט ער אגיטירט די יידן, זיי זאָלן אָנהייבן א סיסטעמאטישן קאמף, קעגן דעם דאָזיקן איבן פון שווערן.

דעם דר. בעקס דעמאָלטיקער ארויסטריט, האָט אָבער געהאט א שוואכן אָפקלאנג, ווייל ער איז נאָר צו יענער צייט געשטאנען אליין אין קאמף.

ערשט צום סוף פונעם 19־טן יאָרהונדערט, האָבן א ריי אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן, פון דער רומעניש־יידישער אינטעליגענץ, כלל־טוער און אויך טייל אָנפירער פון יידישע אינסטיטוציעס, און פון די יידישע קהילות אָנגעהויבן א סיסטעמאטישן קאמף קעגן דער „מאָרע יודאיקא".

צווישן די דאָזיקע פערזענלעכקייטן, האָבן זיך געפונען דער יאסער פאָפולערער מעדיקער דר. קארל ליפע און דער באוווסטער קעמפער פאר יידישע בירגער־רעכט אין אלט־רומעניע, דר. אדאָלף שטערן.

א גרויסן צושטייער צום קאמף, קעגן דער „מאָרע יודאיקא", האָט אויך ביינעטראָגן, דער בוקארעשטער יידיש־רומענישער זשורנאליסט

און פּאָלקלאָריסט משה שוואַרצפעלד, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אומ־ציילִיקע אַרטיקלען קעגן דער דאָזיקער שענדלעכער שבועה, אין זיין ווע־נטלעכן זשורנאַל „ענאַליטאַטע“ (גלייכהייט), וועלכער איז דערשינען אין בוקאַרעשט, אין ערך פון פערציק יאָר.

צווישן די רבנים, וועלכע האָבן אַ סך געזאָרגט, פאַר דער גייסטי־קער אַנטוויקלונג פונעם רומענישן ייִדנטום, און וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין קאַמף, קעגן דער דאָזיקער שענדלעכער שבועה, האָט זיך אויך געפונען דער, צו יענער צייט, יינגער ראַבינער פון פאָקשאַן דר. יעקב נאַכט, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע בראָשור, אין דער רומענישער שפּראַך, וועגן דעם דאָזיקן ענין, און אויך דער בער־לאַדער רב, ר' אייזיק טויבעס, וועלכער האָט אַ סך מאָל פאַרטיידיקט אויך אין אויסלאַנד די אינטערעסן פון די רומענישע ייִדן.

דער אַרויסטריט פון דר. י. י. ניִמעראָווער.

אַ וויכטיק געשעעניש, אין קאַמף קעגן דער „מאָרע יודאיקאַ“ איז געווען דער עפנטלעכער אַרויסטריט, פון דעם דעמאָלטיקן יונגען ראַבי־נער און קולטור־מענטש דר. י. י. ניעמראָווער פון יאַס, וועלכער איז גערופן געוואָרן אין געריכט צו זיין אָנוועזנד ביי אַ שבועה, וואָס אַ ייִד האָט געדאַרפט אָפּגעבן.

דר. ניעמראָווער, האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט, און איז עפנטלעך אַרויסגעטרעטן קעגן דעם דאָזיקן אופן פון שווערן, פאַר ייִדן, אויפווייזנדיק מיט זיין אָראַטאָרישן טאַלענט, אַז ייִדן, נייטיקן זיך נישט, אין די אַלע מיטלאַלטערלעכע שבועה־צערעמאָניעס, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען, און סיי אַלס מענטשן, און סיי אַלס ייִדן, זענען מיר קעגן דער דאָזיקער שבועה, און אַלס פּראָטעסט האָט ער פאַרלאָזט דאָס געריכט.

דר. ניעמראָווערס אַרויסטריט, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, אויף די ריכטער, און אויף אַלע אָנוועזנדיקע, און איז קאָמענטירט געוואָרן אין דער ייִדישער, ווי אויך אין דער רומענישער פרעסע.

דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, אויף דער רומענישער רעגירונג, און אויף די רומענישע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן זיך אָנגע־הויבן פאַרנעמען מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

נאָך דר. ניעמיראָווער׳ס ארויסטריט, האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין קאַמף, די יידישע קהילות פון רומעניע, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז קיין שום רב זאָל מער נישט זיין אָנוועזנד ביי דער שבועה, ווייל אָן אַ רב האָט די דאָזיקע שבועה נישט געקענט פאָר־קומען.

נאָך לאַנגע וכּוחים אין דער פּרעסע, און אונטערן דרוק פון דער יידישער אינטעליגענץ, און פון אַ טייל אַנדערע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פונעם לאַנד, איז די רעגירונג געווען געצוווּנגען, אין יאָר 1919, מבטל צו מאַכן די ספּעציעלע שבועה פאַר יידן.

אַזוי אַרום איז נאָך אַ קאַמף פון עטלעכע צענדליקער יאָרן, סוף כּל סוף, אויך ביי אונדז אין רומעניע, בטל געוואָרן דער דאָזיקער שענדלעכער שבועה־נוסח, וואָס ווערט אָנגערופן „מאָרע יודאיקא“, פון וועלכער יידן האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעליטן אין פאַרשידענע לענדער און רומעניע בתוכם אין משך פון אַזויפיל דורות.

נאָוועמבער 1963.

דער „אויבער־ראבינער"
פון דער „זאָלדאטן־צייטונג" פּאָטער ערווין.

ווער איז דער „אויבער־ראבינער" און „דאָקטאָר" איזאק גאָלדשטיין?

שוין זייט א פּאָר חדשים, פארנעמט זיך די יידישע פּרעסע: „די נייע פּרעסע" פון פאריז; „די פאָלקסשטימע" פון ווארשע; „די געמיינדע", דער אָפיציעלער אָרגאן פון דער ווינער יידישער קהלה, און אויך אנדערע צייטונגען מיט אן אינטערוויו, וואָס א געוויסער „אויבער־ראבינער" און „דאָקטאָר" יצחק (אָדער איזאק) גאָלדשטיין האָט געגעבן דער גוט־באקאנטער פּראָ היטלעריסטישער אנטיסעמיטישער צייטונג פון מערב־דייטשלאנד, „דויטשע זאָלדאטן־צייטונג".

עס לוינט זיך נישט איבערצוחזרן דאָ דעם גאנצן „מענה־לשון", וואָס דער דאָזיקער טונקלער פארשוין האָט אנידערגעלייגט, פאר דעם רעפּאָרטער פון דעם אויבן דערמאנטן היטלעריסטישן זשורנאל, געבנ־דיק אן ערשטקלאסיקן „הכשר" די אלע, פון דאָס ניי אויפגעשטאנענע תחית — המתים־דיקע נאצישע קאניבאלן, מיט זייערע קין־צייכנס, די „טויט־צלמים", מיט וועלכע זיי פארשמוצן יידישע שולן, יידישע אינ־סטיטוציעס און יידישע פּריוואט־הייזער אין מערב־דייטשלאנד און אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער, ווו די דאָזיקע אויסוואורפן גע־פונען זיך.

אָבער אזוי ווי אונדזער היימלאנד רומעניע, האָט אויך געהאט די „זכיה", אז דער דאָזיקער אזוי גערופענער „אויבער־ראבינער" און „דאָקטאָר", זאָל דאָ פארברענגען עטלעכע יאָר, צווישןביידע וועלט־מלחמות, איז כדאי צו דערציילן, ווי אזוי ער האָט זיך אויפגעפירט אין יענע יאָרן, ווען ער איז געווען דאָ ביי אונדז. דעמאָלט האָט ער

זיך נאָך נישט אָנגערופן מיט די טיטלען „אויבער־ראבינער“ און „דאָקטאָר“ — מיט אַט די פרעמדע פעדערן, מיט וועלכע ער האָט זיך איצט באַצירט אין די אַנדערע לענדער. ביי אונדז האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן, פּראָסט און פּשוט „פאָטער ערווין“ — אַן עכט יידישער נאָמען. אזוי ווי עס פּאַסט פאר אזא איינעם, וואָס האָט אמאָל פאַר־נומען די שטעלע פון אַן אָרטאָדאָקסישן רב, אין אַ קליין שטעטל, אין טראַנסילוואַניע, און וואָס זיין דאָרטיקער אויפנטהאלט, אלס אָרטאָ־דאָקסישער רב, האָט אזויפיל געדויערט, וויפל עס האָט געדויערט זיין אויפנטהאלט, אלס „אויבער־ראבינער“ און „דאָקטאָר“, קודם אין אמסטערדאם, און דערנאָך אין מערב בערלין.

אמת, קיין שטעלע אלס רב, האָט ער ביי אונדז, מער, אין קיין שום יידישער קהילה נישט געקריגן, דערפאר אָבער, איז ער דאָ געווען שטארק אָנגעזען ביי „נאַטשאַלסטווע“, ביי די רעאקציאָנערן פון יענער צייט, און איז אויך געווען אַ יוצא ונכנס אין דער היגער „סיגוראַנצע“ (די געהיים־פּאָליציי), פאר וועלכער יעדער ייד פלעגט אויפציטערן, דערהערנדיק נאָר דעם דאָזיקן נאָמען.

דערפאר אָבער פלעגט ער באקומען פון צייט צו צייט, „לא יחרץ־יעלט“, פון די דעמאָלטיקע בוקאַרעשטער ראשי־הקהל, כדי אים צו פארשטאָפּן דאָס מויל, אז ער זאָל צוטראָגן דער „סיגוראַנצע“ וואָס ווייניקער מסירות אויף יידן.

אויף וויפל, דאָס איז די דעמאָלטיקע ראשי־הקהל געלונגען, איז איצטער שווער פעסטצושטעלן, ווייל קיינעם איז ביז איצט גאָרנישט איינגעפאלן אויפצוזוכן, און צו נישטערן אין די ארכיוון, פון דער אמאָ־ליקער „סיגוראַנצע“, וועגן דעם דאָזיקן פּאַרשוין, וועגן וועלכן מיר, יידן פון רומעניע, האָבן שוין לאַנג געמיינט, אז ער איז אַן עליו־השלומניק אָדער, אז ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ מויזן־לאָך, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פונעם ערדקיילעך, וו מען קען אים נישט, און מען ווייסט נישט פון אים, כדי זיין נאָמען זאָל „לא יזכר ולא יפקד“, דאָס הייסט אז זיין נאָמען, זאָל ווערן אָפּגעמעקט פון דער וועלט בכלל, און פון דער יידישער וועלט בפרט.

לאָזט זיך גאָר אויס, אז דער דאָזיקער אויסטערלישער פּאַרשוין, איז גאָר פון דאָס ניי ארויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך, און האָט נאָך געהאט די העזה, זיך צו שטעלן אין דינסט, פון די דייטשע

היטלעריסטן, פונקט אזוי ווי ער האָט ביי אונדז גערינגט דער „סיגור־ראנצע".

ביי אונדז אין בוקארעשט, איז ער אויך געשטאנען אין נאָענטע באציאונגען מיט די היגע מיסיאָנערן, פון וואנען עס נעמט זיך טאקע ביי אים דער פאסיקער נאָמען „פאטער ערווין".

צי ער האָט טאקע דאָ, ביי אונדז אין רומעניע, צו יענער צייט, „אויסגעביטן דאָס רענדל" אָדער ווי מען זאָגט ביי אונדז אויף רומעניש „איבערגעקערט דעם זאק אויף דער לינקער זייט", דאָס הייסט פשוט זיך געשמדט — האָבן מיר דערווייל נישט געקענט דערגיין, ווייל ערשטנס, זענען זייט דאן, שוין אוועק א היפש ביסל יאָרן, און צווייטנס, זענען א טייל פון די, מיט וועלכע ער איז געשטאנען איז נאָענטע באציונגען, שוין אויפן עולם האמת.

פון די אינפאָרמאציעס, וואָס מיר האָבן באקומען פון אייניקע יידישע אינטעלעקטועלן, וועלכע האָבן אים געקענט אין יענער צייט, ווייזט זיך ארויס, אז ער האָט ארויסגעגעבן דער „סיגוראנצע" אייניקע פראָג־עסיסטישע יידישע טוער, מיט וועלכע, ער האָט כלומרשט אָנגע־האלטן פריינטלעכע באציונגען. טייל פון זיי זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין לאגער, און טייל זענען געמשפּט און דערשאָסן געוואָרן אין דער צייט פון דעם אנטאָנעסקו־רעזשים.

עס איז א סברא, אז ער זאָל אויך האָבן געווען פארמישט אין דער מסירה קעגן די דריי יידישע יוגנטלעכע, שילער, פון א יידישער מיטל־שול אין בוקארעשט, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן צו יענער צייט, ווייל זיי האָבן געשטעמפּלט רומענישע באנקנאָטן מיט א שטעמפּל: „נידער מיטן אנטאָנעסקום רעזשים"; „נידער מיטן פאשיזם"; „נידער מיט דער מלחמה".

נאָכן 23־טן אויגוסט 1944, ווען אונדזער היימלאנד איז באפרייט געוואָרן, פון די היטלעריסטישע הערדעס, האָט זיך „פאטער ערווין" אָנגע־געבן אלס „קאָמוניסט", און איז געווען טעטיק אין דעם „רויטן קרייץ" אין בוקארעשט, אָבער ווייסנדיק, וואָס עס שטייט אים פאָר, אויב מען וועט זיך דערוויסן, פון די ארכיוון, וועגן זיין טעטיקייט, אלס אגענט פון דער „סיגוראנצע", איז ער מיטאמאָל פארשוואונדן געוואָרן און קיי־נער האָט נישט געוווסט ווו זיין געביין איז אהינגעקומען.

ווען איינער א באקאנטער, א רעליגיעזער מענטש. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם דאָזיקן ענין, האָט מיך געפרעגט, וואָס פאר א מיינונג איך

האָב וועגן אָט דעם פּאַרשוין, וואָס איז אפשר ניט אזא לייטישער מענטש, אָבער וואָס קען לערנען און האָט סמיכות אויף רבנות, האָב איך אים געענטפערט מיט דעם, וואָס עס ווערט דערציילט, וועגן דעם וואָלאָזשינער ראש־ישיבה רבי נפתלי צבי יהודה בערלין. ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס פאַרא מיינונג ער האָט וועגן א באַוווּסטן פּראָפעסאָר, וועלכער איז געווען פריער א ישיבה־בחור און עלוי, האָט זיך דערנאָך געשמדט, און איז געוואָרן פּראָפעסאָר אין פּעטערבורגער סעמינאַר, און א גרויסער חשוב אין צאַרישן הויף, און פלעגט אפילו, צומאָל טון א טובה יידן, האָט רבי נפתלי צבי יהודה בערלין געענטפערט מיט א מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן א יידן, וואָס איז געווען שטאַרק קראַנק געוואָרן, און די דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, האָבן געזאָגט, אז די איינציקע רפואה, ער זאָל געזונט ווערן, איז, ער זאָל עסן חזיר. אָבער ווי אזוי קען א פרומער ייד, עובר זיין, אויף אזא לאו פון דער תורה, און עסן חזיר?

איז די משפּחה זיינע אוועק צום רב, און ביי אים געפועלט, ער זאָל מתיר זיין דעם קראַנקן צו עסן חזיר, ווייל עס האנדלט זיך וועגן פּקוח־נפש: נו, האָט געזאָגט דער חולה, איך וועל טאָן, וואָס דער רב הייסט, אָבער מיט א תנאי, אז דער שוחט זאָל קוילען דעם חזיר מיט א כשרן חלף. האָט דער רב געהייסן מען זאָל דערפילן דעם רצון פונעם חולה. נאָכן קוילען דעם חזיר האָט דער קראַנקער פאַרלאַנגט פון דעם שוחט, ער זאָל בודק זיין דעם חזיר, כדין, און דער שוחט האָט געפונען עפּעס א סירכא אויף דער לונג, האָט מען געשיקט פרעגן דעם רב, א שאלה, האָט דער רב באַטראַכט די לונג, און האָט געזאָגט צו די אלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, און געוואַרט אויף זיין ענטפער:

— ווען עס זאָל זיך האנדלען וועגן א שאלה פון א כשרער בהמה, וואָלט איך זיכער געזאָגט „כשר", אָבער ווי אזוי קען איך אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „כשר" אין דעם מאָמענט ווען איך און איר אלע, וואָס געפונען זיך דאָ, ווייסן גאַנץ גוט, אז עס האנדלט זיך וועגן א חזיר.

מאי 1960.

יידיש געזעץ פון אונדזערע דיכטער
פון אברהם גאָלדפאדן ביז היינט.

מיר פארמאָגן היינט צו טאָג, א ראפינירטע פארפיינערטע יידישע שפראך, א רייכע ליטעראטור, געשאפן אין דער דאָזיקער שפראך, איז בדאי, מיר זאָלן זיך צומאָל אָפּשטעלן, און זיך פארטראכטן, ווען און ווי, די יידישע שפראך איז געבוירן געוואָרן, וואָס פאר א גלגולים זי האָט דורכגעמאכט, אין משך פון איר אנטוויקלונג, און וואָס פאר א ענדערונגען עס זענען אין איר פאָרגעקומען, אין דער צייט פון איר עקזיסטענץ. און די אלע לענדער, ווי יידיש איז גערעדט געוואָרן.

לויט די באהויפּטונגען, פון די ערשטע פאָרשער, בוקסטארף און וואגענזייל, איז יידיש געבוירן געוואָרן, אין 15־טן אָדער 16־טן יאָר־הונדערט, אין די יידישע געטאָס, פון דער ריינגעגנט, אין דייטשלאנד. אנדערע פאָרשער, באהויפּטן, אז שפּורן, פון דעם אָנהויב געבוירן ווערן פון יידיש, געפונט מען נאָך צוריק, מיט אן ערך פון טויזנט יאָר. מיטן אויסוואנדערן פון די דאָרטיקע יידן, איז דאָס יידישע לשון, פארטראָגן געוואָרן, פון דער דייטשער ריין־געגנט, אין די סלאווישע לענדער.

א באווייז, צו דעם נאָך וואָס געזאָגט, איז דער ערשטער ראָמאן, דאָס בבא־בוך, אָנגעשריבן א־ן יידיש, פון דעם באוווסטן העברעישן יידישן שרייבער און גראמאטיקער אליהו לעוויטא, אָדער וויאזוי מען האָט אים גערופן ר' אליהו בחור, וועלכער האָט געלעבט אין איטאליע אין די יאָרן 1469—1549.

און אויך די זכרונות, אָנגעשריבן אין דעם יידישן לשון, פון דער פרוי גליקל פון האמעלן, וואָס האָט געלעבט אין דייטשלאַנד אין די יאָרן 1664—1724.

די דאָזיקע מעמוארן אירע, זענען פון גאָר גרויסער געשיכטלעכער, קולטור־היסטאָרישער און לינגוויסטישער באַדייטונג.

און אין די מקומות, ווי עס זענען אויפגעקומען קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, האָט אויך די שפּראַך אויפגעהערט צו זיין א דיאַלעקט, פון דער דייטשער שפּראַך, נאָר האָט אַריינגענומען אין זיך, נאָך א סך העברעאישע, לאַטייניש און סלאַווישע ווערטער, און איז געוואָרן א שפּראַך, א זעלבסטשטענדיקע, אין וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעלעבט גאַנצע דורות פונעם יידישן פאָלק, אין אַלע עקן פון דער גאָרער וועלט, ווי יידן וווינען.

א ליטעראַטור, האָט די ייד שע שפּראַך, פאַרמאָגט, אין דער ערש־טער צייט, גאָר א באַשיידענע, וועלכע איז באַשטאַנען פון א רייע מוסר ספרים, ווי אזוי מען זאָל זיך אויפירן פאר גאָט און פאר לייט, ספרים, געשריבן ספּעציעל, פאר מענער און איבערהויפּט פאר פרויען, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין לשון־קודש.

דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, דעם צו יענער צייט, שטאַרק פּאָפּולער געוואָרענעם „צאינה וראינה״, און די תחינות פון שרה בת טובים, וואָס זענען דערשינען אין צענדליקער אויסגאַבן וועלכע האָבן נישט אויס־געפעלט כמעט אין קיין יידישער שטוב.

עס איז אָבער צו באַמערקן, אז אפילו די לומדים, די קענער פון לשון קודש וואָס האָבן טאָג און נאַכט געלערנט ש״ס און פוסקים, האָבן אויך גערעדט יידיש, אזוי אז יידיש איז אין אַלע צייטן געווען די שפּראַך פון פאָלק.

אין יידיש, האָבן די יידישע מאַמעס, פאַרוויגט זייערע קינדער, אין יידיש האָט זיך איינער דעם אַנדערן געבענטשט, און געשאָלטן, מיט די אזוי באַרימטע יידישע קללות, וואָס מען געפינט זיי אפילו ניט אין דער תוכחה.

יידיש איז אויך געווען די שפּראַך, פונעם קינד אין חדר, אין וועל־כער מען האָט אים פאַרטייטשט אַלע העברעישע למודים.

מיט דער צייט, ווען די השכלה־עפּאָכע, האָט אָנגעהויבן אַריינ־דרינגען אין יידישן געטאָ, האָבן זיך אויך די משכילים, די פּרעדיקער פון אויפקלערונג, זיך באַנוצט מיטן יידישן לשון, אזוי, אז יידיש, איז

אויך געוואָרן א ווערקצייג, צו בילדן דאָס פאָלק, און שפּעטער האָבן אויך די פּאָליטישע פּארטייען, וועלכע זענען אויפגעקומען אין דער יידישער גאס, אָנגעהויבן פּראָפּאגירן זייערע אידעען, ווענדנדיק זיך צו די יידישע מאסן, אין יידיש. און אזוי ארום, איז יידיש אויך געוואָרן די שפּראך פון קאמף, די שפּראך פון אזעלכע העלדן קעמפער, ווי הירש לעקערט און נפתלי באָטווין, וועלכע האָבן באצאָלט מיט זייער לעבן, פאר דער אידעע פאר וועלכער זיי האָבן געקעמפט.

די יידישע אסימילאטאָרישע בורזשואזיע, האָט זיך געשעמט מיט דעם פּראָסטן יידישן לשון, דערפאר אָבער האָט זיך דער פּשוטער באלמעלאָכע, דער יידישער האַנדאַרבעטער, אויסגעלעבט אין יידיש, און איז מיט דער צייט געוואָרן דער קאָנסומענט פונעם יידישן בוך, דער לייענער פון א יידישער צייטונג, און דער באזוכער פונעם יידישן טעאטער. און ערשט שפּעטער האָט זיך אויך דערנענטערט צו יידיש, דער יידישער אינטעליגענט.

דאָס יידישע לשון, האָט אויפגעהערט צו זיין א יאַטקע־שפּראך, וויאזוי די קעגנער פון יידיש, פלעגן זי רופן, די שפּראך האָט זיך אנטוויקלט, און אזוי זענען מיר בישלעכווייז, צוגעקומען צו אונדזער יידיש לשון פון היינט, און צו דער רייכער און פארצווייגטער יידישער ליטעראטור, וואָס מיר פארמאָגן.

דער אָביעקטיוו פון דער דאָזיקער א־בעט, איז צו ווייזן, וויאזוי אונדזערע דיכטער, אָנהויבנדיק פון איינעם פון די ערשטע טרובאדורן פונעם יידישן ליד, פון אברהם גאָלדפאדן, ביז אונדזערע היינטיקע דיכטער, האָבן באזינגען דאָס יידיש־לשון, די שפּראך אין וועלכער זיי האָבן געשאפן.

און דאָס איז פאר אונדז אינטערעסאנט, ווייל דאָס לשון, אין וועלכער דער דיכטער שאפט, איז דאָך געגליכן פונקט ווי דאָס ליים, אָדער דער בראָנז, ביי דעם סקולפּטאָר, פון וועלכן ער פאָרמט אויס, זיינע אויסגעטרוימטע קונסט־ווערק. פונקט ווי די פארבן, מיט וועלכע עס באנוצט זיך דער מאָלער, באצירנדיק זיינע לייוונטן, מיט זיינע אויסגעחלומטע געשטעלן.

די שפּראך איז אויך דער כלי־זין, דער אינסטרומענט, מיט וועלכן עס באנוצט זיך דער קעמפער אין זיין קאמף, פאר א שענער און בעסער לעבן און פאר דער פארברידערונג פון דער גאנצער מענטשהייט.

איך הויב אָן פון, אברהם גאָלדפאדן, פון וועלכן איך ציטיר א פראגמענט פון זיין פּאָעם „דור־הפלגה“.

גאָלדפאדן, איז צוערשט געווען א העברעישער דיכטער, האָט אפילו ארויסגעגעבן א באנד העברעישע לידער „ציצים ופרחים“ (שפּראָצן און בלומען). ער איז איבערגעגאנגען צו יידיש, און ווי עס איז באַקאנט, איז ער שפּעטער געוואָרן, דער גרינדער פונעם יידישן טעאטער, ביי אונדז און רומעניע.

דער פּאָעם „דור־הפלגה“, איז אָנגעשריבן, צוריק מיט אַן ערך, פון הונדערט יאָר, און עס איז פאר אונדז זייער אינטערעסאנט, וויאזוי גאָלדפאדן איראָניזירט אין דעם פּאָעם, די אסימילאטאָרישע שרייבער, פון זיין צייט, וועלכע האָבן זיך געשעמט מיטן יידישן לשון. שוין דאָס אליין, וואָס גאָלדפאדן האָט געוואגט אָנצושרייבן אזא מין סאטירע, מיט אזא פּאָזיטיווער שפּעלונג, צו יידיש, איז פאר אונדז אינטערעסאנט און פארשאפט אים כבוד.

דור הפלגה.

למנצח יענקי דודל
א־לא־מאָדע מזמור שיר
א ניי ליד, גאָר פון דער גאָדל.
זינג איך יידל איצט פאר דיר.

דאָס איז די שפּראך פון דור־הפלגה.
פון רעפאָרמען און פּראָגרעס
יידיש ווילסטו? א נייע השגה...
אין יידיש ברידערצו פארגעס!

פרווט מאכן פון אלע יידן
א וועלט אסיפה פון דעם פאָלק,
וועט יעדער רעדן גאָר פארשידן
איר וועט שווער ביי אים דערגייך א טאָלק.

אלעס קענען איז גאַנץ חידוש
אין דעם גרויסן וועלט־יאריד.
אלעס קענסטו, נאָר ניט יידיש
אלעס ביסטו, נאָר ניט ייד.

דער איז רוס, דער איטאליענער,
דער ענגלענדער און דער שוואב
דער פראנצויז, און דער רומענער,
דער טערק און דער אראב.

סלושטי, בראט!
מאָווי קאָכאַנע,
האלט, איך פּראָטעסטירע, האלט!
טרוי זינד וויר דער דייטשער פאנע,
שרייט א דייטש דאָרט מיט א שפּאַלט.
נו, איז זעט די מכות וואָס איך טראָג?
איך פרעג אייך, דיכטער פון פאָלקס־לידער
מאָרים ראָזענפעלד און פרוג.

ש.ש. פרוג, האָט געשאפן, כמעט אין דערזעלבער צייט, מיט גאָלד־פאדעניז, צוערשט, האָט ער געשריבן זיינע לידער אין דער רוסישער שפראך, און האָט זיי פארעפנטלעכט, אין די יידיש־רוסישע צייטונגען און זשורנאלן, און איז געווען אין זיין צייט, אן אָנגעזעענער רוסישער לירישער דיכטער. די טעמאטיק פון זיינע לידער, איז געווען די נויט און די אָרימקייט פון די עלנטע, דער טרויער, וואָס דרוקט אויף זיין געמיט, און די מוזיקאלישע טענער, וואָס קלינגען אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאכט, ביי דער שיין פון דער לבנה און די שטערן. דער ליריזם זיינער, איז געווען אן איידעלער און א צארטער. וואָס האָט פארכאפּט די לייענער זיינע.

אונטערן איינפלוס, פון די צאריסטישע פּאָגראָמען, און פארפאָל־גונגען וועלכע האָבן זיך א שאָט געטאן אויף די רוסישע יידן, אין די אכציקער יאָרן, פונעם פאָריקן יארהונדערט, איז פרוג איבערגעגאנגען פון רוסיש צו יידיש.

אָבער זיין קוק אויף דער יידישער שפּראַך, איז נאָך נישט געווען דער ריכטיקער.

און אָט ווי ער זינגט אין איינעם פון זיינע לידער:

„א זומער נאַכט, א בוים, א בלום,
א זיסער שלאָף אין רו און פרידן,
דו נאַר, דו נאַר, דו אַלטער נאַר,
וואָס קער זיך אָן דאָס, מיט א יידן?

פרוג, האָט אונטערגעשאַצט די יידישע שפּראַך, און אויך דעם דעמאָלטיקן לייענער פון יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אנטוויקלען, כדי שפּעטער מיט צענטליקער יאָרן, זיך אויפגעהויבן אויף דער מדרגה אויף וועלכער זי געפינט זיך היינט צו טאָג.

פרוגן האָט זיך אויסגעוויזן, אז די יידישע ליטעראַטור, פאַרמאָגט נישט, דעם ראַפינירטן יידישן אינטעליגענטן לייענער פאַר פּאָעזיע, און אז יידיש אָדער זשאַרגאָן, וויאַזוי א טייל אינטעליגענטן, פלעגן רופן דאָס יידישע לשון, לייענען נאָר, די וואָס קענען נישט קיין פרעמדע לשונות.

צוליב דעם דאָזיקן קוק אויף יידיש, האָט פרוג נישט באַמערקט, דעם געטרייעסטן לייענער, פון דער יידישער ליטעראַטור, דעם יידישן אויפגעקלערטן אַרבעטער, מיט זיין שוין מער ראַפינירטן געשמאַק פאַר ליטעראַטור, און האָט אויך ניט באַמערקט, דעם מאָדערנעם יידישן אינטעליגענט, וועלכער דערנענטערנדיק זיך צו די יידישע פאָלקסמאַסן, האָט ער זיך אויך דערנענטערט צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער ליטעראַטור.

און אָט מיט וואָסערא שוואַרצע פאַרבן, מאָלט און שילדערט אונדז דער דיכטער פרוג די יידישע מוזע:

„א זקנה, א דאַרע, א קוואַרע, פאַרחושכ׳ט, פאַריאָמערט, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אָנגעטאָן אין אַלטע צעריסענע, צעביסענע, פאַרשמאָרעטע וואַטוועקע, איין אַרבל א געלער, דער אַנדערער א בלויער, איין פּאָלע מיט טשאַלנט־יויך, די אַנדערע פּאָלע א שוואַרצע, באַמאָלט פון אויבן ביז אַראָפּ, מיט פּיפּערנאָטערס, מיט ווייזלטירן, קאַפּהענער, מוילעזלען און מגן־דודלעך.

ווייסט איר ווער דאָס איז? דאָס איז זי, אונדזער ליבע מ־יערע יידישע זשארגאָן־מוזע".

מיט דער צייט, אָבער, האָט פרוג, געענדערט זיין באציונג צו דעם יידישן לשון, און צו די לייענער, פון דער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע, און שאפט א ריי גלענצנדע שטארק פּאָפּולער געוואָרענע לידער און באלאדן, ווי „דעם שמש'ס טאָכטער", „דער כוס", און „די טרויקע", וועלכע זענען באליבט געוואָרן און געזונגען געוואָרן כמעט אין אלע יידישע קרייזן.

כמעט אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָבן געשאפן גאָלדפאדן און פרוג, איז ביי אונדז אין רומעניע, אין דער שטאָט יאס, דערשינען א יידישע צייטונג, מיטן נאָמען „דער פאָלקס־גייסט". אין דער דאָזיקער צייטונג, האָט מיטגעארבעט א יידישער שרייבער א.מ. שארקאנסקי. קיין גענויע ידיעות, וועגן דעם לעבן און שאפן פון א.מ. שארקאנסקי, פארמאָגן מיר ליידער נישט, נאָר אין איינעם א נומער פונעם „פאָלקס־גייסט", געפונען מיר א ליד, אונטערגעשריבן פון שארקאנסקין, וועלכעס ווארפט א שיין, אויף דעם פאָלקסטימליכן טאָן פון זיין שאפן, און וועלכעס איז כאראקטעריסטיש פאר זיין פּאָזיטיווער שטעלונג צו יידיש, דווקא דאָ, ביי אונדז אין רומעניע, ווי דער קולטורעלער ניוואָ פון יידיש, איז צו יענער צייט געווען א שטארק אָפּגעשטאנענער.

שארקאנסקיס ליד אָנגעשריבן אין א עכט פאָלקסטימלעכן טאָן, וועגן אונדזער מאמע־לשון, פון יענער צייט.

„ווי די מאמע האָט גערעדט"

וו די מאמע האָט גערעדט
אויף דעם שטייגער שרייב איך
כ'בין א יידישער פּאָעט,
און א קבצן בלייב איך.
מעג זיך לאכן יענער שוטה
„יידיש איז א שפּראך א טויטע".
פון זיין פעדער שפּאסט א יעדער
נאָר א שוסטער און א בעדער

7 — Figuri literare — c. 1549

הערט זיך צו צו דיין געזאנג.
דאָך די פיינע לידער מיינע
ווען לעבן לעבן לאנג.

וואָס איך פיל, און וואָס איך וויים,
דאָס רבותי גראָמ איך!
אלעם שיינע, ליב איך היים.
אלעם בייז פערדאָם איך!
מעג די וועלט מיר ניט פארגעלטן,
מעג זי לאכן, מעג זי שעלטן,
פארן יודעל, קלינגט מיין לידל,
סיי איך לויב, און סיי איך זידל,
האלט איך ערלער מיין געזאנג.

ווייל מיין לירע, איז א גבירה,
זי באצאָלט די חובות אירע,
תמיד קוועלט פון איר געזאנג.
יענעמס צרות טוט מיר באנג.

מיר קומען צו, צו אונדזער גרויסן ריז, פון דער יידישער ליטע־ראטור, צו אונדזער קלאסיקער, י. ל. פרץ, וועלכער האָט צום אָנהויב פון זיין שאפן, אין זיין פּאָעם „מאָניש" אויך ניט געהאט אזא געהויבענע מיינונג, וועגן יידיש, אלס שפּראַך פאר פּאָעזיע.

פרץ, וועלכער איז געווען צו יענער צייט, שוין באהאוונט אין אנ־דערע שפּראכן, מיט רייכערע ליטעראטורן, ווי די יידישע, האָט זיך אים יידיש אויסגעוויזן צו זיין, ניט מסוגל, פאר דיכטונג, אָבער טאקע די זעלבע פּאָעמע „מאָניש", וועלכע איז נאָך ביז היינט צו טאָג, איינע פון די שענסטע דיכטערישע שאפונגען, אין דער יידישער ליטעראטור, ווייזט ארויס דאָס פארקערטע, שוין ניט רעדנדיק, וואָס פרץ ווערט שפּעטער דער ווירטואָז, דער מייסטער פונעם יידישן וואָרט, פון דער יידישער דערציילונג און פון דער יידישער דראמאטורגיע.

און אָט ווי עס קלינגט פרץ'ס אָנקלאָג קעגן יידיש, אלס שפּראך פאר דיכטונג אין זיין פּאָעמע „מאָניש".

„מאָניש“

אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלינגען,
כ׳זאָל פאַר גוים, גויש זינגען,
נישט פאַר יידן, נישט זשאַרגאָן!
קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן!
ס׳האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל
נישט קיין פאַסענד וואָרט, קיין סטיל...

אונדזער יידיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן.
ווערטער ווי פאַרסאַמטע שפּיזן!
אין איר לאַכן, וויינען ריזן!
ס׳איז ווי גאַל, ווי פּיאָלין ביטער!
און זי דרעשט דאָס ליב מיט ריטער!

ס׳איז אין גאַנצן בלוט און טרערן!
קענסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים פון צרות זיד,
ווי עס ברעכט דאָס האַרץ דעם ייד...
נור האָט׳ס פּלאַטץ דאָ אויפן אָרט
ס׳האָט קיין לעבלער ווארעם וואָרט.

קיין איינציק וואָרט איז צאַרט און גלאַט,
עס איז פאַר ליבע טויט און מאַט,
הערציל זעעלע שאַץ און שעצל,
ס׳האָט א טעם ווי לאַקריץ פּלעצל,
עס האָט קיין טעם עס האָט קיין זאַלץ,
און עס שמעקט נאָך גענזן שמאַלץ.

אָט די פּאָר סטראָפן פון פּרץ׳ן האָבן ארויסגערופן א פּראָטעסט, ביי א צווייטן דיכטער. פון מעבר לים, ביי דעם דיכטער מאָרים ראָזענפעלד, וועלכער איז צו יענער צייט, געווען פאַרשכורט פון זיין דערפאָלג, מיט זיינע לידער, וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען, און

װעלכער איז מיט זיי באַרימט געוואָרן, ביי יידן, און אויך ביי ניט יידן, און װעלכע זענען איבערזעצט געוואָרן אין ענגליש, דייטש, רומע־ניש און אין נאָך א סך אַנדערע לשונות.

ראָזענפעלד נעמט זיך אָן די קריוודע פון יידיש און ענטפערט פּרץ׳ן מיט א ליד, װאָס לייענט זיך אזוי:

„יידיש“

עס קלאָגן מאנכע גראמען־פלעכטער
דאָס אונדזער לשון איז א שלעכטער;
דאָס „אידיש“ איז צו פּראָסט, צו טרוקן,
עס האָט קיין בלומען אין קיין פארבן.
און קראצט די זעלע ווי א שארבן
און איז פארזוויערט און מסוכן.

עס פעלט אונדז, זאָגן זיי דאָס שיינע,
דאָס איידלע װאָרט, דאָס זאנפטע, ריינע,
און דאָס באשרענקט זיי די געזאנגען...
עס האָט נאָר ראַפּניקעס צו רייסן,
נאָר ריטער, זאָגן זיי צו שמייסן
און ניט קיין הארצנדיקע קלאנגען.

אָ, ווי, די װעלט נאָך צו פארבלענדן!
די מוטער־שפּראכע פרעך צו שענדן.
און זיך פערטיידיגען דורך ליגן,
אָ, אידיש, דו מיין בעסטער חלק!
ווי ביסטו רייך, ווי ביסטו הייליק!
װאָס קען איך ניט מיט דיר באזיגען!?

די שענסטע בלום פון אלע טאָלען
מיר פעלט קיין פארבן זי צו מאָלן,
אָ, מערקט דאָס אייך, איר גייסטער פלאכע!

און קוים זאָל זיך מיין הארץ פארליבן
מיין ליבע וואָלט נישט שטום געבליבן
דען הימל-גרוים איז מיר מיין שפּראכע!

דאָס לעבן קען קיין זאך מיר ברינגען
איך זאָל ניט קענען דאָס באזינגען
מיין שפּראך איז ברייט ווי אלע ימען
און שען ווי מיי אין פולן בליען
איך זינג אין מיינע לידער גליען
אין מויזנט-פארבענדיקע פלאמען.

אָבער ניש־קשה, ראָזענפעלד אליין, וואָלט געווען געמענט ארויס־ווארפן פון זיין ליד, א גאנצע ריי פון ווערטער, ווי: קראצן, שאַרבן, עטצ, וועלכע פארוואלגאריזירן און פארוואנדלען זיין ליד אין א פשוטן פאמפלעט.

דערפאר אָבער, האָט ער באזונגען מיט הארציקע ווערטער דאָס יידישע לשון אין אנאנדער ליד, וואָס טראָגט דעם זעלבן טיטל „יידיש“ ווי דאָס פאָריקע ליד:

„יידיש“

איך פרעגט איינ יידיש איז א שפּראך,
גראמאטיש און נגידיש,
איך קען אייך זאָגן נאָר איין זאך,
דעם יידנס שפּראך איז יידיש.

צו זוכן ליגט ניט אין מיין פאך,
פון וואנען ווערטער שטאמען,
איך וויים נאָר אז איך ליב מיין שפּראך,
דאָס לשון פון מיין מאמען,

אָט ווי זי האָט גערעדט צו מיר.
אזוי רייד איך אצינדער,
פאר מיר איז יידיש גרוים אָן שיעור,
און וונדער איבער וונדער.

ווי ליב מיין מאמעס נגון קלינגט,
פון יעדעם ווייס ציגעלע,
וואָס רעדט אין יידיש און וואָס ברענגט
מאנדלען אין דעם וויגעלע.

עס מעגן געבן אונדזער פּני,
פאר אונדזער שפּראך א גראָשן
מיר לאָזן זיך אַלע אויס פון זיי
און ריידן מאמע לשון.

מיר קומען צו. צו איינעם פון די גרעסטע לירישע דיכטער, פון דער יידישער ליטעראטור, צו אברהם ליעסין.

ליעסין שטאמט פון מינסק, ווו ער האָט נאָך יונג, אָנגעהויבן שרייבן לידער, דאן פאָרט ער איבער קיין אמעריקע, ווו ער האָט פארנומען איינעם פון די שענסטע ערטער אין דער יידישער דיכטונג.

ליעסין האָט אן איינגאַרטיקן צוגאנג צו יידיש. א היסטאָריש־נאציאָנאלן און צו דער זעלבער צייט א פאָלקסטימלעכן צוגאנג, וועל־כער ווירקט אויף אונדז עמאָציאָנעל, מיט די גייע אקאָרדן און טענער וואָס שטראָמען פון זיינע לידער.

אין ליעסינס ליד, האָבן מיר שוין, פאר אונדז, א געלייטערטן און פארפיינערטן חוש פאר יידיש, די שפּראך, דורך וועלכער עס רעדן צו אונדז נאנצע דורות, פארגאנגענע, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אויף קידוש־השם, אין דער יידישער מארטיראָלאָגיע, און וועלכע ליעסין, האָט פארזייביקט זייער צער און וויי, און אונדזער יידישער פאָלקס־שפּראך.

און אָט ווי עס קלינגט ליעסינס ליד וועגן יידיש:

„יידיש"

איך קום צו דיר קינד מיין, פון גלותן שטומע
פון געטאָס פארפאקטע, פארהאקטע און קלעם;
איך האָב נאָך די חנען פון תחינות פון פרומע
איך האָב נאָך די שיינקייט פון קידוש־השם

און טראָג איך ניט געטלעבע בליצן, וואָס בלענדן,
דעם פלאַמיקן זון־וואָרט וואָס וווּנדער באַווייזט,
באַשיינט מיך דער ש׳מער פון שטערן לעגענדן,
די ליבע לבנה־באַלויכטונג פון גייסט.

פון וואָרמס פון מיינץ און פון שפּייער,
דורך פּראָג און לובלין ביז אָדעס —
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס,

האָט שטענדיק דער בלוטפּיינד געהויערט,
געלויערט פיל אויגיק דער טויט...
און דאָרט האָב איך וויסט און פאַרטרויערט,
די עלטערן דיינע באַגלייט.

איך בין מיט זיי הונדערטער יאָרן,
געגאַנגען דורך יעדע געפאַר,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צער.

מיר ווילן אויך דאָ ציטירן, א ליד וועגן „יידיש“, פון דעם אַמאָל אַזוי שטאַרק פּאָפּולערן דיכטער, דוד איינהאָרן, דער אַמאָליקער ליב־לינג, פונעם אינטעליגענטן יידישן לייענער, דער מחבר פונעם ליד „דאָס בעריאָזקעלע“, וועלכעס איז צו יענער צייט, א סך געזונגען גע־וואָרן פון דער יידישער יוגנט.

אין די שפּילע איינזאַמע טענער פון דעם דאָזיקן ליד, שטראָמט אַרויס דער שמאַרץ, און דער ווײ־געשריי, פונעם איינזאַמען דיכטער וועגן דעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, וואָס ער דרוקט אויס אין זיינע פערזן:

„ייִדיש“

ווערטער אין תמימות
קינדערשע ווערטער
זייַנען געוואַקסן
ווי גראָז אויף די ערטער.

שמעקנדיק זאַפטיק
אין טוי פון פרימאָרגן
האָבן זיי איינער
דעם צווייטן פאַרבאָרגן.

שטיל זיך געסודעט,
פאַרשעמט און באַשיידן,
מער ניט דער ווינט
האָט געוווּסט וואָס זיי ריירן.

א מאָל נאָר פלעגט קומען
א דיכטער, פאַרלאָזן,
און שטיל זיך געלייגט
אינעם שוים פון די גראָזן.

דאַן פלעגן זיי פלוצלינג
ביי אים און די טרוימען,
צעוואַקסן אין וועלדער
פון אוראַלטע ביימער.

וואָס האָבן אין גרינעס
און הייליקן שווייגן,
דעם הימל געצערטלט
מיט זייערע צווייַגן.

אָ, זאַפטיקע לאַנקעס
פון מיינע חלומות,

אייך האָט מען צעקאָכטעט
אויף גראָז פאר די בהמות.

איצט וויקלט אייך איינעט
א הימל א גרויער,
און איבער זיי נידערט
דער טוי פון מיין טרויער.

מיר ציטירן אויך דאָ א ליד, פון דעם אמעריקאגיש־יידישן דיכ־טער, ז. וויינפער, „אונדזערע שפּראַכן". א ליד וואָס צייכנט זיך אויס, מיט דיכטערישער פאנטאזיע, פול מיט ליבע און ווארימקייט צו יידיש, און צו אונדזערע שפּראַכן. די דיכטערישע שאפונגען אין יידיש, אין אלע לענדער, ווי יידן וווינען, און ווי עס בליט די יידישע ליטע־ראטור.

וויינפערס טענער, פון דעם דאָזיקן ליד, פלעכטן זיך אריין אין איין כאָר, פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג פון אונדזערע קולטור־צענטערן פון אלע לענדער.

„אונדזערע שפּראַכן".

יידישע דיכטער, ביי אלעמענס ברעגן,
ווער ביי דער ווייסל, און ווער ביי דעם האָדסאָן
אונטער דעם שניי, און דעם האָגל דעם רעגן
וואקסן צום הימל צעבליטע אנטקעגן.
אונדזערע שפּראַכן.

אונדזערע אויגן צו זוניקע הויכן
אונדזערע הענט ביי דעם רידל ביים אקער,
דורך די פארשידן קאָלירישע רויכן,
גייען מיר אלע צו זוניקע הויכן
אין אונדזער פלאקער.

פלאקער־זשע, פלאקער־זשע העכער מיין פייער,
דו, אונדזער איינציקער צייכן אנטקעגן!

וואָס נישט דערוואַקסן, דערוואַקסן וועט האַר,
מערן וועט זיך אינעם אייגענעם שייער
אונדזער פאַרמעגן.

שיין איז דער גאָרטן, מיט ביימן פאַרזייטע!
ביימן קאַלירטע, באַזונדערע, פאַרשידן
איבער קאַלירקע ביימן פאַרזייטע
שיקן זיך גרוסן דורך לידער דערפרייטע
יידן צו יידן.

שפּראָצן צעבלימטע אויף בייכיקע ביימן
וועמען א דאָרן און וועמען א חידוש.
אָבער דעם טיש, דעם גערעקטן געגרייטן
פרוכטן פון אייגענעם גאָרטן, געצעלטן
לידער אויף יידיש.

ווער ביי דער ניעווע, און ווער ביי דער מוריע,
איך זינג מיין ליד ביי דעם פליסיקן האָדסאָן.
פון דעם כנרת און די חמי־טבריה,
ביז צו די טייכן פון ווייטן מאַנדזשוריע
אונדזערע שפּראָצן.

אויך דער דיכטער מאַני־לייב האָט אָנגעשריבן א שיין ליד אונטערן טיטל „יידיש".

מאַני־לייב איז פון דער גרופּע, וועלכע האָבן זיך גערופן „די יינגע". ער האָט מיט זיין גרויסן טאַלענט, מיטגעהאָלפן, די גרופּע זאָל פאַרנעמען אן אָנגעזעענעם אָרט, אין דער נייער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע.

ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער, פון דער מאָדערנער יידישער ליריק. ער האָט אריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג, זיין אייגענעם טאָן, און אייגענע פארב, און האָט פיל מיטגעווירקט, צו באַרייכערן די מוזיק פונעם יידישן וואָרט, און דעם ריטם פונעם יידישן ליד. סיי זיינע יידישע מאָטיוון, סיי זיינע באַלאַדן, זיינען

אָנגעזאפּט, מיט דעם גאנצן חן, און צויבער, פון דער יידישער פאָלקס-מעשׂה, און פון דעם יידישן פאָלקסליד.

ער האָט אויך געשריבן א סך קינדער לידער, וועלכע געהערן, צו די שענסטע שאפונגען, פון דער יידישער קינדער ליטעראטור.

זיין ליד פון ברויט, צו וועלכן דער בארימטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר, יואל ענגל, האָט געשאפן מוזיק, איז געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע לידער, אין דער יידיש-וועלטלעכער שול.

„יידיש“

די וועלט איז פול מיט רעדן,
עס רעדט דאָך יעדע זאך.
און יעדער אויף זיין שטייגער.
און יעדער אויף זיין שפראך.

און יידן רעדן יידיש,
און יידיש איז דאָך שיין,
איז גרינג א צווייטן יידן,
פארשטיין ווי זיך אליין.

און יידן רעדן יידיש,
אויף אלע עקן וועלט,
אין אמעריקע אין הייסער,
און אין סיבירער קעלט.

מיט ניט ווייניקער פאטאָס און שייכקייט, זינגט אונדז וועגן יידיש, דער פּראָדוקטיווער און שעפעריקער אמעריקאנישער יידישער דיכטער י. י. סיגאל.

זיין טעמאטיק, איז שטענדיק א רייכע און א וואריירטע. מיט זיינע עטלעכע בענדער לידער, האָט ער געבראכט א גרויסן צושטייער, דער יידישער ליטעראטור פון אמעריקע.

„י י ד י ש“

מאמע אידיש, האָסט נאָך ברייטע גרינע פעלדער,
איבער ליטע, פוילן און גרויס־וואָלין,
פליט ארום מיין ליד דאָרט, איבער זייער זומער,
קלייבט דאָרט גאָלד און האָניק ווי א בין.

הויך און רייך און יונג, איז דאָרט דער זומער,
ברייט זיין פרייד אריבער בארג און טאָל.
און דערפאר האָסטו נאָך, ליבע מאמע אידיש
אזא ליכטיק, אזא לויטער קול.

ס'קלינגען אין אים אָפענע טיפע בלויע הימלען,
מיט דער לויטערקייט פון גאָר דער וועלט,
ס'פינקלען אין אים געלע, ווייסע און רויטע בלימלאך,
און פארגעס־מיך נישט, אָ טויזנט מיילן פעלד.

כ'רייס א גרויסן הויפן אָן פון זיי, און ווארף זיי.
און צובלאָז זיי, אויפן פליגל פונעם ווינט.
ס'וועט דער ליבער גוטער ווינט זיי טראָגן
איבער גאָרער וועלט, צו איטלאך יידיש קינד.

פארגעסמירנישט — פארגעס מיך נישט, פארגעסט ניט קינדער,
און — די אידישע קינדער שמייכלען שיין און וויל,
איז איטלאך יידיש וואָרט, א בלויאיק קינדעריש בלימל,
זינגט איטלאך יידיש קינד, דאָס שיר השירים ליד, צו יידיש,
ווערטער — גאָלדענע זיסע קושן אויף זיין מויל.

מיר גיבן דאָ א ליד, וועגן יידיש, פון דעם דיכטער י. פאפירניקאָוו, וואָס לעבט און שאפט אין ישראל. פון דעם דאָזיקן ליד, וואָס טראָגט דעם טיטל „דער צער פון יידיש“, איז צו זען, אז זיין שאפונגס־וועג איז נישט געווען אזא לייכטער.

פאפירניקאָוו, האָט געשאפן זיינע לידער אין ישראל. אין דער צייט, ווען יידיש איז דאָרט פארפאָלגט געוואָרן.

פאפירניקאָוו איז איינער פון די אָנגעזעענסטע ישראל'דיקע יידישע דיכטער. ביז איצט האָט ער ארויסגעגעבן עטלעכע בענדער לידער אין יידיש. זיין באַנד ליבע־לידער, אונטער דעם טיטל „מיין שיר־השירים" וואָס איז נישט לאַנג דערשינען אין תל־אביב איז מיט וואַרעמקייט אויפגענומען געוואָרן פונעם יידיש לייענער.

„צער פון יידיש"

ווער ס'מיינט נישט דאָס ליד מיינס, מיינט אויבעט
    נישט מיך —
ווייל איך — בין מיין ליד, און דאָס ליד מיינס — בין איך:

איך זאָג עס אנטקעגן מיין היים פון טאנאך,
מיין היים, וואָס פארמאָגט ניט די יידישע שפראך,
אויף וועלכער איך זינג מיינע לידער פון לויב
און ליבע צום לאנד, וואָס איז טויב פאר זיי, טויב.

ווער ס'מיינט נישט דאָס ליד מיינס, מיינט אויבעט נישט מיך,
און איך — בין ביי מיר אינדערהיים — נישט ביי זיך.

דאָס יידישע ליד אין העברעישן לאַנד —
איז א פויגל, א זינגפויגל,
וואָס איז געטראָפן געוואָרן
ביי זיך אין דער נעסט — פון א שטיין,
וואָס א רויע גראָב־הויטיקע האַנט
האָט א שליידער געטאָן
און — פארוונדעט — עס
פון בוים אים ארונטערגעוואָרפן צו דרערד.

דאָס יידישע ליד אין העברעישן לאנד —
איז דער פויגל, דער זינגפויגל
מיט די צעבראָכענע פליגל,
וואָס הייבן זיך הויך שוין נישט אויף,
נאָר פלאטערן, פלאטערן נידעריק,
צאפלען און — פאלן צוריק.

ווייל ס'האָט מיין נייע היים, נישט אויפגענומען מיר
צוזאמען מיט מיין קינד: דאָס ליד דאָס יידישע,
און מיך געלאָזט דערמיט אינדרויסן,
ווי א יורד אויף א שמחה א נגידישער —
בין איך אין איגן לאנד אין מיין —
ווי כ'לעב שוין יאָרן צענדליקער —
אין לעבן נישט אריין,
געבליבן, ווי א זייטיקער און אים —
מיט מיין פארשעמט געזאנג:
מיין יידיש ליד פון ליבע, לויב און דאנק.

אָבער היינט צו טאָג, איז דאָרט, דער צוגאנג צו יידיש א גאנץ מילדערער. אין תל־אביב איז פאראן א פאַ־לאג, און וועלכן עס דערשיינען, פון צייט צו צייט, יידישע ביכער. עס איז אויך פאראן א ראדיאָ־עמיסיע אין יידיש, און אין תל־אביב, דערשיינט אויך דער וואָגיקער יידישער זשורנאל „די גאָלדענע קייט".

און דאָ ציטירן מיר א ליד, פון א צווייטן יידישן דיכטער פון ישראל, אברהם לעוו.

דאָס דאָזיקע ליד, איז געשריבן מיט א סך געפיל און דער דיכטער שילדערט וואָס יידיש האָט איבערגעלעבט צוזאמען מיטן יידישן פאָלק, אין משך פון דורות, אין פאַרשידענע לענדער, ביז צו דער לעצטער קאטאסטראָפע, ווען די היטלעריסטישע קאניבאלן, האָבן אומגעבראכט א טייל פונעם יידישן פאָלק, אין די לאגערן און אין די גאז־קרעמאַטאָריעס.

„יידיש"

פון אברהם לעוו גבעת השלשה, א"י

די שפראַך, וואָס האָט צוזאמען מיטן פאָלק געליטן
און דורות האָבן זיך געוואַרעמט ביי איר פייער, —
די שפראַך, די איינגעוואָרצלטע דורך דורות, דורות יידן,
איז אונדז נישט פרעמד, נאָר נאָענט איז זי און טייער.

די שפּראַך פון מענדעלע, פון פּרץ און פון אַשן,
די שפּראַך וואָס האָט אַ פאָלק באַגלייט און וועט באַגלייטן.
מ'האָט אונדז געבּרענט אין אַלע שטעט, אין אַלע גאַסן,
און ווי דאָס פאָלק — אַזוי וועט מען אויך זיין שפּראַך
ניט טייטן.

אויף באַריקאַדן פון וואַרשע און פון ביאַליסטאָק, פון
ווילנע און פון לידע,
האָט דיין יידיש וואָרט געמוטיקט אין פאַרשיידענע געוועבן;
און ווען דער חלף האָט די העלדזער אָט די כשרע געשניטן,
ס'מען נאָך אַרויסגעבאָ־כלט אין דיין שפּראַך: „מיר וועלן
זיי איבערלעבן! איבערלעבן!

אין מיידאַנעק און אָשווענצים, אין טרעבלינקע, אויף
לובלינער שייטערס,
האָבן גוססע די קללות אין דיין שפּראַך אַרויסגעבריפּעט —
און צערטראָטענע דורך טאַנקען און דורך מערדערישע
רייטערס,
זיינען זיי פאַרפייניקטע געשטאָרבן מיט יידיש וואָרט אויף
זייערע ליפּן.

די שפּראַך, די יידישע פאַרחתמעט איז מיט אונדזער
בלוט, מיט אונדזער צאָרן,
פון ת"ח ות"ט און נאָך פון פריערדיקע צייטן.
אַ שפּראַך, וואָס איינגעוועבט אין אונדזער בלוט ליכטיק
זי, טוט קלאָרן;
און לייכט דורך דורות אונדז פון וויטן.

אַ געזאַנג צו יידיש, אונטער דעם טיטל „יידיש וואָרט" האָט אונדז אויך געזונגען דער פּראָגרעסיווער יידישער דיכטער מ. א. סול פון אַמעריקע.

אין דעם דאָזיקן פּאָעם, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דער אויפטו פאַרן יידישן לשון, פון אַ גאַנצער ריי שרייבער, וואָס האָבן

געשאַפן זייערע ווערטפולע ווערק אין יידיש, אָנגעהויבן פון אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע. פּרץ און שלום עליכם, ביז בערגעלסאָן, מארקיש און דעם פּריצייטיק אומגעקומענעם מחבר פונעם פּארטיזאַנער הימן, הירש גליק.

מ. א. סול׳ס ליד, איז איינס פון די שענסטע הימנען געזונגען אונדזער מאמע־לשון

אידיש וואָרט

פון מ. א. סול

ס׳האָט מענדעלע געטאָקט דיך און געשליפן,
נישט געשעמט זיך מיט דעם „אָרעמען זשארגאָן“,
מיט דיך אנטפּלעקט דעם קליינעם מענטשעלעס באַגריפן
מיט דיך די בעלי־טאקסע נאַקעט אויסגעטאָן.

און שלום־עליכם האָט מיט דיך, דעם „אביון“,
געמאַכט אונדז אָנגענעמען פּאר גרויסע גבירים,
געגעבן אונדז א פּעפּערל, א האָרלען און א טביהו,
געגעבן אונדז געלעכטער—דעם פאָלקס אומענדלעכן עשירות

און פּרץ האָט דיך אויפגעהויבן הויך —
אויב נים נאָך העכער —
ווען ר׳איז געגאַנגען מיט דיך אין פייער און אין רויך
צו די אידן אין די בונקערס, אין די לעכער.

און מיט דיך האָט ווינטשעווסקי געררופן, געוועקט:—
...אין די גאסן מיט די מאסן... א בעזים און א קער!
און מיט דיך האָט דעם פיין פונם שוויץ־שאפ אויפגעדעקט
מאָריס ראָזענפעלד, דער טרערן־מיליאָנער.

און מיט דיך האָט דוד עדלשטאַדט געשוואָרן
טרייהייט צו דער רויטער פאָן,
און ביזן לעצטן טאָג פון זיינע יונגע יאָרן
גערופן שטירצן פון דער טיראַניי דעם טראָן.

און מיט דיר האָט באַוושאָווער א שאַל־געטאָן מיט פּאַטאָס:
דערוע, אָ, פאָלק, די אוצרות וואָס דו שאפסט;
און מיט דיר האָט משה־לייב געשניטן פאסן
פון דער „זונה, אונזער פירערשאפט".

און משה נאדיר האָט דיך פינקלדיק צעהעלט.
דו ביסט געווען פאר אים א גליאיג שטאָל, א קילער טוי
דאָס האָט ער דאָך מיט דיר געגעבן א באַפעל: —
„דערלאנג אהער די וועלט, בורזשוי!"

און דוד בערגעלסאָן, דער פּראָזע־ווירטואָז,
האָט מיט דיר געשפּאנט זיין מייסטערישן וועג
פון א פארגרעסערטער שטאָט ביז א סאָוועטישן קאָלכאָז
פון נאָך אלעמען צו בראשיתדיגע טעג.

און מארקיש האָט, ווי פון א וואנדער־לעבן אָרגל
געצויגן פון דיר קלאנגען בלע־ליי,
קיין קלאנג איז נישט געווען פאר אים פארבאָרגן
פאר זיין קרוין־ווערק, דער מלחמה־עפּאָפּיי.

און מיט דיר האָט דער יונג־פארשניטענער הירש גליק
אין דער פינצטער אויפגעבליצט ווי א מעטעאָר,
און זיין פארפייניקט פאָלק א טרייסט געשיקט, —
אז „קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה!"

פאר דעם געטאָ־אינגל וואָס געבעטלט האָט א גראָשן,
פאר דעם לאנגער־ייד געשליידערט אין די פלאמען,
ביסטו געווען שוין מער ווי מאמע־לשון,
דו האָסט דערהויבן זיך צו לשון און צו מאמע.

טרער פון אונזער צער און שפּיז פון אונזער צאָרן;
צונג פון אונזער וויי און אונדזער פרייד, —
דו ביסט אויף אייביק שוין מיט אונדז פארקניפּט געוואָרן,
דו וועסט פון אונדז שוין קיינמאָל נישט צעשיידט.

8 — Figuri literare — c. 1549

פאראן נאָך א ליד וואָס הייסט „יידיש לשון" אָנגעשריבן פון דעם ווייניק באקאנטן דיכטער א. שינדלער. דאָס ליד צייכנט זיך אויס מיט זיין פשוטקייט און איז אָנגעשריבן אין א פאָלקסטימלעכן טאָן:

יידיש לשון, פשוט לשון
פון די מאמעס, טאטעס
ביסט דאָך מלא חן אזוי
ווי בלימעלעך אין תמוז.

יידיש לשון הארציק לשון
פון מיליאָנען ברידער
מאמעס, באבעס האָבן אונדז
געזונגען שיינע לידער.

זיידעס האָבן מעשהלעך
אויף יידיש אונז געגעבן
יידיש לשון, מאמע לשון
פרייד פון אונדזער לעבן.

אויך דער דיכטער ה. לייוויק, האָט אָנגעשריבן א גרויסן פאָעם, אונטער דעם טיטל „יידיש".

ליידער האָבן מיר נישט דאָס ליד צו דער האנט, מיר זאָלן עס קענען דאָ ציטירן.

גאָר אויף אן אָריגינעלן אופן, פול מיט פאטאָס און קלאָרקייט, פול מיט קאמף און נצחון, קלינגט דאָס ליד „יידיש" אָנגעשריבן פון דעם טראגיש־אומגעקומענעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער איציק פעפער.

אין דעם דאָזיקן ליד, באריהרט אויך דער דיכטער די טעמע פון יידיש אין פראָס פאָרם „מאָניש", וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן געשריבן. אייניקע פערזן פון דעם דאָזיקן ליד דערמאנען דעם פאָעם יידיש פון א לייעסן, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט.

יידיש
איז א שפּראך ווי אלע!

דורכגעגאנגען
אלע גייטן,
דורכגעבראָכן
אלע פלויטן,

דורכגעריסן
אלע הויטן,
אויסגעוואלגערט
אלע טויטן!

ס'איז שוין ניט די שפראך, וואָס וואנדערט
פון כאסלאוויטש ביז ליובאוויטש,
יידיש
איז ווי א גוטער סלאוויש,
יידיש
איז א ביסל אנדערש.
דאָר מיט אלע האָריזאָנטן,
וואָס א שפראך קאָן זיך פארגינען.
קלינגט אין אלע פראָנטן,

יידיש
נעמט באוונדערס בליצן
אין דעם אָפּשיין פון רובינען
מיט די פינף צעשיינטע שפיצן...

ביי דעם גרעסטן דרך־ארץ
צו דעם גרויסן שרייבער פרץ
מוז מען דאָ מיט ווערטער קלאָרע
מאכן אויך פון זיין השערה;
אנדערש וואָלט זיין ליד געקלינגען,
ווען ער זאָל נישט יידיש זינגען...

און דער ערשטער האָט דאָך מאָגיש
זיך געשטעלט קעגן זיין רבין..

אָט די שפראך איז אונדז געגעבן
ניט צו טורמלען אין זשארגאָניש
אין פארשטויבטע געטאָ־ערטער,
מיר פארגעסן שוין די ווערטער;

אפשר, הפקר, בלאָנקען, טאָטער,
ווי די ווערקע פון בלאָשטיינען
און פון אַלטן גוטן שאָטער...

יידיש שמעקט מיט ערד מיט רייפער,
יידיש שמעקט מיט שווערד מיט שטייפער,
יידיש איז א שפּראַך ווי שפּראַכן,
ניט קיין הימלאָזע איף שליאַכן,
יידיש האָט א שיינעם דרויסן
און א שטאַרקן דאַך א גרויסן,
ווי א גלייכע צווישן גלייכע,
גיט זי זיך דעם פיינט ניט אונטער;
ווי א רייכע צווישן רייכע
קלינגט זי יום־טובדיק און מונטער...

ס'ווערן קלענער קללות, טענות
און ווי היימיש ווערטער זענען, —
ממש ווי די מחותנים:
מאָסקווע, קרעמל, רויטע פאָנען.
און אפילו אונדערוואַכן
הערט ניט אויף צו קלינגען היימיש
דאָס דערהויבן וואָרט: נצחון...

יידיש
הייסט ניט בת־יחידיש,
יידיש
הייסט ניט הוילע חידוש,
יידיש
האָט אי אש, אי פייער
און דערפאַר איז זי אונדז טייער.

און אָט זענען צוויי פאַר אונדז גאָר אינטערעסאַנטע לידער, פון צוויי יידישע דיכטער, פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איין ליד, טראָגט דעם טיטל, „מיין יידישער אלף־בית“, אָנגעשריבן פון דעם גוט באַקאַנטן

יידישן דיכטער, מאָטל גרוביאַן, פון מאָסקווע, וועלכער איז אונדז באַקאַנט פון זיינע שאפונגען, וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אין די לעצטע יאָר, זייט עס דערשיינט אין מאָסקווע דער ביז גאָר אינטערעסאַנטער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". און דאָס צווייטע ליד, אונטערן טיטל „א געזאַנג צום אלף־בית" איז אָנגעשריבן פון דעם פּראָדוקטיוון דיכטער ה. בלאָשטיין פון טשערנאָוויץ.

אין די דאָזיקע צוויי לידער, ווי איר זעט לויט די טיטלען זייערע, באַזונגען די צוויי דיכטער, איעדער, אויף זיין אייגענעם אָריגינעלן אופן, פול מיט ליבע, די אותיות פון דעם אלף־בית, פון דעם יידישן לשון, אין וועלכע זיי שאפן.

מיין יידישער אלף־בית

פון מאָטל גרוביאַן (מאָסקווע)

ווען געבליבן איך בין אינגאַנצן אָן א דאַך,
האָב איך מיר א שטוב פון מיין אלף־בית געמאַכט.

אות צו אות צוגעוויפגערופן ביי א בוים אויף אן אסיפה
און א היים זיך אויסגעבויט א וועלט חריפות

דער אלעף האָט צוויי סאַמעכלעך געמאַכט אין די הענט
און איז צום ברונעם געלאָפן וואַסער טראָגן,

דער ייד איז ווי געבוירן צו זיין א ציגל אין די ווענט,
דעם זייען ווי א טשוואָק כהאָב אין באַלקן פארשלאָגן.

די וואָוו־קראָקוועלעך שפּאַרן אונטער דעם דאַך,
פון דער דאַלעד א טיר און א הויז־טיר געמאַכט.

פון די פייען אויסגעלייגט א קוימען א חדוש —
אך, סאַראַ זשאַר אין מיין האַרץ דאָס יידיש.

ווען איבערגעשריבן אַ ריין כ'וואָלט דעם הימל
וואָלט איך פאַרמעסט פון גזר דעם גימל,

דאָס גימעלע פון גליק ערגעץ ווייט נאָך בלענדט,
אך, סארא זשאר אין הארץ ביי מיר ברענט.

איך לויף נאָך דעם לאמעד פון ליבע און ליכט,
מיט דער האנט כ'וויש א וואָלקן אראָפּ פון געזיכט.

מיט זילבערנע פּיקעס מיין פעלד איז פארפלייצט,
כהאָב שוין לאנג נישט געזען אזא הויכן ווייץ,

דאָ אין פעלד מיינע ברידער געברענט און געטייט,
מיין קאָפּ ווי די ענד ארום דער זון זיך דרייט.

פון דער זון נאָך איין נון איז שוין געבליבן
ווען איך וואָלט דעם הימל אויף ריין איבערגעשריבן

צום פענצטער מ״ן פאָלק געוואָרפן א גריפעלע טרייסט
די וועלט וואָלט באוונדערט, מיין אלטינקער יידישער
אלעף־בית.

דאָרט אין אוראלט מ'האָט דיך ווי א לייכטער געריבן
ארום און ארום דער קיילעכדיקער ערד געיאָגט און
געטריבן,

ביי בריאת־עולם פאר דורות געשטעלט דעם ערשטן בית,
דעם אלעף אין „אשרי" וואָס יעדער מיטוואָך־ייד ווייסט.

ביסט פראָסט ווי א היימישער שיין, ווי דאָווידס א ליד,
דיינע אותיעלער זיך שיטן אין הארץ מיר צעגליט.

דיין שין ציגנד איך אָן צי א מנורה אויפן טיש
אונדזער גורל זאָל נישט זיין מער געפּלאָגט און צעמישט.

נאָך אזוי פיל רדיפות, גאָך אזא לאנגער נאכט
איך לעב, ווייל איך האָב מיר א שטוב געמאכט
פון מיין יידישן אלף־בית א שטוב מיט א דאך.

א געזאנג צום אלעפבייס

פון ה. בלאָשטיין (טשערנאָוויץ)

מיין קינדערשער, מיין ווייטער בלאָ איז
מיט ראָזע וואָלקנדלעך, ווי אויסטערלישע פיש...
כ'בין אלט פינף יאָר. אין חדר ביי א טיש
באוייזט דער רבי מיר די „אותיות מרובעות".*)

כ'דערוויס זיך דאָ, אז קאָמעץ אלעף — אָ איז,
און פאסעך אלעף — אַ און כיריק אלעף אי, —
דער רבי גיט סמנים, כ'זאָל אָן מי
געדענקען זיי — די אותיות מרובעות.

דער רבי — אויסגעדארט און הייזעריק און גראָ איז,
פון דארן געלן האלדז שטארצט אויס א שארפער „קנאָפּ"...
און ס'איז ניט היימלעך מיר, אין ס'קריכן ניט אין קאָפּ
די נעמען פון די אותיות מרובעות.

פון הינטער פענצטערל — מיט טויזנט הנאות
מיר רופט דער טייך, די לאָנקע און דער וואלד;
נאָר איך בין דאָך שוין גאנצע פינף יאָר אלט,
איז בלאָנדזשע איך אין וואלד פון אותיות מרובעות.

ווער האָט געקענט דאן וויסן, אז אָט דאָ איז
דער אָנהייב פון מיין גרויסער פרייד און פיין,
אז ביז אין גרוב אריין וועל איך פארבונדן זיין,
ווי מיט דער זון, מיט אָט די אותיות מרובעות!

כ'האָב ניט געוווסט: ווי ריינער צארטער טוי איז
גיננגאָלדיק, פערלדיק פארשפרייט אויף זיי
דער כישוף פון מיין מאמעס הארץ, איר פרייד און וויי,
און ס'איז מיין טאטנס טרייסט אין אָט די אותיות מרובעות.

*) אותיות מרובעות (לייען: אויסיעס מערובאָעס) איז די טייטש: די קווא דראטנע שריפט, אָדער פירעקכיגע שריפט, ווי עס ווערט אָנגערופן דער יידישער אלעף-בייס.

כ'האָב נישט געוווּסט, אַז ס'האָבן נישט קיין טעות
געמאַכט די טויזנט דורות, וואָס ביז מיר,
און זיי האָבן אין וועלט אַריין אַ טיר
געעפנט זיך דורך אָט די אותיות מרובעות.

מיין פאָלק! דיין יעדער קער אין־ווענד, דיין יעדע
גרויסע שעה איז
פאַרמאָנומענטעוועט אין דעם גראַניט,
ווי אָפּגעשטעמפּלט איז דיין יעדער טריט —
אין פלאַם פון בלוט געפּרואוועטע אותיות מרובעות!

און ווען ס'באַפאַלן מיך אַמאָל די חיות רעות
פון ספיקות גיפטיגע און זוכן מיינע טריט —
צעטרייב איך זיי מיט פאַקל פון מיין ליד,
געצונדן אינם ליכט פון אותיות מרובעות...

אויך די יידישע דיכטערן, דאָרא טייטלבוים, וועלכע וווינט אין פּאַריז, האָט אין אירע ביז איצט אַרויסגעגעבענע צוויי לידער־ביכער, באַזינגען דאָס יידישע לשון, אין וועלכן זי שאַפט. באַזונדערס, האָט זיך איר ליבע צו יידיש, אויסגעדרוקט אין איר בוך לידער, איבער־זעצט אין פראַנצויזיש, פון שאַרל דאָבזשינסקי, אונטער דעם טיטל „דער ווינט רעדט צו מיר יידיש".

★

דער ציל פון דער דאָזיקער אַרבעט, איז צו באַקענען די יידיש־לייענער מיט די לידער, אין וועלכע אונדזערע דיכטער, האָבן אין משך פון כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט, באַזונגען אונדזער מאַמע־לשון, די שפּראַך פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. די שפּראַך אין וועלכע עס איז איינגעוועבט געוואָרן, די ליידן און פרייִדן פונעם יידישן פאָלק, אין משך פון אַ סך דורות, זייט יידיש איז געוואָרן ניט נאָר די שפּראַך פון פאָלק, נאָר אויך די שפּראַך, אין וועלכער די יידישע וואָרט־קינסטלער, די שרייבער און דיכטער, האָבן פאַראייביקט זייערע קינסטלערישע שאַפונגען.

אין דערזעלבער צייט, וועלן די דאָזיקע צונויפגעזאַמלטע לידער, וועגן יידיש, דינען פאַר א קלענער אַנטאָלאָגיע פאַר דעם יינגן דור, וואָס לערנט יידיש, וואָס זאַפּט אין זיך איין די אוצרות פון דעם יידישן לשון און פון דער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן.

צום סוף, וויל איך דאָ צוגעבן א קליין חנעוודיק ליד, וועלכס איז א הימן צו אונדזער הארציקער פאָלקס-שפּראַך.

מוטער שפּראַך

טעקסט פון וו. יונין לויט ז. ליבין

מוטער שפּראַך, מאַמע שפּראַך,
כ'ליב דיך ווי דאָס לעבן,
כ'וואָלט פאַר דיינס אן אותיעלע,
א וועלט אַוועקגעגעבן.
און הער איך דיינס א ווערטעלע,
ווערט מיר אַזוי פריידיק,
אָן דיר, אָ ליבע עמך-שפּראַך,
איז דאָס לעבן ליידיק.
ווערסט יינגער גאָר און שענער גאָר,
און וואָס איז דאָ דער חידוש,
ווען ס'זינגט א מיליאָנען פאָלק,
זיין צער און פרייד אויף יידיש.

דער משל ביי יידן פונעם אלטערטום,
ביז דער הייַנטיקער צייט.

(לויט פארשיידענע קוועלן)

געוויסע קולטור־היסטאָריקער, און ליטעראַטור־פאָרשער, באַהויפּטן, אז דער ליטעראַרישער זשאַנר, אין דער פאָרם פונעם משל, שטאַמט פון גאָר אַלטע צייטן. טייל ליטעראַטור־פאָרשער, באַהויפּטן אפילו, אז דער משל איז געווען דער אָנהויב פון דער וועלט-ליטעראַטור, ווייל שוין אין די פּרימיטיווע צייטן, האָבן זיך די מענטשן באַנוצט אין זייער רעדן מיט משלים.

בכלל זעַען אין דער וועלט־ליטעראַטור, פאראן זייער ווייניק שרייבער, וואָס האָבן געשאַפן זייערע ווערק, אין דער פאָרם פון משלים.

די מער באַרימטע פון זיי, קענען מיר אויפצײלן אויף די פינגער. מיר הויבן אָן, מיט דעם גריכישן פאַבוליסט, עזאָפּ, וואָס האָט געלעבט אין ערך, מיט זעקס הונדערט יאָר, פאר אינדזער צייט רעכנונג. און דאָס וואָס מיר ווייסן וועגן אים איז, אז ער איז געווען א שקלאַף, האָט אָנגעשריבן זיינע משלים, אין גריכיש, און אז א צווייטער שקלאַף זאָל זיי האָבן איבערגעזעצט אויף לאַטייניש.

פאר א מהלך פון א פּאָר טויזנט יאָר, קומען מיר צו, צו דעם פראַנצויזישן פאַבוליסט לאַפאָנטען, וואָס האָט געלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, און וועלכער איז אין א קורצער צייט, געוואָרן, איינער פון די פּאָפּולערסטע שרייבער אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און מיר פאַרענדיקן, מיט דעם באַרימטן רוסישן פאַבוליסט קרילאָוו, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, און וואָס זיינע משלים, זענען מיט דער צייט, איבערזעצט געוואָרן כמעט אין אלע לשונות

די ליטעראַרישע שאַפונג, אין דער פאָרם פונעם משל, געפונען מיר, כמעט אין אַלע לענדער, און ביי אַלע אַלטע פעלקער, פון דער וועלט. דער משל, איז אַריינגעדרונגען אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אין די גרויס־שטאָטישע סאַלאָנען, אין וועלכע עס לעבן אין לוקסוס און עשירות, די רייכע און די זאַטע, און אין קעלער־שטוב, פונעם אָרעמען, אין וועלכן, עס פייפט דער ווינט, און עס ברויזט דער שטורעם.

און ווייל די דאָזיקע פאָלקס־שאַפונגען, באַגלייך מיט אַלע אַנדערע ווערק, וואָס די פעלקער האָבן געשאַפן, פלעגן מיט דער צייט, פאַרשפּרייט ווערן, אין פאַרשידענע לענדער אין פעלקער, איז דערקלערלעך, וואָס מיר געפונען ביי מערערע פעלקער, די זעלבע משלים, נאָר מיט געוויסע ענדערונגען.

עס איז שווער פעסטצושטעלן, ביים היינטיקן טאָג, וויאַזוי דאָס איז געשען. מען איז זיך משער, אַז די פאַרשפּרייטער פון דער דאָזיקער פאָלקס־שאַפונג, זענען געווען, די שיפער, וואָס פלעגן אַרומפאָרן מיט די שיפן, איבער ימים און וואַסערן, און די קעמל־טרייבער, וואָס פלעגן דורך מאַכן לאַנגע וועגן מיט די קאַראַוואַנען, אויף דער יבשה. אַהיים־קומענדיק פון זייערע ווייטע נסיעות, פלעגן זיי איבערדערציילן, אַלץ וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט אין וועג, יעדער איינער פון זיי, צו־געבנדיק עפּעס פון זייער אייגענער פאַנטאַזיע. פון דאַנען, זאָלן עס שטאַמען די ענדערונגען, וואָס מיר געפונען אין די משלים ביי פאַר־שידענע פעלקער.

דר. צבי כהן, אין זיין זייער אינטערעסאַנטן און ווערטפולן עסיי „די ווירקונג פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור אויף דער וועלט־ליטעראַטור" ווייזט אָן, אַז די געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין תנ"ך, וועגן די צוויי מאַמעס פון די צוויי קינדער, איינס אַ טויטס און איינס אַ לעבעדיקס, וועלכע האָבן זיך געקריגט, איטלעכע פון זיי, זאָגנדיק, אַז דאָס לעבעדיקע קינד איז אירס, און דאָס טויטע קינד איז דער צווייטערס, און זענען געקומען מיט זייער משפט, פאַר שלמה המלך, וועלכער האָט מיט זיין קלוגשאַפט, אַרויסגעטראָגן דעם באַקאַנטן אורטייל, לויט וועלכן, מען האָט דערקענט, די אמתע מאַמע, פונעם לעבעדיקן קינד, געפונען מיר אויך אין דער משלים־זאַמלונג, פונעם אינדישן פאַבוליסט בידפּיי, אָבער דער ריכטער, איז ביי זיי נישט שלמה המלך, נאָר דער אינדישער בודא.

כמעט דאָס אייגענע, זאָגט דר. צבי כהן, איז געשען, מיט א קורצער געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין מדרש, אז עס זענען אמאָל געווען צוויי חברים, וואָס האָבן זיך שטארק ליב געהאט. צוליב א מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן, צווישן די צוויי לענדער, וווּ זיי האָבן געוווינט, זענען זיי איינער פונעם אנדערן דערווייטערט געוואָרן. איינמאָל, איז איין חבר געקומען באזוכן זיין פריינט, און די מלוכה האָט אויף אים געהאט א חשד, אז ער איז א שפּיאָן. האָט מען אים ארײַנגעוואָרפן אין תפיסה, און פארמשפּט צום טויט. האָט ער פארלאנגט, מען זאָל אים פירן פארן מלך. ער האָט דערציילט דעם מלך, אז ער איז א גרויסער סוחר, און האָט פארקויפט א סך סחורות אויף באָרג, אָן א שריפטלעכן באווייז, און אויב ער וועט שטארבן, וועט קיינער נישט באצאָלן זיין פרוי, דעם חוב, און זי מיט די קינדער וועלן אויסגיין פאר הונגער. ער בעט דעריבער, דער מלך, זאָל אים לאָזן גיין אהיים אויף א חודש צייט, ער זאָל איינמאָנען די חובות, און איבערגעבן דאָס געלט זיין משפּחה.

פרעגט אים דער מלך: ווער וועט גאראנטירן פאר דיר אז דו וועסט צוריקקומען? ענטפערט ער: מיין חבר וואָס וווינט דאָ. דער קעניג, רעדט מיט דעם פריינט זיינעם, און יענער איז מסכים, אז אויב זיין חבר, וועט זיך נישט אומקערן, זאָל מען אים הרגענען, אויפן אָרט פון זיין חבר. דער מלך האָט מסכים געווען, און דער חבר איז אהיים־געגאנגען.

ס׳איז געקומען דער לעצטער טאָג, פונעם חודש, ווען דער טערמין האָט זיך געענדיקט. אָבער דער חבר איז נישטאָ. דער קעניג גיט אן באפעל. מען זאָל ברענגען דעם חבר, וואָס איז געווען ערב, און מע זאָל אים אָפּהאקן דעם קאָפּ. אז מען האָט אים שוין געפירט הרגענען, האָט מען פלוצעם געהערט א געשריי: „ווארט! ווארט!“ איך בין דאָ! דאָס איז געווען דער צוריק געקומענער חבר, וואָס איז געקומען צו לויפן, און האָט געזאָגט: „אָט בין איך דאָ, הרגעט מיך!“. אָבער דער פריינט זיינער זאָגט: „לאָזט מיך בעסער שטארבן פאר אים!“

ווי דער קעניג האָט דאָס געהערט. האָט ער זיי ביידע באפרייט.

אזוי ווערט דאָס מעשהלע דערציילט אין מדרש. מיט א צייט שפּעטער, האָט פעטרוס אלפאָנזי, ארייננענומען דאָס דאָזיקע מעשהלע, מיט געוויסע ענדערונגען, אין זיין לאטיינישן בוך „דיסציפלינא קלעריקאלים“.

דאָס דאָזיקע מעשהלע, געפֿונען מיר אויך, אין דער לאַטייניִשער זאַמלונג פֿון משלים און קליינע מעשהלעך, אונטערן נאָמען „געסטאַ ראָמאַנאָרום", א בוך אין וועלכן ס'געפֿינען זיך, א סך זאַכן, גענומען פֿונעם יידישן לעבן.

דאָס מעשהלע, איז אויך פֿאַראַן אין דער באַקאַנטער זאַמלונג. פֿון אָריענטאַלישע מעשׂות, אין דער אַראַבישער שפּראַך, „טויזנט און איין נאַכט".

פֿון דעם דאָזיקן מעשהלע, וואָס איז איבער־דערציילט געוואָרן, אין די גאָר וואָס דערמאַנטע ווערק. האָט זיך אויך אינספּירירט, דער דייטשער קלאַסיקער פֿרידריך שילער, וואָס האָט געשאַפֿן זיין באַרימטן פּאָעם „די בירגשאַפֿט".

די קולטור־פֿאָרשער, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנעמען אויסצופֿאָרשן, אין וועלכן לאַנד, און וועלכעם פֿאָלק, האָט צוערשט געשאַפֿן דעם משל, זענען צו קיין שום ממשותדיקן רעזולטאַט נישט געקומען.

פֿון די פֿאָרש־יידענע מיינונגען, וועלכע די פֿאָרשער האָבן זיך ווענן דעם אַרויסגעזאָגט, וועלן מיר דאָ ברענגען בלויז צוויי:

טייל זענען ביי דער מיינונג, אז דער משל, איז אימפּאָרטירט געוואָרן. פֿון די מזרח־לענדער, פֿון אינדיע, און טייל פֿאָרשער ווילן האָבן, אז די ערשטע שעפֿער פֿונעם משל, אין דער וועלט־ליטעראַטור, זענען געווען די יידן. אזוי צו אזוי איז אָבער איין זאַך קלאָר, אז דער משל, איז געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט צווישן יידן, נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן. דאָס קען מען זען פֿון דעם פֿאַקט, וואָס בשעת אַלע אַנדערע פֿעלקער, פֿון יענער צייט, פֿאַרמאָגן נישט מער, ווי אַן ערך, פֿון פֿינף הונדערט משלים. געפֿונען מיר, אין דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור, איבער דריי טויזנט משלים.

אין דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור, געפֿונען מיר. א גרויסע צאָל משלים, אין תנ"ך, אין תלמוד, און אין די מדרשים. פֿון די דאָזיקע משלים, וועלכע זענען אויפֿגעהיט געוואָרן ביז היינט צו טאָג, אין זייער אָריגינעלער פֿאָרם, זענען טייל נאָך פּרימיטיווע, און טייל מער ראַפֿינירטע. וואָס פֿאַרמאָגן אויך א סאָציאַל־פֿאָליטישן מוסר־השׂכל.

אויך די נביאים, פֿון יענער צייט, רעדנדיק צום פֿאָלק, אָדער צום קעניג, פֿלעגן זיך באַנוצן, מיט משלים: מיר וועלן דאָ ציטירן א משל.

פון דער צייט פון די קעניגן, וועלכער ווערט דערציילט אין תנ״ך, אין בוך שמואל ביי קאפיטל י״א און י״ב:

אין א שיינעם טאָג, שפּאַצירט זיך אזוי דער קעניג דוד, אויף דער טעראסע, פון זיין קעניגלעכן פאלאץ, אין ירושלים, און דערזעט ניט וויט, א זייער שיינע פרוי זיך באָדן. די פרוי געפעלט אים זייער. און דער קעניג פרעגט זיך נאָך ביי זיינע דינער, ווער די דאָזיקע פרוי איז, און זיי זאָגן אים, אז דאָס איז בת־שבע, די פרוי פון אוריה החתי, איינער פון זיינע געטרייע איבערגעגעבענע סאָלדאטן, וועלכער געפונט זיך אויפן שלאכטפעלד, אין דער מלחמה, וואָס איז דעמלט געפירט געוואָרן קעגן די בני־עמון.

דער מלך דוד. שיקט טאקע דורך אוריהן, א בריוו צו יואבן, דעם אָנפירער פון דער ארמיי, אין וועלכן ער פארלאנגט פון אים, ער זאָל אוועקשטעלן אוריה החתי, אויפן געפערלעכסטן פונקט, ווי זיין טויט זאָל זיין א זיכערער. דעם קעניגס באפעל, ווערט פונקטלעך אויסגעפירט. אוריה, ווערט געטויט אין דער מלחמה, און ווען סע פארענדיקט זיך די טעג פון טרויער, ווערט בת־שבע דוד המלכס געזעצלעכע פרוי.

און דאָ, איז אין א געוויסן טאָג, דערשינען אין קעניגלעכן פאלאץ, נתן הנביא און דערציילט דעם קעניג א משל:

„עס האָבן געוווינט אין א שטאָט, צוויי מענטשן, איינער א רייכער, און איינער אן אָרעמער. דער רייכער, האָט פארמאָגט גאנצע טשערעדעס, שאָף און רינדער און דער אָרעמאן, נאָר איין איינציק שעפעלע־ער האָט עס אויסגעהאָדעוועט, אינאיינעם מיט זיינע קינדער, און האָט עס שטארק ליב געהאט. אין א געווינסן טאָג, איז געקומען א גאסט, צו דעם רייכן, און ער גרייט צו פאר זיין גאסט א מאָלצייט. אָבער, ער פארגינט זיך נישט צו קוילען א שאָף, פון די זייניקע, נאָר, ער נעמט צו ביי דעם אָרעמאן, דאָס איינציקע שעפעלע זיינס, און גרייט צו א סעודה פאר זיין גאסט. אויסהערנדיק דאָס אלץ, ווערט דער קעניג דוד שטארק איז כעס, און זאָגט צום נביא: אָט, דעם דאָזיקן מענטשן, קומט צו טויטן, פאר אזא געמיינער אומברחמנותדיקער טאט.

דאָ זאָגט צו אים דער נביא: טאקע דו אליין ביזט דער דאָזיקער מענטש. דו וואָס פארמאָגסט אלץ וואָס דיין הארץ גלוסט, האָסטו געלאָזט טויטן אוריהן דורך דער שווערד, און צוגענומען זיין בת שבען און זי געמאכט פאר דיין געזעצלעכער פרוי“.

דאָ, האָבן מיר שוין, די פּערזעלכע פּאָרם, פונעם משל, מיט א קלאָרן מוסר־השכל, וועלבער אינהאלט אין זיך פּראָטעסט און רעוואָלט, קעגן דעם אומרעכט, וואָס דער קעניג דוד איז באגאנגען.

זייער א גרויסן פּארנעם, און אויסברייטונג, פּארנעמט דער משל, אין דער עפּאָכע, פונעם תלמוד און מדרש. אין די משלים, פון די חכמי־התלמוד, רעדן שוין, נישט נאָר די לעבעדיקע באשעפענישן, נאָר אפילו דער בוים און די גראָזן. אז די תלמודיסטן האָבן געוואָלט לויבן אין א מעטאַפּארישער פּאָרם, דעם קלוגן מלך שלמה, האָבן זיי אויף אים געזאָגט, אז ער האָט פארשטאנען די שפּראך, פון די חיות און עופות, און פון די בוימער און גראָזן.

ס׳זענען געווען תלמודיסטן, וועלכע האָבן פארמאָגט גאנצע קאָלעק־ציעס משלים, ווען רבי מאירן, וואָס האָט געלעבט אין צווייטן יאָר הונדערט, ווערט דערציילט, אז ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק, דריי הונדערט משלים. דאָס זעלבע, ווערט אויך געזאָגט, ווען אנדערע צוויי תלמודיסטן, רבי יהשוע בן לוי און בר קפּראָ. און אנדערער תל־מודיסט, רבי עקיבא, וואָס איז געווען א גרויסער רעדנער, און האָט אָנטייל גענומען, אין דעם באפרייונגס־אויפשטאנד, וואָס בר כוכבא האָט אָרגאניזירט, קעגן די רוימער, און וואָס איז לויטן תלמוד, געווען איינער פון די עשרה־הרוגי־המלכות, איינער פון די צען מארטירער, וואָס די רוימער האָבן אומגעבראכט, אויף אן אכזרישן אופן כדי צו דערשטיקן דעם אויפשטאנד, פלעגט זיך אויך באנוצן אין זיין רעדן צום פאָלק, מיט משלים.

זאָל דאָ פארצייכנט ווערן אז די פיגור פון רבי עקיבא, האָט אָנ־גערעגט א ריי יידישע שרייבער, אלס טעמאטיק אין זייערע שאפונגען, אָנגעהויבן פון אברהם גאָלדפאדן מיט זיין פּיעסע „בר כוכבא״, ביז דעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער ש. האלקין, וואָס ברענגט ארויס אין זיין דראמאטישער פּאָעמע „בר כוכבא״, די פיגור פון רבי עקיבא, אין ליכט פון געלייטערטער פאָלקס־העלדישקייט. אויך דער באוווסטער שרייבער דוד בערגעלסאָן, האָט געהאלטן אין שרייבן א גרויסן היסטאָ־רישן ראָמאן מיט רבי עקיבאן, ווי א צענטראלע פיגור. דער ראָמאן איז אָבער דורך זיין טראגישן טויט געבליבן נישט פארענדיקט. אויך י. אָפּאטאָשו, האָט אָנגעשריבן א ראָמאן, אין וועלכן רבי עקיבא, איז דער הויפּט־העלד. דער דיכטער א. ליעסין, האָט אויך אָנגעשריבן א

גרעסערן פּאָעם „רבי עקיבא“, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט, אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן, רבי עקיבאס לעבן, און זיין העלדישער מאַר־טירער־טויט.

איינער פון רבי עקיבאס שענסטע משלים, איז פאַר אונדז, אויפ־געהיט געוואָרן אין תלמוד. דער דאָזיקער משל, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר רבי עקיבאן, דעם קעמפער, און פאַר דער צייט אין וועלכער ע־האָט געלעבט.

דאָס איז געווען, אין דער צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק, האָט גע־קרעכצט אונטערן יאָך, פון די רוימער. איינמאָל, האָבן די רוימער, אונטער טויט־שטראָף, פאַרבאָטן יידן זאָלן לערנען תורה. רבי עקיבא, האָט נישט געקענט באַנעמען מיטן שכל, אז יידן זאָלן זיך אונטערוואַרפן דעם דאָזיקן באַרבאַרישן געזעץ, און נישט טאָרן לערנען תורה. ער האָט זיך נישט גערעכנט, מיט דער גזירה, און נישט מיט דער האַרבער שטראָף. ער פלעג צונויפזאַמלען מאַסן מענטשן, ארום זיך, און געהאַלטן פאַר זיי, זיינע פאָרטראַגן, און האָט מיט זיי געלערנט. אַ געוויסער פּפּוס בן יהודה, האָט דאָס צוגעזען. גייט ער צו צו רבי עקיבאן, אַ פרעגט אים: „עקיבא, דו האָסט גאָרנישט מורא, פאַר דער שטראָף וואָס עס וואַרט אויף דיר, אז מען וועט דיך כאַפּן?“ ענטפערט אים רבי עקיבא: דו ביסט עס דער פּפּוס, וועמען מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט אַ חכם? ביסט גאָר אַ נאַר. אָט, וועל איך דיר דערציילן אַ משל: „אַ פוקס האָט אַמאָל ארומשפּאַצירט ביים ברעג־טייך, און זיך צוגעקוקט ווי די פיש שווימען ארום אין וואַסער, אהער און אהין. האָט דער פוקס זיי אַ פרעג געטון, פאַר וועמען אַנטלויפט איר אזוי, און איר רוט נישט איין אויף קיין אָרט? ענטפערן די פיש: מיר אנטלויפן פאַר די נעצן, וואָס מען שפּרייט אויס כדי אונדז צו כאַפּן. זאָגט דער פוקס: ווייסט איר גאָר וואָס, קומט ארויס אויף דער יבשה, און מיר וועלן וווינען צוזאַמען, אזוי ווי, עס האָבן אַמאָל געוווינט אויף דער יבשה, מיינע עלטערן מיט אייערע עלטערן. האָבן די פיש געענטפערט: דו ביסט עס דער פוקס, וואָס מען זאָגט אויף דיר, אז דו ביסט דער קלוגסטער פון אַלע חיות? ביסט גאָר אַ גרויסער נאַר, מה־דאַך אין וואַסער, ווו מיר לעבן, האָבן מיר מורא, צו קומען אויף דער יבשה, אויפן אָרט פון אונדזער טויט, דאַרפן מיר דאָך אַוודאי מורא האָבן. מיט אונדז, זאָגט רבי עקיבא איז אויך דאָס זעלבע: מה דאָך אין דער צייט, וואָס מיר לערנען די תורה, אין וועלכער עס שטייט געשריבן:

אז זי פארלענגערט אונדז דאָס לעבן, זענען מיר איינגעשטעלט מיטן לעבן, מכל שכן, אז מיר וועלן נישט לערנען...“

אויף ווי ווייט, דער משל, איז געווען פארשפרייט, און אָפּגעשאצט, אין די צייטן פונעם תלמוד, איז צו זען דערפון, וואָס וועגן דעם ספר „איוב“, וועלכעס ווערט פארעכנט, צווישן די 24 הייליקע ספרים, פונעם תנ״ך, האָט זיך, דער תלמוד דערלויבט צו זאָגן: „איוב לא היה ולא נברא אלאָ למשל“. דאָס הייסט, אז איוב האָט גאָרניט עקזיסטירט און דאָס וואָס עס ווערט דערציילט אין דעם דאָזיקן בוך, איז נישט מער ווי א משל“.

די סבה, וואָס דער משל, איז געווען אזוי שטארק פארשפרייט, אין דער צייט פונעם תלמוד, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין משך פון די הונדערטער יאָרן, ווען דאָס ענציקלאָפּעדישע ווערק איז געשאפן געוואָרן, האָבן יידן, געלעבט אונטער פארשידענע הערשאפטן, אין די וואָרטפירער פונעם יידישן פאָלק, האָבן ניט געהאט די מעגלעכקייט, פריי ארויסצוזאָגן זייערע געדאנקען, און האָבן זיי געמוזט אָנקליידן, אין דער פאָרם פון משלים.

אויך אין מדרש, וועלכער איז געשאפן געוואָרן נאָכדעם, וואָס דער תלמוד איז שוין געווען פארענדיקט, געפונען מיר גאָר א גרויסע צאָל משלים. פאראן פאָרשער, וועלכע האָבן זיי אפילו אויפגעציילט, און איינגעטיילט אין קאטעגאָריעס לויט זייער אינהאלט.

נאָכן שליסן דעם תלמוד און מדרש, איז די שאפונג, אין דער פאָרם פונעם משל, געוואָרן א זעלטענע דערשיינונג אין דער העברעישער ליטעראטור. דאָס יידישע פאָלק, ווערט צעשפרייט אין פארשידענע לענדער, און כדי אָפּצוהיטן אויף ווייטער זיין קיום, צווישן די פעלקער, אין וועלכע עס קומט אים אויס צו לעבן, קאָנצענטרירט עס זיך, אין די דאָגמען פון דער יידישער רעליגיע, אויסבויענדיק ארום זיך, א מין גייסטיקן פאנצער, א מין כינעזישע מויער. די העברעישע ליטעראטור, וועלכע ציט ווייטער איר פאָרים, באקומט אן אייגנארטיקן כאראקטער פארטיפנדיק זיך, כמעט אויסשליסלעך, נאָר אין רעליגיעזע ענינים, און אין דער שפעטערער צייט, אויך אין רעליגיעז־פילאָזאָפישע פראָבלעמען.

און אפילו אין דער שפאנישער עפּאָכע, וועלכע ווערט אָנגערופן “תקופת הזהב“, די גאָלדענע עפּאָכע, פון דער העברעישער ליטעראטור, וועלכע האָט צו יענער צייט דערגרייכט גאָר א הויכע מדרגה, ארויס־

געבנדיק אזעלכע רעליגיעז־פילאָזאָפישע דיכטער, ווי אבן גבירול, יהודה הלוי, רבי שמואל הנגיד, אבן־עזרא און אנדערע, איז כמעט קיין איינער פון זיי, ניט אָנגערעגט געוואָרן, צו שאפן אין דער פאָרם פונעם משל, א חוץ דעם דיכטער אלחריזי, דער מחבר פון דעם ווערק „תחכמוני", וועלכער האָט אין א מינדערווערטיקער פאָרם זיך אויך באנוצט מיטן משל, אין דעם נאָר וואָס דערמאנטן ווערק.

אין דער ערשטער העלפט פון דעם דרייצנטן יאָרהונדערט, דער־שיינט א נייַ וויכטיק ווערק פון פאבלען, אין דער העברעישער ליטע־ראטור.

דאָס איז די העברעישע זאמלונג פון משלים, וואָס ווערט אָנגערופן „משלי שועלים" פון ברכיה בן נטרונאי הנקרן. ער האָט פארמאָגט א סך בילדונג און דער נאָמען „הנקרן", וואָס שטאמט פון דעם העברעישן וואָרט „נקוד" פונקטואציע, באווייזט, אז ער איז אויך געווען באהאוונט, אין דער העברעישער גראמאטיק.

זיינע משלים, געשריבן אין געגראמטער פראָזע, אין קורצע און שארפע אויסדרוקן, זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויך אויף לאטייניש.

דער דייטשער קלאסיקער לעסינג, האָט זיי אויך איבערזעצט אויף דייטש.

די זאמלונג „משלי שועלים", באשטייט פון 107 משלים, פון וועלכע 55 פון זיי, שטאמען פון דער פראנצויזישער זאמלונג פון עזאָפס משלים, און טייל שטאמען פון די מיטל־אלטערלעכע קריסט־לעכע משלים־דיכטער, און אויך פון תלמוד און מדרשים.

דער איבעריקער טייל, זענען זיינע אייגענע. ער איז געווען דער אָריגינעלסטער, פון די העברעישע משלים־שרייבער, פון מיטל־אלטער. מיר ציטירן דאָ איינעם פון זיינע משלים אין יידישער איבער־זעצונג:

„דער פויגל און דער קרוג"

א פויגל אין הימל פארמאטערט פון פליען
צו דרערד טוט א שוועב מיט א שוווּנג.
פון אָנשטרענגג די פליגל אים גליען.
ער חלשט א טרונק,

ער קוקט זיך ארום: נישט קיין טייך, נישט קיין טייכל,
בלויז זאמדן, אויך שטיינדלעך געגנוג.
נאָר זע — ס׳האָט דאָ עמעצער פארגעסן א קרוג
מיט וואסער אין בייכל!

מיט פרייד ציטערט אויף ער, כאָטש הויב אויף דאָס קול,
צעלאָז זיך מיט לויב און געזאנגען!!
נאָר ווי אים: דאָס העלדזל פון קרוג איז שמאָל־שמאָל,
און ס׳קאָן נישט דער שנאָבל צום וואסער דערלאנגען.

ווי זאמדיק און שטייניק ארום ס׳איז די וואָר,
אזוי איז דאָס וואסער אין קרוג לויטער קלאָר
און בעט זיך ער זאָל עס געניסן.
„נאָר ווי? — טראכט דער פויגל — ווען איך זאָל
דאָס וויסן!“

דער פויגל שטייט קוים אויף די פיסלעך פארטראכט,
נאָר לעבעדיק ארבעט זיין קעפל און טראַכט,
און פלוצעם דער פויגל צעלאכט זיך:
געטראכט און דערטראכט זיך!

ער זוכט מיטן שנאָבל גאָר קלייניקע שטיינדלעך אויף
און אייניציקווייז ווארפט זיי דעם קרוג אינעם העלדזל,
ווי פילן,
אָט הייבט זיך דאָס וואסער אלץ העכער און העכער ארויף,
אָט איז עס ביים ראנד, און ער קאָן שוין דעם
דורשט זיך שטילן!

. . . .
און אין וועלט, לאָז זיך פירן פון מוט און פארשטאנד,
און ס׳וועט דיר דאָס לעבן דערלאנגען די האנט

צו יענער צייט, האָט אויך יצחק בן שלמה אבן סאהולא אָנגע־
שריבן זיין בוך „משל הקדמוני“. אין דעם דאָזיקן בוך, זענען די־

משלים געגעבן אין א קינסטלעכער ראם, און אין א אינטריגע צווישן די פארשידענע חיות און זייער מלך, דער לייב.

די מוסרדיקע און באלערנדיקע מענדענץ, איז שארף באטאנט, אויך די פארם פונעם משל הקדמוני איז פיל אָריגינעלער און אויך יידישלעכער.

פונעם קינסטלערישן שטאַנדפונקט, שטייען די משלים, פון דעם בוך „משל הקדמוני" אויף א נידריקערן ניוואָ, ווי די משלים פון דעם בוך „משלי שועלים", און דאָך איז דער „משל הקדמוני" געווען פיל פאָפולערער, און איז דערשינען אין מערערע אויסגאבן.

אויך רבי יוסף אבן זאבארא, וואָס האָט געלעבט אין 13-טן יאָר־הונדערט, אין שפאניע, איז געווען טעטיק אויפן משלים־געביט, אין דער צייט פונעם מיטלאַלטער. ער האָט פארמאָגט א רייכע אלזייטיקע בילדונג, און פיל דיכטערישן טאלענט. זיין ווערק „ספר שעשועים", וועלכעס איז צוזאמענגעשטעלט פון פאָלקלאָר, גענומען פון די אלטע פעלקער, איז געווען שטארק פאָפולער אין יענער צייט.

מיר ציטירן דאָ איינעם פון זיינע משלים: אין יידישער איבער־זעצונג:

„פריינטשאפט צווישן א לייב מיט א פוקס"

ס'האָט דער פוקס נאָך נישט קיינמאָל ביז היינט
פארמאָגט אזא פריינט,
ווי דער לייב איז אים לעצטנס געוואָרן.
נאָר ער האָט נישט קיין צוטרוי צו אים,
דער פוקס צו דעם לייב, ווייל אין יאָרן
באהערשט פון זיין בלוט, פון זיין שטים
(ער קאָן אים, דעם רויבער, ער קאָן אים!)
איז דער לייב שוין צו קיינעם נישט גוט —
פארצוקט ער די פריינט ווי די שונאים
און זויפט זייער בלוט...
ווי ווערט מען וואָס שנעלער אים פטור?!
און דער פוקס האָט א פאָרטל פארטראכט:
גענומען אויף קאָפווייטיק זיך קלאָגן האָט ער.

דער לייב לעם זיין בעט, האָט געוואַכט,
וויאזוי איט צו העלפן געטראַכט:
— מיט וואָס דיך פארלייכטערן ליבער?
„מיין פריינט" — זאָגט דער פוקס אים, די פיס ביגד מיר־
און מיין פּיין וועט אריבער —
דער ווייטיק ארויס וועט פון קאָפּ..."
האָט דער לייב אין פריינדשאפט געבונדן,
און זע — ס'איז דער ווייטיק פארשוואונדן!...
דאָס פּנים ביים לייב זיך צעשיינט,
א גליקלעך־צופרידענער זאָגט ער:
— נישט בלויז ביסט א חכם — א דאָקטער
מיין פריינד!
דער לייב האָט דאָס היילמיטל לאנג נישט פארגעסן,
און איינמאָל — זיך איבערגעפרעסן,
די קישקעס אים דרייען אין בויך.
צעברילט ער זיך — ווי מיר און ווינד מיר!
נעם, פריינד, און די פיס מיינע בינד מיר!
דער ווי זאָל איזעק ביי מיר אויך... —
דער פוקס האָט אים פריינטלעך געבונדן.
נאָר ווי! ס'איז דער ווי נישט פארשוואונדן.
ער פייניקט אים ביז צו געוויין:
— ס'איז פריינט מיר א רגע צום שטארבן!...
דער פוקס כאפט א שטיין:
— אזוי ווי דו זאָגסט עס אליין... —
און פּלעט אים דעם שארבן.

אין יאָר 1894, איז אויך דערשינען אין יידיש, אן איינגנארטיקע זאמלונג פון משלים, וועלכע איז באקאנט אונטערן נאָמען „קול־בוד", אָדער „ספר משלים", פון משה וואליך. אויך די דאָזיקע משלים זאמ לונג, איז דערשינען אין מערערע אויפלאגעז.

דאָ קומט פאָר, ווידער א בלויז פון דעם משל, אין דער העברעישער ליטעראטור. ער קומט אויף, ערשט שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן, און באקומט א גאנץ איינגנארטיקן כאראקטער.

אין די ערשטע ניט לאנג פארגאנגענע דורות, זענען דערשיינען אין יידישן לעבן א גאנצע ריי יידישע מגידים, פאָלקס־רעדנער, וועלכע זענען דאָס רוב, פארבליבן אנאָנים, און וועלכע פלעגן ארויסטרעטן אין די שילן און די בתי־מדרשים, און רעדנדיק צום פאָלק, פלעגן זיי זיך באנוצן מיט אַן א שיעור משלים, טייל פון פריער צוגעטראכטע, טייל אימפּראָוויזירטע בשעתן רעדן. מיר וועלן דאָ דערמאנען, בלויז איינעם פון זיי, וועלכער איז גוועזן, שטארק פאָפּולער, אין זיין צייט. דאָס איז דער דובנער מגיד וועלכנס משלים, האָבן געטראָגן צומאָל, א סאָציאלן כאראקטער. אָפּשטעלנדיק זיך מייסטנס, אויף דעם מאָראַלישן חוב, וואָס עס ליגט אויף דעם רייכן, דעם גביר, צו העלפן דעם אָרעמאן, און נאָך אזעלכע ענלעכע טעמעס.

אָט די דאָזיקע פאָלקס־רעדנער, האבן געשאפן א גרויסע צאָל. אָריגינעלע יידישע משלים, וואָס נאָר א טייל פון זיי, זענען אויפגעהיט געוואָרן פאר אונדז, אין די פארשיידענע קאָמענטארן צו דעם תנ״ך, אלס צוגאָב צו דעם פאָפּולערן בוך פאר פרויען „צאינה וראינה“. צומאָל זענען טייל פון זיי, אויך דערשינען אין בוך־פאָרם. פון די דאָזיקע פאָלקס־משלים, פלעגן שטארק הנאָה האָבן די פרויען, און די פּשוטע פאָלקס־מענטשן, פון די פריערדיקע דורות, וועלכע האָבן ניט פארשטאנען קיין לשון קודש.

משלים, האָט אויך געשריבן, דער העברעישער שרייבער ר׳יצחק הלוי מסטנוב, וואָס האָט געלעבט אין סוף פונעם אכצנטן יאָרהונדערט.

דער דאָזיקער מחבר, האָט אָנגעשריבן אן ערך פון 30 העברעישע ספרים, אָריגינעלע און איבערזעצונגען, טייל אינטערעסאנטע פאר זיין צייט. אָבער דאָס בעסטע ווערק זיינס, איז דער ספר „משלי יוסף“, וואָס אנטהאלט א ריי אָריגינעלע משלים און עפּיגראמען.

ליידער, איז דאָס ווערק זיינס, זייער ווייניק באקאנט. עס איז קיינמאָל נישט איבערגעדרוקט געוואָרן, און עס ווערט אפילו נישט דערמאנט, אין די העברעישע כרעסטאָמאטיעס און לערנביכער.

אויך דער העברעיש־יידישער דיכטער, אברהם בער גאָטלאָבער, פון די שרייבער־קעמפער פון דער השכלה עפּאָכע, וואָס האָט געלעבט און געשאפן, אין דער צווייטער העלפט פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, דער

מחבר פון איינע פון די ערשטע טעאטער־פיעסן אין יידיש, אונטערן נאָמען „דער דעקטור“ האָט געפּרוּווט שרייבן משלים.

אין יאָר 1860, האָט ער אָנגעשריבן א סאטירישע פאבל „דער סיים“ אָדער „די גרויסע אסיפה אין וואלדיי ווען די חיות, האָבן אויס־געקלויבן, דעם לייב פאר א מלך. אָבער די משלים זיינע, זענען ווייניק געלונגענע, און גאָר ווייניק באקאנט.

דער באוווסטער העברעישער דיכטער, יהודה לייב גאָרדאָן, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן, אין דער צווייטער העלפט, פונעם נייינצנטן יאָרהונדערט, האָט אויך אָנגעשריבן אין דער העברעישער שפּראַך א באנד משלים. די ליטעראטור-קריטיקער, האָבן געפּרוּווט פארמינדערן זיין ווערט אלס דיכטער, ארויסזאָגנדיק זייער מיינונג, אז גאָרדאָן אין זיינע לידער איז מער קעמפער ווי דיכטער. דאָך האָבן זיינע קעמפערישע לידער, געשפּילט א באדייטנדיקן ראָל, ביז דער צייט פון דעם השכלה־קאמף, וואָס די משכּילים האָבן געפירט, פאר בילדונג און וועלטלעכקייט, אין דעם דעמאלטיקן אָפּגעשטאַנענעם יידישן לעבן.

די דאָזיקע קריטיקער האָבן אָבער פארזען נאָך א געביט אויף וועלכן י. ל. גאָרדאָן האָט געשאַפן. דאָס איז דער געביט פונעם משל, אויף וועלכן ער האָט זיך גאָר אויסגעצייכנט, ווייל ניט נאָר זיינע אייגענע אָריגי לע משלים, נאָר אפילו זיינע איבערזעצונגען, פון אנדערע פאַ־בוליסטן, ווי עזאָפּ, לאפאָנטען, און קרילאָוו, טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אָריגינעלקייט און פון נאציאָנאלער שאפונג.

גאָרדאָנס משלים, פארמאָגן הומאָר. זיי צייכענען זיך אויס, מיט זייער פּאָעטישער שיינקייט, און שפּיגלען אָפּ, אויף א בולטן אופן, דעם יידישן לעבנסשטייגער.

זיין בוך „משלי יהודה“, איז א ווערטפולער צושטייער, צו דער פאבל־ליטעראטור ביי יידן.

י.ל. גאָרדאָן, איז געווען א קענער פון יידיש, אָבער דאָך, פלעגט ער צומאָל, אויך שרייבן סאטירישע לידער אין יידיש. די דאָזיקע לידער זענען דערשינען אין בוך־פאָרם אונטערן טיטל: „שיחת חולין“ („פּראָסטע שמועסן“), זיך אָפּזונדערנדיק דערמיט, פון די אנדערע שירים זיינע, וועלכע ער האָט געשריבן אין לשון קודש.

מיר ציטירן דאָ י.ל. גאָרדאָנס א משל, איבערגעזעצט אין יידיש.

„די רויז, דער שמעטערלינג און די זון“

ס'האָט אויף א רויזנקאָפּ א ציטער־שטראַל געשפּילט זיך.
„איך בין שוין אויסגעצייטיקט!“ האָט דער קנאָספּ דערפֿילט זיך
צעעפֿנט זיך, דערזען מיט פֿרייד די בלויע ווייטן, און —
א פֿארבן־הימן זינגט די רויז די יונגע צו דער זון:
— דו ביסט די מוטער פֿון דער ערד אין רוים דעם פֿרייען.
דו שפּייזט מיט ווארעמקייט און ליכט, און מיר גדרייען.
איעדער מיט זיין זאפט און בליעכץ, פֿאָרם און קאָליר
פֿאראייניקט זיך צום כאָר, וואָס לויבט דיך, יובלט אויף צו דיר
א שמעטערלינג האָט צו דער רויז זיך אָנגעטראָגן
און לייכטזיניק דערוועגט זיך איר צו זאָגן:
— די זון איז גרויס און הויך, דו ווי קליין און וואנסט, און
צי וועט זי צוגייגן איר שטאָלצן אויער צו דיין לויבן?
האָט גלייך א שפּיל געטאָן, א שטראַליקער שליח
אויף אירע בלעטלעך: — פֿון די העכסטע ספֿערן פֿלי איך,
און ברענג דיר פֿון דער זון מיט שנעלקייט פֿון געדאנק
א גרוס א גאָלדענעם און אויך א דימענטענעם דאנק:
„איך האָב פֿארנומען, רויז, דו טאָכטער מיינע, דיין געזאנג!
איך בין מיט אַלע אייך און אויך מיט דיר אין פֿריידן“
דעם נמשל האָב איך קינדרווייז נאָך געהערט פֿון זיידן:
וואָס גרעסער עמעץ איז, אַלץ מער איז ער באשיידן;
דער וואָרער צדיק שטופּט זיך גאָרנישט אין גן־עדן.

אויך דער הסידיזם, וועלכער איז געווען אן אינטערעסאנטע היסטאָ־רישע דערשיינונג און א פֿאָלקסבאַוועגונג, אין קאמף קעגן רבניזם, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די שאַפֿונגען פֿון דער יידישער פֿאָלקס־לעגענדע און פֿאָלקס־מעשׂה, האָט אויך געבראכט א וויכטיקן צושטייער צו דער שאַפֿונג פֿונעם משל.

א באַוויז דערצו, זענען די באַרימטע סיפּורי מעשׂיות, פֿון דעם בראצלאָווער רבין, רבי נחמן, ווי: „די מעשׂה מיט די זיבן בעטלערס“, „די מעשׂה מיטן בן מלך“ און „די מעשׂה מיטן חכם און תם“ וועלכע זענען נישט נאָר גלאַט אַזוי מעשׂיות, נאָר משלים, מיט אן עטישן אינהאַלט. אויף דעם זאָגן עדות די ווערטער פֿון רב נחמענען אליין,

וואָס ער האָט אַזוי געזאָגט: „די וועלט זאָגט אַז מעשׂיות, זענען גוט אויף איינצושלעפערן און איך זאָג, אַז מיט מעשׂיות, וועקט מען מענטשן פון שלאָף". — — — —

„אפילו פאַר פּראָסטע מענטשן, קענען זיי אויך אַ בלישטש טון פונקען פון מוסר, צו זען וואָס עס איז דער תּכלית פון דער וועלט".

פון די דאָזיקע חסידישע פאָלקס־מעשיות און משלים האָבן זיך אינספּירירט אַזעלכע שרייבער ווי: יהודה שטיינבערג, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און אונדזער גרויסער מייסטער יצחק לייבוש פּרץ וועלכע האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט דעם אוצר פון די חסי־דישע שאַפונגען.

פיל פון די חסידישע מעשׂיות און משלים, פאַרמאָגן נישט נאָר אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן, נאָר אויך אַ קינסטלערישן ווערט.

איינעם פון די שענסטע משלים, פון דער חסידישער ליטעראַטור, האָט אונדז דער שרייבער און פאָלקלאָריסט, ש. אַנסקי, אַריינגעפלאָכטן אין דער דראַמע „ד דיבוק", אין וועלכע די לעגענדאַרע פיגור, דער משולח, דערציילט דעם גביר, סענדער בריניצער:

עס איז געקומען צום רבין אַ חסיד, אַ גביר, נאָר אַ גרויסער קמצן. האָט דער רבי אים אָנגענומען פאַרן האַנט, צוגעפירט צום פענסטער, און געזאָגט: קוק! האָט דער גביר אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. פרעגט אים דער רבי: „וואָס זעסטו?" ענטפערט ער: „איך זע מענטשן". נעמט אים ווידער דער רבי פאַרן האַנט, און פירט אים צום שפּיגל, און זאָגט: קוק! וואָס זעסטו איצט? ענטפערט ער: „איצט זע איך זיך. זאָגט אים דער רבי: „פאַרשטייסטו מיר, אין פענצטער איז גלאָז און אין שפּיגל איז גלאָז, נאָר די גלאָז פון שפּיגל איז אַ ביסל באַזילבערט, און ווי באַלד נאָר באַזילבערט, הערט מען אויף צו זען מענטשן, און מען הויבט אָן זען נאָר זיך".

מיט דער צייט האָט זיך דער משל ווייטער אַנטוויקלט, אין דער מאָדערנער העברעישער און יידישער ליטעראַטור. אַזוי, אַז אין די לעצטע הונדערט יאָר, האָבן זיך באַוויזן, אַ גאַנצע ריי פאַבוליסטן, וועלכע האָבן מיט זייערע שאַפונגען, באַרייכערט ביידע ליטעראַטורן, די העברעישע און די יידישע.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פאַבוליסטן, אין דער יידישער ליטעראַטור, איז בלי ספק ד״ר שלמה עטינגער, וואָס איז געבוירן

אין דער שטאָט זאַמאָשטש, אין פּוילן, אין דערזעלבער שטאָט, ווו עס איז אויך געבוירן געוואָרן, אונדזער גרויסער קלאַסיקער י. ל. פּרץ.

דר. שלמה עטינגער, האָט געלעבט און געשאַפן, אין דער ערשטער העלפט, פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. און כאָטש עס איז שוין אוועק, איבער הונדערט יאָר, זינט עטינגער האָט אָנגעשריבן זײַנע משלים, קענען זיי גאָר היינט, פאַררעכנט ווערן, צווישן די בעסטע משלים פון דער יידישער ליטעראַטור.

די העלדן פון עטינגערס משלים, זענען די אַלע גוט באַקאַנטע פיגורן, ווי בײַ אַלע אַנדערע פאַבוליסטן: מענטשן, חיות און עופות, און אויך אומבאַלעבטע זאַכן. אָבער די טעמאַטיק פון זײַנע משלים, אפילו, ווען זי איז גענומען פון פרעמדע פאַבוליסטן, האָט בײַ אים באַקומען, א יידישע פאָרם: זיי פאַרמאָגן א קורצן שאַרפן סטיל, א רײַכע זאַפטיקע שפּראַך, און אָט איז א מוסטער פון זיי:

„דער וועווערק און די מאַלפּע“

אין א וואַלד פון איין בוים צום אַנדערן
פאַרגלוסט זיך א וועווערק צו וואַנדערן,
מיט א לויף און א שפּרינג
גאָר ווי א פעדער גרינג.
דאָ איז ער געווען אויבן, דאָ אונטן
דאָ ווידער פאָרנט, און דאָ הינטן:
באַלד לויפט ער אהין, באַלד אהער,
באַלד גאָר גלייך, באַלד אין דער קווער.
איצט גיט ער ווידער א האָפּ,
און שטעלט זיך אויף דעם קאָפּ:
דערנאָך גייט ער כסדר עטלעכע טריט,
און מאַכט זיך א קאָזשעליק אין דער מיט;
און פּלוצלינג האָט ער זיך ווידער צעשטיפט,
און גיט זיך א האָצקע, הויך אין דער לופט,
און בלייבט אויף א שפּיץ בוים שטיין,
און קנאַקט זיך ניסלעך מיט די ציין.

„אָ וואַ! — זאָגט די מאַלפּע — גרויסע זאַכן!
„וואָס? איך וועל עס אפשר נישט נאָכמאַכן?
„דו שוטה! קוק דו זיך נאָר גאַנץ גוט צו,
„ווערסטו זען, אַז איך שפּרינג בעסער ווי דו.
און ווי איר טבע איז פון תמיד אָן,
אַז זי מוז תיכף איבערגעבן נאָכטאָן,
גיט זי דאָ ארויף א קלעטער
אויף א בוים פול מיט בלעטער.
און א שפּרונג אראָפּ אויף א שטיין,
און צעברעכט זיך אין א פוס א ביין.

נישט איינמאָל מוז איך זייער לאַכן,
אַז איך זע א נארישקייט נאָכמאַכן.

עטינגער, האָט אויך געשריבן אפאָריזמען, וועלכע צייכענען זיך אויס, מיט זייער פיינעם שפּילעווריקן הומאָר, פאַרבלייבנדיק אין דער-זעלבער צייט, אייראָפּעיש, לויט זייער קורצער שאַרפער פאָרם.

אָט וואָס ער שרייבט וועגן א גביר, וואָס איז אויך געווען א מחבר פון ספרים:

„ער האָט איבערגעלאָזט קינדער און ספרים
יענע האָט ער געמאַכט רייך, און די אָרעם".

און אויף זיך אליין זאָגט ער:
„היינט בין איך אלט געוואָרן פופציק יאָר,
און האָב נאָך נישט איין גרויע האָר:
עס זאָל אייך נישט זיין קשה, קיינעם —
זיי ווערן פאַרשוואַרצט מיט מיר איניינעם.

ס'איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז ד"ר שלמה עטינגער, איז אויך דער מחבר פון דער פּיעסע „סערקעלע", אין וועלכער אברהם גאָלדפאַדען האָט געמאַכט זיין ערשטן דעביוט, אין דער צייט, ווען ער איז געווען א שילער, אין זשיטאָמירער לערער-אינסטיטוט.

פון די העברעישע פאבוליסטן, פון דער צווייטער העלפט, פונעם נייגצנטן יאָרהונדערט, דארפן מיר דאָ דערמאנען, דעם העברעישן שריפטשטעלער און גראמאטיקער, צבי הירש הכהן רייכערסאָן, די שרייבער מאיר זאב זיננער, און קצנלבויגן. די דאָזיקע פאבוליסטן, האָבן נישט אריינגעבראכט מיט זייערע שאפונגען, קיין שום אָריגינעלע נאָטע. אָבער, זיי, האָבן מיר צו פארדאנקען, די איבערזעצונגען, פון קרילאָוס משלים, אויף העברעיש און יידיש.

דער יידישער שרייבער, מ. ריוועסמאן, וועלכער איז געבוירן אין ווילנע, אין יאָר 1868, דער מחבר, פון דעם אין זיין צייט, שטארק פאָפולערן ליד, „א בריוואלע דער מאמען", האָט אויך געשאפן אויפן משל־געביט. אין יאָר 1908, זענען דערשינען אין א באזונדערער אויסגאבע, א גרויסער טייל פון זיינע משלים, באארבעט נאָך קרילאָוון, אונטער דעם טיטל „דעם זיידנס משלים".

דער באוווסטער העברעישער און יידישער שרייבער, יהודה שטיינבערג, וועלכער האָט געלעבט אין בעלץ (בעסאראביע), האָט אויך געשריבן א גאנצע ריי משלים. יהודה שטיינבערג, האָט געלעבט און געשאפן אין אָנהויב פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט. זיין בוך משלים אָנגעשריבן אין העברעיש, אונטערן טיטל „בעיר וביער" (אין שטאָט און אין וואלד) איז געוואָרן א לייענבוך, און אין דערזעלבער צייט א לערנבוך, כמעט אין אלע העברעישע שולן פון יענער צייט.

יהודה שטיינבערגס משלים, צייכנען זיך אויס, מיט זייער פשטות. זיי זענען כמעט אידיליש, און דאָך רייך אין פארבן און קאָלאָריט. אָט איז א ביישפּיל פון זיינע משלים, איבערזעצט אויף יידיש:

„די פאסטוכער"

ס'האָט זיך געטראָפן אמאָל, אז פון צוויי מטורפדיקע שאָף, זענען פאסטוכער געוואָרן דער וואָלף און דער בער. און די צוויי חברים, האָבן אָפּגעהיט די שאָף זייערע, די חיות זאָלן זיי נישט אויפעסן.

מענטשן האָבן דאָס צוגעקוקט, און געטראַכט: אַט זענען אפילו צווישן ווילדע חיות, פאַראַן לייטישע באַשעפענישן.

אין א געוויסן טאָג, ווען דער וואָלף איז געווען שטאַרק הונגעריק, און האָט זיך נישט פאַרגינגען צו עסן פון זיינע שאָף, איז ער אַוועק צו דער טשערעדע, וואָס דער בער האָט געפּאַסעט, און זיך אָנגעגעסן, וויפל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. אַז דער בער, האָט דאָס דערזען, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס, ער איז אַוועק צו דער טשערעדע וואָס דער וואָלף האָט געפּאַסעט, און געטון דאָס זעלבע, וואָס דער וואָלף האָט געטון מיט זיינע שאָף. אַזוי איז פאַרגאַנגען א צייט אין קריגן זיך, ביז אין א געוויסן טאָג, ווען די צוויי פּאַסטעכער, דער וואָלף און דער בער, האָבן געמאַכט שלום צווישן זיך, אויפן סמך פון פאָלגנדן אָפּמאַך: אַז יעדן טאָג, דאַרף דער וואָלף צושטעלן דעם בער צוויי שאָף פון זיין טשערעדע צו מיטאָג, און דער בער דאַרף צושטעלן דעם וואָלף, צוויי שאָף, פון זיין טשערעדע אויף נאַכטמאָל.

פון דעמלט אָן, איז צווישן די צוויי פּאַסטוכער, געווען שלום ושלוה, און זיי זענען געוואָרן צוריק גוטע ברידער ווי אמאָל. איי, ווערט איר פרעגן, וואָס איז געוואָרן מיט די צוויי טשערעדעס שאָף, אָט וואָס עס איז געשען: דאָס פעלד וווּ די שאָף האָבן געפּאַשעט, איז באַצירט געוואָרן מיט פרעכטיק שיינעם גרינעם גראָז, און ס'איז נישט פאַרבליבן קיין שפּאָר פון די שאָף, וואָס האָבן דאָ אמאָל געפּאַסעט".

משלים, האָט אויך געשאַפן דער יידישער דיכטער, יהואָש, וואָס האָט געלעבט אין אמעריקע, און איז געשטאָרבן אין יאָר 1927.

יהואָש, איז דער גרויסער אידעען־דיכטער, אין דער יידישער ליטע־ראַטור. אַן אָריגינעלער פּייסאַזשיסט, וואָס האָט א טיפן און פיינעם חוש, פאַר קלאַנגען און פאַרבן. זיינע נאַטור־שילדערונגען פאַרנעמען א וויכטיקן אָרט, אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע משלים, צייכענען זיך אויס, מיט זייער אָריגינעלקייט און מיט זייער פיינער קינסטלע־רישער פאָרם.

יהואָש, איז אויך דער מייסטערהאַפטער איבערזעצער, פונעם תנ"ך אויף יידיש. אַן איבערזעצונג, וועלכע שטייגט אַריבער, אַלע איבער־זעצונגען, וואָס זענען ביז איצט געמאַכט געוואָרן. מיר גיבן דאָ אלס מוסטער, איינעם פון זיינע משלים.

„דער שמאָלער שטראָם“

א וואסער שטראָם, א קלאָרער ווי קרישטאָל
נאָר זייער שמאָל
איז דורך א פעלד געפלאָסן
און ווער עס האָט געגאָסן
דעם קילן זילבער־טראנק
פלעגט געגנוג ניט לויבן קענען,
און זייער לאנג
דעם קוויקנדיקן טעם דערמאנען.
דער אייגנטימער פון דעם פעלד,
א פראָסטער חי וקים,
האָט אָנגעקוואלן וואָס די וועלט,
זיך לאָבט מיט זיינע מים
און האָט אזוי געקלערט:
אויב ס׳האָט דער שטראָם אזא מין ווערט,
ווען ער האָלט בלויז די גרוים א שפאן,
וואָלט זיין א גוטער פלאן,
אים מאכן ברייטער, מיט א צענטל ק פיס,
און אים פארוואנדלען אין א טייך,
און טאקע גלייך,
האָט ער גענומען אויסגראָבן די ערד,
און האָט געארבעט טאג כסדר...
דאָך דעמלט לײדער,
געהאט האָט ער חרטה,
דען פון דעם קליינעם שטראָם דעם קלאָרן,
איז בלויז געוואָרן,
א גרויסע פלאכע בלאָטע...

אויף דער יידישער פאָלקס־דיכטער און טרובאדור שמשון פערשט, וועלכער שטאמט פון דער בוקאָווינע, האָט אָנגעשריבן א ריי משלים.

די דאָזיקע משלים אָבער, פעלט געצוימטקייט און שפראך־קאָנצענטרירקייט. דאָך פארמאָגן זיי חן און צומאָל אָריגינעלן איינפאל.

טייל פון זייגע משלים, האָבן אויך א סאָציאַלן אינהאַלט, שמשון פערשט איז אויך דער מחבר, פון א ריי פּאָפּולערע לידער, צו וועלכע ער אַליין האָט צוגעפּאַסט מעלאָדיעס. די דאָזיקע לידער, זענען פיל גע־זונגען געוואָרן, אין דער בוקאָווינע, און ער איז געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל, דער יידישער טרובאַדור פון דער בוקאָווינע. טייל פון זייגע לידער זענען אויפגענומען געוואָרן אויף פאָטעפאָן־פּליטן; פון דעם אינסטיטוט פון פאָלקלאָר אין בוקארעשט. ער האָט אויך יעדעס יאָר ארויסגעגעבן אין טשערנאָוויץ א יידישע הומאָריסטישע צייטונג מיט לאַטייניש אותיות: „דער גראַנער“.

מיר ציטירן דאָ איינעם פון זייגע משלים: „דער טשייניק און דער סאַמאָוואר“: אין וועלכן ס'זענען פאראן אלע מעלות און חסרונות פון שמשון פערשטס משלים.

אין מלוכה־פארלאג פון בוקארעשט איז דערשינען א באנד „טרו־באדורישע לידער“.

„דער טשייניק און דער סאמאָוואר“

דאָרט אויף א טיש ביי דעם ארענדאר,
שטייט קאָכנדיק דער סאמאָוואר,
ער ברומט פאר זיך אזוי א ליד
מיט א דערצאָרנט געמיט.
— וואָס איז מיין תכלית מיט מיין תוך?
טאָג אוים, טאָג איין איך שוויץ און קאָך.
וואָס בלייבט מיר פון מיין גאנצן רעש.
נישט מער ווי נאָר א ביסל אש“
און טוט דערביי א הייסן קרעכץ,
דער טשייניק גיט זיך א צעלעכץ,
און מוסרט אים דעם סאמאָוואר:
— וואָס ברענסטו דאָרט, דו געלער נאר?
מיט וואסער האסטו זיך אָנגעזופט,
דעם בויך מיט קוילן אָנגעשטופט,
און טשאדעסט מיך מיט דיין געזאנג
און נודיעסט מיך — דו מאכסט מיך קראנק.

דאָ ווערט דער סאַמאָוואַר צעהיצט,
אַז פון זיין מויל אַזש פונקען שפּריצט,
דעם טשייניק אין זיין פּנים שפּייט,
און פאַר רציחה ברענט און שרייט:
דו פאַרצעלייענער וואַמפּיר
זאָל מיר ניט שאַטן נאָר פאַר דיר,
וואָס וואָלט געווען דיין עקזיסטענץ
אָן גאָר דעם יחוסדיקן סענץ?
און איך דער גולם טראָג דעם יאָך
צוליב דעם סענץ אַזש שוויץ און קאָך
און ליג און דעכע ווי א באַרג,
און דו רייסטסט מיר אויפן קאַרק.
דאָס טוט דעם טשייניק אַזש א ברי
צום סאַמאָוואַר ער שרייט: שוויצער דו,
דיר לוינט נישט, וואָס אויף דיר איך רייט
ווייל דו ביסט פון די חברה לייט,
וואָס ווילן אַלעם פונקט פאַרקערט —
אויף מענטשן זאָלן רייטן פערד,
פון יעדן דאָס זאָל זיין א יענץ
פון לעקעכעריץ זאָל זיין עסענץ.
פון יעדן קנאַק זאָל זיין א האַק,
א טשייניק יעדער סאַמאָוואַר!
און דער טשייניק פּראַסקעט, שמייסט
דעם סאַמאָוואַר מיט חוזק בייסט
און זידלט ווי אין פּסוק שטייט
און האַקט א טשייניק — ניין מאָס רייד,
און קוועלט אָן פון זיך און קוועלט
ס׳טייטש משה גרויס, דער טשייניק העלד,
דער שענסטער יחוס פון דער פּאָן
וואָס זיצט נאָר תמיד אויבן אָן
און ווייסט נישט פון קיין נויט און צער
ער יאָגט און צאַפּט דעם סאַמאָוואַר.
דאָ מישט זיך אַריין [illegible] פון דאָס גלאָז:
— וואָס זידלט איר זיך ביידע, וואָס?

וואָס היצסטו זיך דו משוגענער נאַר,
וואָס קאָכסטו שוטה, סאַמאָוואַר.
באַרעכנט זיך דאָך און באַקלערט
אַז פירן קריג האָט קיין שום ווערט.
דערפאַר הערט אויס מיין קלאָרן קוק
און פירט נישט מער קיינמאָל קיין קריג
און זידלט אייך נישט מער און שעלט
אויף שלום, פרייהייט — שטייט די וועלט.

איינער, פון די באַגאַבסטע פאַבוליסטן אין יידיש, איז אויך געווען, דער יידישער שרייבער און פעליטאָניסט ר'מרדכעלע, דער פסעודאָנים פון חיים טשעמערינסקי, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן, אין אָנהויב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און וועלכער איז, צו יענער צייט, שוין געווען באַקאַנט אין די יידיש-ליטעראַרישע קרייזן, מיט זיינע גלענצנדיקע משלים, אויף וועלכן געביט ער איז איינער פון די ריגינעלסטע פאַרשטייער אין דער יידישער ליטעראַטור.

א שאָד, וואָס מיר האָבן נישט צו דער האַנט, ר'מרדכעלעס משלים. מיר זאָלן קענען מיט איינעם פון זיינע משלים אילוסטרירן, דאָס נאָר וואָס געזאָגטע.

אויך די יידישע ליטעראַטור פונעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, האָט געבראַכט איר צושטייער צו דער משלים-דיכטונג.

איינער, פון די גלענצנדסטע פאַבוליסטן, פון דער סאָוועטיש-יידישער ליטעראַטור, איז לייזער קאַצאָוויטש.

אליעזר קאַצאָוויטש, האָט מיטגעאַרבעט, אין דעם זשורנאַל „איינקייט". אין די זאַמלביכער „היימלאַנד" און כמעט אין אַלע אַנדערע סאָוועטישע יידישע אויסגאַבן.

סיי אין פּראָזע, סיי אין דיכטונג, צייכענען זיך אויס, זיינע שאַפונגען, מיט דער סאָציאַלער גייסט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטי פאַר דער יידישער ליטעראַטור פונעם סאָוועטישן פאַרבאַנד. קאַצאָוויטשעס משלים, זענען אָנגעשריבן אין א רייכער, שיינער, דיכטערישער יידישער שפּראַך, אין אן אָריגינעלער פאָרם, און אויף א טעמאַטיק, וועלכע ס'שטראָמט אַרויס, דער סאָציאַלער מוסר השכל זייערער.

מיר ציטירן דאָ, איינעם פון די גלענצנדסטע משלים זיינע „די שער".

„די שער"

געלעבט האָבן צוויי קלינגען פון א שער —
אין ליידן און אין פריידן,
און ס'איז געווען שווער
די פריינד צושיידן,
וייל זאלבענאנד —
די קלינגלעך האָבן גישט געוווסט פון מורא.
פלעגט נאָר אריינקריכן צו זיי א שטיק געוואנט,
אמאָל אן אנדער שטיקל סחורה —
זיי פלעגן עס צושערן און גערן
צונויפקומען זיך באלד צוריק.
צוזאמען — דאָס איז זייער גליק!
ביז איינמאָל, האָט צווישן זיי געטאָן א פאל,
א שטיק פארזשאווערט אייזן.
„ניט שרעק זיך נאָר, כ'בין אויך מעטאל,
האָט ער געזאָגט — און כ'קאָן דערווייזן,
אז בין איך אייער חבר.
איר לאָזט מיך נאָר אראָפּשאָבן פון זיך דעם זשאווער".
און ס'איז דאָס אייזן באלד,
מיט געוואלד
אריין אין מיטן...
גענעמען דרייען זיך און פראווען מאָדנע זיטן.
„אוי, ברודערל! מען דארף זיך פאר אים היטן! —
איין קלינגל האָט געזאָגט צום צווייטן, —
נישט אנדערש, אז ער וויל אונדז נייטן
מיר זאָלן זיך צעגיין?"
„א נו, דערלאנג אים אין די ציין!
בייס אים!
רייס אים!
פּלעט!"
ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט

דאָס אייזן האָט נעגעבן זיך א קער,
און ס'איז געוואָרן מיט אמאָל אוים שער.
באוואָרנט איז מען, ווען מען איז צוזאמען.
איז היט זיך, ס'זאָל די בייזע שעה נישט זיין,
א זשאווערדיקער פריינטל זאָל חלילה ניט אריין —
ער וועט דאָס לעבן אייך פארסמען.

א צווייטער פאבוליסט, פון דער סאָוועטיש-יידישער ליטעראטור, איז דער דיכטער ב. גוטיאנסקי ,זיינע משלים, אָנגעשריבן אין א קערנ־דיקער יידישער פאָלקס-שפראך, צייכענען זיך אוים, מיט זייער סאָציאל־פּאָליטישער נאָטע, און אין וועלכע דער מוסר השכל, קומט ארוים אויף א בולטן אופן.

די משלים זיינע, איבערהויפט זיינע קורצע פאבל-אפאָריזמען, געווענדט קעגן דעם בארבארישן היטלעריזם, זענען געוואָרן שטארק פּאָפּולער, תיכף נאָך דער פאָטערלענדישער מלחמה, אינעם סאָוועטן־פארבאנד.

מיר געבן דאָ צוויי מוסטערן פון זיינע מייסטערהאפטע משלים:

„א באגעגעניש“

ערגעץ ווו, איך וויים ניט אין וואָס פאר א געגנט
האָבן אנומלט זיך צווייען באגעגנט.
רופט זיך אָן איינער: — איך בין א וואָלף.
ענטפערט דער צווייטער: — און איך בין אדאָלף.
רופט זיך אָן איינער: איך האָב שארפע ציין
— און איך — זאָגט דער צווייטער — אין בוזעם א שטיין.
רופט זיך אָן איינער — איך עס שאָף און רינדער.
ענטפערט דער צווייטער; — און איך קליינע קינדער.
דער וואָלף האָט געגעבן א דריי מיט דער נאָז
און איז זיך אוועק... איך וויים נישט פארוואָס.

„לעבעדיקע פיש“

עס האָט א פישער אין א שטאָט געבראכט זיין אייניק,
וו עס זענען פאראן חדושים אלערליי, ניט ווייניק,
און ווייזט אוים אויך א קראָם פון לעבעדיקע פיש.
די קראָם איז פול געפאקט מיט קוינעטעס, אינמיטן
א לאנגער טיש,
די ווענט באשטעלט מיט גלעזערדיקע ביטן
די וואסער אין די ביטן — לויטער, פריש,
און וואָסער פיש, קוינעטע, זאָל ניט דערמאנען
איז דאָ פאראנען.
פון ביט צו ביט, פון וואנט צו וואנט
פליט אום א רירעוודיק פיפיק בחורעצל
די קאָרעסלער און שלייען שעפט ער מיט א נעצל,
די קארפן כאפט ער פשוט מיט דער האנט.
א שעפ, א כאפ, און צו דעם טיש געפלויגן
און אויף דער שאָל א לייג און אָפגעוווויגן
און ציילט שוין געלט.
דאָס יינגל גאפט, דאָס יינגל קוועלט,
דאָס יינגל עסט דעם פלינקן בחור מיט די אויגן
„אוי זיידע! רופט ער אוים — קוק אָן די העכט!
דו דארפסט אין טייך זיך וויקן וויפל נעכט,
ביז וואנען דיר געלונגט אזעלכע צו דערטאפן
און ער — מאכט עס אויף געשווינד“.
„א חידוש! האָט דער פישער זיך צולאכט — מיין קינד,
געכאפטע העכט מיר קיין מלאכה ניט צו כאפן“.

— — — — — — — — — — — — — —

און ווי וואָלט איך דאָך געשאצט?
געווען א פראָנט, מע האָט באדארפט א צווייטן...
איז ווער עס האָט געקעמפט, און ווער ס'האָט געקראצט
און איז געקומען אויפן גרייטן.

משלים, האָט אויך געשאַפן דער סאָוועטיש-יידישער דיכטער מ. גערשנזאָן. פון די ווייניקע משלים, וועלכע זענען צו אונדז דערגאנגען, איז צו זען, אז זיינע משלים, האָבן א סאָציאַל-קינסטלערישן ווערט, און זענען א גרויסער צושטייער, צו דעם קאמף פאר שלום, וועלכער ווערט געפירט, פון אלע פראָגרעסיסטישע כוחות פון גאָר דער וועלט. באזונדער צייכנט זיך אויס, דער משל זיינער, „פיר חיות", אין וועלכן ס'ווערט אויף א סאַרקאַסטישן אופן, געשילדערט די מלחמה-צינדער, פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע גיבן אוועק, זייער גאנצע ענערגיע, פאר מלחמה צוגרייטונג. כאראַקטעריסטיש זענען דערפאר די שורות:

„קולטור-שמולטור ס'קערט די גאל
דער עיקר דארפן מיר באשליסן
אויסלערנען זיך שיסן
די וועלט באהערשן קאָן מען נאָר מיט בליי".

און אויך בליי איז פאר זיי וויכטיק, זענען נאָך איצט פאראַן אטאָמישע און וואסערשטאָף-באָמבעס, מיט וועלכע זיי ווילן באהערשן די וועלט:
מיר גיבן דאָ דעם דאָזיקן משל „פיר חיות"

„פיר חיות"

פיר חיות אין א ווילדן וואלד,
א וואָלף, א הונט, א מאַלפּע, א שאקאל
פארזאמלט האָבן זיך אויף דעם:
דעם קלוגן מענטשן אריינעמען אין קלעם.
דאָס ערשטע וואָרט גענומען האָט דער וואָלף:
„א חיה איז דער מענטש אפילו גאָר א שוואכע;
נאָר אז ער האָט א בוך, דאָ וועסטו גאָר ניט מאכן,
מע וואָלט באדארפט א טראַכט געבן, ווי מען וואָלט געקענט
דער בוך ארויסרייסן פון זיינע הענט".
אויף דעם דערווידערט האָט דער הונט:
„איך קאָן אים שוין געזונט,
דאָס מענטשעלע דאָס שוואכע;

דיים ארויס ביי אים דאָס בוך;
וועט ער א צווייטן מאכן
מע דארף בעסער זיין גרייט...
נאָר דאָ איז אים אריין די מאלפע אין די רייד;
אפשר וועסטו פרווון נאָכקרומען דעם מענטשן —
אָנטאָן זיך אין קליידער, זיך פירן קולטורעל.
וועט אפשר גאָר דער איבערשטער אונדז אויכעט
בענטשן,
מיר זאָלן הערשער ווערן איבער גאָר דער וועלט".
„ניין! האָט זיך צערעוועט דער שאקאל,
„קולטור, שמולטור" ס'קערט די גאל.
דער עיקר דארפן מיר באשליסן!
אויסלערנען זיך שיסן
דאָס איבעריקע איז ווערט א שפיי
די וועלט באהערשן קאָן מען נאָר מיט בליי!..."
געלויבט האָבן די חיות, דעם גליקלעכן באטראכט
און פאר א פירער האָט מען דעם שאקאל געמאכט.

אויך דער סאָוועטישער דיכטער, איציק פעפער, וועלכער האָט מיט פאטאָס און מיט זיין גרויסן דיכטערישן טאלאנט, באזונגען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און וואָס איז שפעטער געפאלן א קרבן פונעם סטאלין־קולט, האָט אין זיין בוך „אויפסניי" פארעפנטלעכט א סעריע משלים.

מיר גיבן דאָ, איינעם פון די דאָזיקע משלים, אין וועלכן דער דיכטער שילדערט דעם אויפקום פונעם היטלעריזם, וואָס האָט זיך פארמאָסטן צו פארטונקלען דאָס ליכט פון דער וועלט.

„שאקאלן און די זון"

שאקאלן האָבן זיך געטראָפן מיט געהויל
די לופט איז פול מיט שווידער און מיט גרויל,
א קלינג איז זיך צוגאנגען איבער גאָרע וועלט

קלאָר איז:
דער קיניג פון די גרויזאַמע שאַקאַלן
האָט לאַנג שוין פעסטגעשטעלט,
אַז זייער גרעסטער שׂונא אויף דער וועלט
איז אונדזער זון מיט אירע שטראַלן!
ווען ניט די זון, וואָלט אייביק בלויז געהערשט די נאַכט,
און באַם שאַקאַל איז שטאַרק באַנאַכט די מאַכט.
באַנאַכט איז דער שאַקאַל דער קיניג
און אַלץ אַרום אים אונטערטעניק,
דעם ווילדן קריץ פון זיינע ציין,
דער קרבן קומט אַליין.
און רעדלער גיריקע, שאַקאַלישע אין היילן טענהן:
„ווי וואַגט די זון גאָר שײַנען,
ווען די שאַקאַלן וועלן קענען איר!"
„ווי וואַגט די זון גאָר שיינען!"
האָט בלעפטשענדיק זיין גירנבערגער ביר
א גיריקער שאַקאַל געשריגן האַסטיק...
„פאַרשטעלט די זון!" — האָט א שאַקאַל
געטאָן א שאַל.
און האָט געפּאָכעט מיט זיין סוואַסטיק,
זיין קול
האָט זיך געקוויקלט איבער בערג און טאָל
שאַקאַלן האָבן זיך א שאַר געטון ווי האָזן
מיט קעפּ פאַריסענע אויף הויכער זון זיי בלאָזן
זיי בלאָזן אָן א שיר,
די זון געמט בייטן איר קאָליר
און צו פאַרנאַכט
האָט זי דעם קוואַל פון ליכט פאַרמאַכט...
„פאַרלאָשן! שוין! — האָט א שאַקאַל א יונגער
אויסגעשריגן

ווייבאַלד מיר האָבן זי געקאַנט באַזיגן
איז שוין גוט!"
אויף מאָרגן, אָבער, איז די זון געקומען מיט איר ברען
מיט איר גלוט

און די שאקאלן האָבן ניט דערזען
אז זייער זיג האָט בלויז דערוועדט א גראָשן,
די זון איז ניט פארלאָשן,
און זייער ארבעט איז געווען אומזיסט!
„שיסט!“
האָט דער צעקאָכטער קיניג אויסגעשריגן —
„זאָל ווערן אָט די ערד פארוויסט,
מיר וועלן אָט די זון באזיגן!“
און ניט געזאָמט
שאקאלן טראָגן זיך פארפאליעט און צעפּלאמט
זיי שלעפן ביקסן, באָמבעס און ארמאטן.
„אויב ניט מיט גוטן — שרייט דער קיניג — איך
מיט בייזן!
און דאַן, ווי ווערטער קאָנען גאָרניט לייזן
קומען מאטן!...
א גאנצן טאָג האָט מען אין בארג געהערט
די שיסערייען —
דאָס האָבן די שאקאלן אויף דער זון ניט אויפגעהערט
צו שפּייען
מיט פייער און מיט פלאם.
פארנאכט האָט מען געפייערט מן הסתם
דעם גרויסן זיג איבער דער זון דער רויטער...
אויף מאָרגן איז די זון געקומען מיט איר ברען,
ווי שטענדיק העל און לויטער,
און די שאקאלן האָבן גיך דערזען
אז דער נצחון האָט די ווערט נאָך קארגער פון א
גראָשן
די זון איז ניט פארלאָשן!
עס שיינט די רויטע זון איבער דער ערד,
זי האָט ניט מורא פאר קיין קויל און פאר קיין
שווערד!
דער קיניג זעט דאָס אלץ און יאָמערט אויף שאקאליש:
„איך חלש...“
נאָר א שאקאל

מיט עפּאָלעטן פון א גענעראל
האָט אויסגעשריגן:
„מיר וועלן די זון באזיגן!“
„נאָר וויאזוי?“ — האָט זיך צעיאמערט א שאקאלעכל.
„מיט א פאראשוט אנשטאט א שאלעכל.
„פארלעשן וועלן מיר די זון געוויס,
ווען ס׳וועלן מייכן וואסער מאָן אויף אייך א פּליס!“
און די שאקאלן האָבן א לאָז געטאָן די וואסער־קוואלן
אויף דער זון
דערפון
איז קלאָר, ס׳האָט גאָרניט זיך געביטן,
די זון האָט אלץ ניט אויפגעהערט צו שיטן
די שטראלן אירע אויף דער ערד,
פארקערט,
זי האָט נאָך ווארעמער צו גאָר דער וועלט געוווּנקען
און די שאקאלן האָבן זיך אין וואסערן אין זייערע
דערטרונקען.
און די, וואָס זענען נאָך געבליבן אויף דער ערד
הערט:
כאָטש שיסט, כאָטש ניסט,
כאָטש וואסער גיסט,
און ווארפט מיט שטיינער
נאָר אונדזער זון וועט ניט פארלעשן קיינמאָל קיינער.

איינער, פון די גרעסטע משלים־שרייבער, אין יידיש איז אויך דער יידישער שרייבער, לייב אָליצקי.

לייב אָליצקי, איז איינער פון די פּרוכטבארסטע משלים דיכטער, פון אונדזער צייט. ער האָט ביז איצט, אָנגעשריבן, גאנצע פינף בענ־דער משלים, אייגענע און איבערזעצטע. (אגב, וויל איך דאָ באמערקן אז אלע אויבן ציטירטע משלים, פון די העברעישע פאבוליסטן, זענען איבערזעצט פון לייב אָליצקי).

זיינע משלים צייכענען זיך אויס, מיט פאָלקסטימליכער פשטות, מיט שארפזיניקייט און קאָנדענסירטן דיאלאָג און מיט זיינע פלאסטישע פּאָעטיש־געצייכנטע געשטאלטן.

פון די משלים, וואָס זענען פאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פּוילן, ציטירן מיר דאָ דעם משל:

„דאָס קליידער־בערשטל"

הערט א מעשה איך חידושים.
איינמאָל זאָגט די באַלעבאָסטע, צו דעם בערשטל
פון מלבושים:
קום, פוצערל אזער! איך האָב דיר וואָס צו זאָגן:
איך וויל דיך צוואָגן.
און זי נעמט דערפולן
איר ארויסגעזאָגטן ווילן.
גיסט היים וואסער אין א שיסל.
שיט סאָדע אויך אריין א ביסל,
און וואשן, באָדן, ריניקן זי נעמט עס,
פוצט עס אין פאַרקעמט עס.
ביי דעם בערשטל, שטעלן בייז זיך אָן די האָר:
צו וועלכע גוטע יאָר?!
מיך, דער פוצער, וואָס איך פוץ
אנדערע פון שטויב און שמוץ.
מיך גייסטו מאכן ריין?
גו, זאָגט אליין!
— אמת — ענטפערט באַלעבאָסטע מיט א שמייכל:
נאָר הער מיט קורצע האָר, און לאנגן שכל
פאר דיין ארבעט, ביסטו מאקע ווערט א לויב!
נאָר ווען מ'האָט צו טון כסדר בלויז מיט שטויב,
גנבענען זיך שטויבערלעך אריין צום פוצער
און ביסלעכווייז, ווערט ער אליין א שמוצער...
די אלע, וועלכע רייניקן ווי בערשט די גאַנצע וועלט —
מוז אמאָל א רייניק אויך דאָס אייגענע געצעלט.

דער פאבוליסט, נחום יוד, וואָס לעבט און שאפט אין אמעריקע, האָט שטארק אויסגענוצט מיט זיינע אָריגינעלע, און טיילווייז, אויך מיט זיינע איבערגעזעצטע משלים, צוזאמען פון קרילאָוון.

זיינע פאבלען, צייכענען זיך אויס, מיט זיין געליטערטער פאָרם, מיט זיין מוזיקאַלישער שפּראַך, און מיט זיין וואַרייִרטער טעמאַטיק, וואָס מיר באַגעגענען זעלטן ביי אַנדערע פאַבוליסטן.

נאָך אין די יאָרן 1919, איז דערשינען אַ קורצע זאַמלונג, פון זיינע ערשטע פאַבלען. זייט יענער צייט, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל משלים, וועלכע שטייען קינסטלעריש פיל העכער, פון די ערשטע משלים זיינע.

ליידער פאַרמאָגן מיר נישט, קיין קאָמפּלעקטע זאַמלונג, פון זיינע משלים, וועלכע וואָלטן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט, זיי אָפּצושאַצן אַלס אַ גאַנץ ווערק, און מיר מוזן זיך באַגניגן, מיט אַ טייל פון זיינע משלים, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונדז, אין די פעריאָדישע אויסגאַבן אין וועלכע זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

מיר גיבן דאָ איינע פון זיינע משלים:

„דאָס קינד און דער כוס"

א קינד האָט שפּילנדיק אַמאָל
אַ כוס פון טייערן קרישטאָל
צעבראָכן.
דאָס קינד געוויינטלעך, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן,
און זיך צעוויינט פון גרויס פאַרדרוס.
דערווייל איז אויף די שטיקלעך פון דעם כוס,
אַ זונענשטראַל פון ערגעצוו געפאַלן,
און ס'האָט אין זיי אַ גאַנצער ים
מיט וואונדערלעכע געקאָלירטע שטראַלן
זיך אָנגעצינדן אין אַ צויבערלעכן פלאַם.
„ווי שיין! ווי שיין!" אַ שמייכל...
פאַרוואונדערט איז דאָס קינד געבליבן שטיין.
„וואָס פאַר אַ נאַר אַיך בין! איך שטיי דאָ און
איך וויין
ווען כ'האָב אַזויפיל, איצט מיט וואָס צו שפּילן..."

איינער פון די טאַלענטירטסטע פאַבוליסטן אין יידיש, איז אויך דער אַמעריקאַניש־יידישער שרייבער וו. גרינשטיין, וועלכער האָט די

לעצטע יאָרן, באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור, מיט אַ גאַנצער ריי זייער געלונגענע משלים.

די דאָזיקע משלים, צייכענען זיך אויס מיט זייער קלאָרקייט פון געדאַנק, מיט זייער וואַריירטער טעמאַטיק, מיט זייער שיינער פאָלקס־טימלעכער יידישער שפּראַך, און מיט זייער סאָציאַלן אינהאַלט.

גרינגשטיינס משלים זענען ווייניקער באַקאַנט דעם לייענער, ווייל ביז היינטיקן טאָג, לויט מיר ווייסן, זענען זיי נאָך נישט דערשינען אין בוך־פאָרם, נאָר זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט, אין די אַמע־ריקאַנישע יידישע זשורנאַלן, אין וועלכע זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מיר ציטירן דאָ צוויי משלים זיינע „דער בעזים“ און „דער קאָנווערט“:

„דער בעזעם“

א שטראַל פון די הויכע ספערן, אַ מהלך פון דאַנען,
האָט שוועבנדיק דערזען אַ בעזעם, וואָס איז אין אַ
ווינקל געשטאַנען,
און זייענדיק העפלעך האָט ער באַגריסט.
כידוע, אַז גאָט וויל אַ בעזים שיסט,
אָט האָט ער באַלד אָנגעהויבן שיסן מיט טענות
ווע:ן זיין מערכה.
זיך באַקלאָגט אויף די מענטשן און אויף דער השגחה.
— קיינער — האָט ער געזאָגט — קען ניט צווייפלען
אין מיין נוץ,
איך ריניק אַלע שמוץ,
קער אויס אַלע מיסט.
אין מיסט איז דאָ אַ סך!
אין די הייזער, אויף די גאַסן, אויף יעדער זאַך,
אין די קראָמען און קאַנטאָרן פון יעדן פאַך, —
דערפאַר האַלט איך אַלץ אין איין קערן, אַרבעט
שווער און פיל,
אבי עס זאָל זיין ריין — אָט דאָס איז מיין ציל.
צום סוף פאַרוקט מען מיך אין אַ ווינקל... איז דאָס
מיין שכר?

איז דאָס דער כבוד וואָס מען גיט מיר דערנאר?!—
א שיין פונעם שטראַל האָט געגעבן א ציטער
און באַלויכטן דעם בעזים מיט אַלע ריטער.
דער שטראַל האָט געטון א שפּילן לאַר,
און געזאָגט קורץ (שטראַלן רעדן ניט קיין סך)
— יאָ, דיין ארבעט איז זייער וויכטיק.
ביי אונדז אָבער, האַלט זיך יעדער שטראַל
אַן דעם דאָזיקן כלל:
„דער וואָס זוכט יענעם צו רייניקן זאָל זיך אַליין
האַלטן ציכטיק!“
דאָס זאָגנדיק, האָט ער א שוועב געטון צוריק צו
די ספערן.

מאָראַל:
די בעזעמער, וועלן תמיד יענעמס מיסט האַלטן אין איין קערן:
אָבער רייניקן זיך אַליין — פון דעם ווילן זיי ניט הערן.

„דער קאָנווערט“

א קאָנווערט מיט א געלאַטאָנווייזונג איז אויף א
שרייב-טיש געלעגן.
דער קאָנווערט איז באַדעקט מיט רויטע זיגלען אויף
אַלע ברעגן
און צושריפטן און פּאָסטקאַרטן אַפילו.
(ווי אין אַזעלכע פאַלן פּאַסירט)
איז עס געווען רעגיסטרירט.
דרייט זיך אָפּ דער קאָנווערט צום שרייב-פעדער:
„וואָס איז די פעולה
וואָס דו קריצסט דאָרט אויף פּאַפּיר?
דו בעסער קוק אויף מיר!
זע, ווי איך ווער דאָ אַזוי אָפּגעהיט!
ווייל אַלע ווייסן טאַקע דעם ווערט
פון אַזא וויכטיקער זאַך ווי א קאָנווערט.

דעם כבוד וואָס מיר מען גיט...
דאָ האָט דער באַלעבאָס ארויסגענומען די אָנווייזונג
אויסגעגלייכט פיין...
און דעם קאָנווערט א שמיץ געטאָן אין קאַרב אריין.
„אוי האָט דער קאָנווערט געקרעכצט — אזא באהאנדלונג!
אזא אומכבוד צו קריגן!
איך, קאָנווערט, זאָל מיט יעדן אָפּפאַל ליגן —
דארויף האָט די פעדער געמאַכט די דאָזיקע באמערקונג:
— ווערליך איך האָב געהערט,
געהערט צום אָפּפאַל אויך דו, דער ליידיקער קאָנווערט!

מאָראַל:

דער אָלרייטניק (פּאַרוועניט) האלט זיך תמיד אין איין בארימען
מיט זיין פארמעגן; נו מילא,
ער ווייסט נעבעך, אז אָן דעם איז ער א פּוסטע כלי...

איך האָב ספּעציעל אויסגעוויילט, צו ציטירן די דאָזיקע צוויי משלים, פון גרינשטיין, כדי צו ציען די אויפמערקזאמקייט, פון דעם לייענער, וועגן דער ענלעכקייט פון דער טעמאַטיק, פונעם משל „דער בעזעם“, מיט דעם אויבן ציטירטן משל „דאָס קליידער־בערשטל“, און אויך וועגן דעם משל „דער קאָנווערט“ וואָס איז לויט דעם טעמאַטיק, ענלעך צו אליעזר שטיינבארג׳ס משל „דער קוש“, וואָס מיר וועלן ציטירן ווייטער.

עס געשעט אמאָל, אז פארשיידענע שרייבער, אפילו אין פארשיידענע עפּאָכעס, וואָס שרייבן אפילו אין פארשיידענע לשונות, זאָלן פאַלן אויף דעם זעלבן געדאנק, און זאָלן באהאנדלען אין זייערע ווערק, די זעלבע טעמאַטיק.

אָבער דאָס הייסט נישט דוקא, אז איינער האָט פּלאגירט דעם צווייטן, אפילו אויב ער איז אינספּירירט געוואָרן, פון א צווייטן שרייבערס ווערק, אויב ער האָט אריינגעהויכט אין זיין שאפונג זיין אייגענעם אָטעם, אויב ער האָט אריינגעבראַכט אין זיין שאפונג עפּעס אייגענ:ס און אָריגינעלס, און האָט די זעלבע טעמע באהאנדלט אויף זיין אייגענעם שטייגער.

און דאָס איז אויך דער פאַל מיט גרינשטיינס צוויי משלים.

מיר זענען צוגעקומען צו דעם גרעסטן פאַבל־דיכטער פון אונדזער צייט, צו אליעזר שטיינבארג.

אליעזר שטיינבארג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880 אין דעם בעסאראבער שטעטל ליפקאַן, נישט ווייט פון טשערנאָוויץ, די שטאָט וווּ ער האָט זיך שפּעטער באזעצט און דאָרטן געלעבט ביז זיין פריי־צייטיקן טויט, וואָס איז געשען אין יאָר 1932.

בלויז אין א קורצער צייט, ווערט ער בארימט אין אלט־רומעניע, און אויך אין די ניי צוגעקומענע פּראָווינצן, מיט זיינע מייסטער־האפטע משלים, וועלכע האָבן ביי אים דערגרייכט, צו אמתער אָריגי־נעלער יידישער־דיכטונג.

אויך שטיינבארגס משלים, זענען ענלעך מיט זייער טעמאטיק, צו די משלים פון אלע פאבוליסטן פון אנדערע ליטעראטורן. אויך אין זיינע משלים באגעגענען מיר כמעט די אייגענע באשעפענישן און שטומע קענגשטאנדן ווי אין דעם גאנצן קלאסישן רעפערטואר פון אלע אנדערע פאבל־דיכטער, אָבער די מאָראלישע טענדענץ פון זיינע משלים איז א גאנץ אנדערע. די איראָניע זיינע, הערט אויף צו זיין געווענדט קעגן יחיד, אין די מערסטע טייל פון די סאָציאלע משלים זיינע ווי: „דאָס פערד און די בייטש“, „די בארשט און דער קאמאש“, „פאַרן בית־דין“, „דער קוש“, א.א. טרעט ער ארויס אלס באשולדיקער, קעגן דער שלעכטער וועלט־אָרדנונג, און דריקט אויס זיין שארפן פּראָ־טעסט, קעגן דעם סאָציאלן אומרעכט פון ארום. אָבער נאָך מער איז דאָס בולט אין דעם משל „דער חלף און די זעג“ אין וועלכן די קאָנ־צעפּציע איז אין דער זעלבער צייט אן עכט יידישע.

שטיינבארג שטעלט אוועק די זעג, זיך אויסטענהן מיטן חלף און פארענדיקט דעם משל אזוי:

„נאָך ער היום איז א זעג א באלמעלאָכע\
גאָר א פלעק אין דער משפחה —\
און א שארפער חלף האָט הצלחה,\
אי ער קוילעט, און מען מאכט איבער אים א ברכה„.

דאָס זעלבע אויך אין דעם משל: „די שפּיז און די נאָדל“ ווי שטיינבארג שטעלט איזעק די קליינע תמימותדיקע נאָדל, וואָס ווייסט

ניט פון קיין חכמות, ווי נאָר צו גייען העמדער און מלבושים, ווי זי לאכט פון דער לאַנגער שפּיז אויף וועלכער זי האָט געמיינט, אז זי מאכט אודאי קליידער פון בלעך און אייזן, פאר א נוג מגוג מסתם, צום סוף שטעכט די דאָזיקע גאָרל נאָר מענטשן, וואָס „שטער הייגט, שטער מאָרגן, וואָס־זשע וועסטו פון זיי מאכן?“

דעם לייט־מאָטיוו צו די דאָזיקע סאָציאַלע משלים זיינע, געפונען מיר שוין, אין די פיר פערן אָנגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון די משלים, אין וועלכע ער זאָגט:

העי, העי העמערל!
קום צו מיר אין קעמערל?
איך וועל איך עפּעס וויזן —
אונטערן שווערן האמער, קרעכצט און וויינט דאָס אייזן“.

און דערפאר זענען זיינע משלים אזוי באליבט און זיי זענען גע־וואָרן פאָלקס־אייגנס.

ער איז געווען דער גרויסער שפּראַך־מייסער, פון דער יידישער ליטעראטור.

שטיינבארג האָט אויך אָנגעשריבן א גרויסע צאָל מעשהלעך פאר יידישן קינד, און אויך אויף דעם געביט. האָט ער שטארק אויסגע־נעמען, ווייל זעלטן האָט נאָך א יידישער שרייבער, א חוץ אונדזער גרויסן אומפארגעסלעכן שלום־עליכם, זיך אזוי דערנענטערט צו דער נשמה פונעם יידישן קינד, ווי דאָס איז געלונגען שטיינבארגן. אין די דאָזיקע קליינע דערציילונגען, האָט ער מיט זיין אָריגינעלער רייכער פאנטאזיע, איבערגעשטיגן א סך אנדערע בארימטע שאפער, פון קינדער־ליטעראטור.

שטיינבארג האָט אויך אָנגעשריבן א גאנץ ריי, קורצע קינדער־פּיעסן, וועלכע זענען אויפגעפירט געוואָרן פון קינדער, און וועלכע האָבן שטענדיק געהאט אן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג. אלץ וואָס שטיינבארג האָט אָנגעשריבן טראָגט אין זיך דעם חותם פון אָריגי־נעלקייט, אָבער די קרוין פון זיינע שאפונגען, זענען די משלים זיינע, וועלכע פארנעמען א בכבודיקן אָרט אין אונדזער רייכן פאָלקס־אוצר.

מיר ציטירן דאָ צוויי פון זיינע משלים:

„דער חלף און די זעג“

ס׳טרעפט זיך אמאָל אויבעט
אז א שייטל האָלץ צעזעגן מוז א שוחט.
איז געשען.
ס׳האָט דער חלף גראָד די זעג דערזען
און צעלאָזט די שארפע צונג.
„זע נאַר, זאָגט ער, יענעם גראָבן יונג!
שטשורעט מיט די ציין!... א פרייד אויף אים איז!
אפשר ווייסט איר וואָס? אומשטיינס געזאָגט א צורה!
גאָלע פנימות!
קריצן,
שפיצן
גאַר א גאנצע שורה!
טרפה דאָך פון קאָפּ ביז פיס!
און וואָס זאָגט איר אויף זיין הולך? אויף די
הילצערנע מלבושים?
הערט איר, אז איך טו א קוק אויף דעם מגושם,
דאנק איך ערשט זיין ליבן נאָמען, וואָס ער מאכט
אי שיין אי מיאוס.
וויל איז מיר! מיין חלף זיס!
ביט קיין פיצל
קריצל
אף מיין כשר קלינגל! ניט קיין שטרענקעלע! קיין
פנימל!
איז א חידוש, וואָס דער פרומער רב אלקנה
נעמט מיך אין די הענט מיט הייליקייט, כוונה,
מאכט א ברכה, טוט א ווינק צום הימל?
„אמת, זאָגט די זעג בתמימות (צי גאַר מיט א מיין?)
יאָ, איך זאָג אליין:
רב אלקנה איבער מיר א ברכה?

שיינע זאכן!
דאָס געזען וואָלט ממש גאָר צום לאכן.
וואָס בין איך? א פראָסטער בעל-מלאָכה.
ניט איך בלינצל, ניט איך פינקל,
שטיי מיר אין א טונקל ווינקל,
ווייס מיין אָרט און ביי זיך ניט חס ושלום שטאָלץ.
וואָס איך קען דען מער ווי זעגן האָלץ?!
אָבער דו, — א קליינוקייט! — שניידסט איבער דאָך
א האָלדז!

קומט צו דער מוסר השכל, און שיט צו א ביסל זאַלץ,
נאָך ער היום איז א זעג א בעל-מלאָכה.
נאָר א פלעק אין דער משפחה.
און א שארפער חלק האָט הצלחה
אי ער קוילעט, אי מע מאכט אויף אים א ברכה!

„די שפיז און די נאָדל“

איינער (ראובן שמעון אָדער איקס)
קומט פון דער מלחמה מיט א שפיז און מיט א ביקס
און שפּארט זי אָן אין קאָמאָדל
וו געשטעקט א דינע נאָדל,
„אָט א נאָדל, אָט א ריז!
(טראכט דאָס נעדעלע, דערזעענדיק די שפיז)
קליידער מאכט אוודאי זי פון אייזן! צי פון בלעך!
און אף גיך, מיט ריזנשטעך!
פאר גוג מגוג מסתמא. צו אזוי א ריז א גרויל...
אין די שפיז? זי קוקט, באטראכט די נאָדל:
— אָט א שפיזעלע א שרעטל!
חדוש, וואָס סע לויפט זיך ניט דאָס שטעטל
אף דעם שנעקעלע צו קוקן!
קאָמיש! אזוי קאָמיש! נו ווי טאכט מען ניט מיט
אים קיין שפּאס...

זאָ: מיר ברודערל, ניט שעם זיך: אמת, וואָס מע
שמועסט אין גאס?
ביסט א פּייער! קומסט אין כעס, איז מסוכּן!
מיטאמאָל דערשטעכסטו, זאָגט מען, זיבן פליגן!
— שקר! (שרייט די נאָ־ל) ליגן!
איך קען שווערן דיר ביים מענטעלע פון ספר תורה:
לייוונט שטעך איך, לייוונט, ס'איז אזא מין סחורה...
— כא־כא! (שיסט די ביקס אויס מיט א געלעכטער)
— כא, כא, כא! ער שטעכט גאָר לייוונט! לייוונט
שטעכט ער!
— וואָסזשע ווילט איר? (פרעגט די נאָדל) איך
זאָל שטעכן בלעך?
ער, ער,
ווען ווי איר איך גרויס!
— אוי געוואלד, איך האלט נישט אויס!
(שרייט די ביקס) איך פּלאץ! איך שיס!
— זייט מיר מוחל? (זאָגט די נאָדל) ניט געמיינט
צו שלעכטן!
ניט קיין לייוונט, ניט קיין בלעך, איז וואָסזשע
שטעכסטו?
— מענטשן שטעכט מען! מענטשן (זאָגט די שפּיז)
אָבער דאָ די נאָדל שווין גענומען לאכן,
נאָר א לאכן — אפשר לאכט זי נאָר:
כי, כי! און אד, אד! און אָד, אָד, אָד!
— שטעך איך, זאָגט זי, לייוונט, מאך א שטעכל
נאָך א שטאָך.
ווערט א העמדל, ווערט א מלבוש — זאכן,
אָבער מענטשן — שטעך היינט, שטעך מאָרגן, וואָס
וועסטו מיט אים מאכן?!

אין דער דאָזיקער ארבעט, זענען דערמאנט געוואָרן די באדייטנ־סטע פאבוליסטן, פון דער העברעישער און יידישער ליטעראטור, א חוץ אייניקע פאבוליסטן, וועמענס פאבלען. מיר האָבן נישט געהאט צו דער האנט.

מיר האָבן פארעפֿנטלעכט די משלים פון אליעזר שטיינבארג, וועלכע מיר פארעכענען, אלס די קרוין פון דער פאבל־שאפונג, אין דער יידישער ליטעראטור, און וועלכע זענען היינט צו טאָג, א וויכטיקער צושטייער, אין קאמף פאר א וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, אין קאמף פאר שלום פאר דער גאנצער מענטשהייט, און פארן יידישן פאָלק בתוכם.

ראנגלעניש

איג א פינצטערער פארוואָלקנטער נאכט, אין וועלכער ס׳האָט גע־טריפט א דין רעגנדל, האָט זיך, נחמן, אריין געזעצט אין דריטן־קלאס וואגאָן, אין דער באן וואָס גייט קיין בוקארעשט.

ער איז געזעסן מיט פארמאכטע אויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפארט אינעם וואגאָן־ווענטל, און וויפל ער האָט זיך נישט געמוטשעט ער זאָל איינשלאָפן, האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן. אין זיין מוח, איז כסדר אויפגעשווימען דאָס געזעגענען זיך מיט זיינע באקאנטע, מיט זיינע עלטערן, און איבערהויפט מיט זיין שוועסטערל וואָס האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּטיילן פון אים.

ער איז געזעסן פארטיפט אין זיינע געדאנקען, און געטראכט, וועגן זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, וואָס ער האָט פארבראכט אין דעם מאָלדאָווישן שטעטל וו ער איז געבוירן, און ווער ווייסט, ווען די פאָליציי זאָל זיך נישט געווען אָנהייבן נאָכפרעגן וועגן אים, ביי חיים שלאָסער, ביי וועלכן ער איז קודם געווען א לערן־ייגגל און נאָכדעם געארבעט אלס געזעלן, בכן, אז ער העצט אויף קעגן די פריצים, די פויערים וואָס קומען פאריכטן זייערע מכשירים, וואָלט ער אפשר אויך ווייטער געווען פארבליבן אין זיין שטעטל, וואָס ער האָט ליב געהאט, דאָרטן, וו ער פלעגט פארברענגען זיין פרייע צייט, ליגנדיק ביים שטראָמנדיקן טייך, מיט א ביכל אין דער האנט, אָדער בלאָנדזשענדיק אין די וועלדער פון ארום,

צוהערנדיק זיך, צו דעם קלאפנדיקן טיק־טאק פון די רעדער, האָט ער געטראכט, וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס עס שטייט אים פאָר אין דער גרויסער שטאָט וווהין ער פאָרט.

ווען דער צוג האָט זיך האָסטיק אָפּגעשטעלט, און א שטראָם עלעקטריש ליכט, האָט פאַרגאָסן דעם גאַנצן וואַגאָן, האָט נחמן גע־עפנט די אויגן, און איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער סטאַציע.

סוף כל סוף, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט ווען ס׳האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג, און פון דער ווייטנס אויף די בערג־שפּיצן האָבן זיך באַוויזן די נאַפט־קוואַלן, וועמענס זאַנ־דעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט אין דער הויך, צעשפּרייטענדיק זיך אויף א גרויסן ערד־שטח.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפן בוקאַרעשטער וואָקזאַל, און נחמן איז אַראָפּ פונעם וואַגאָן, מיטן רענצל אין דער האַנט, איז ער געבליבן שטיין א פאַרגאַפטער. דער מאָרגן איז געווען א שיינער, א ליכטיקער, און די זון וואָס האָט שוין געהאַט איבערגעלאָזט א שטיקל קלאָרן בלויען הימל היגטער זיך, האָט אים געשמייכלט אין פּנים אַריין. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע זיין נאָטיץ־ביכל, אין וועלכן ס׳איז געווען פאַרצייכנט דער אַדרעס, פון זיין מומע, צו וועלכער ער האָט געדאַרפט צו פאָרן. ער האָט א פרעג געטון א פאַר־בייגייער וועלכן טראַמוואַי ער דאַרף נעמען, און האָט זיך געלאָזט גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אַריינקומענדיק אין הויז, האָט ער דערזען די מומע זיינע, א פרוי פון א יאָר פופציק, מיט א פּאָר ברוינע געמיטלעכע אויגן, א פּנים פול מיט קנייטשן, א זשוואַזע און א באַרייַדעוודיקע.

אַזוי ווי זי האָט אים נאָר דערזען, איז זי אים תיכף באַפאַלן מיט א מבול פון רייד:

— אהא, דאָס ביסטו עס, נחמן, לאחס בן־יחיד, אַ־נו קום נעני־טער, זאָל איך דיך נאָר אָנקוקן! ווען איך בין געווען ביי א־יך, ביסטו נאָך געווען א קליין ווערוויקל, און איצט ביסטו דאָס אויסגעוואַקסן א ביסל. וואָס ביסטו געבליבן שטיין אין דער טיר? וואָס האָסטו מורא, מ׳וועט דיך אויפעסן? דו דאַרפסט אַוודאי זיין הונגעריק, און מיר פונעם וועג, אָט וועל איך דיר תיכף געבן עפּעס עסן, און דערנאָך וועסטו דיך צוליינן אָפּרוען.

— א דאַנק, האָט נחמן געענטפערט, איך בין נישט הונגעריק, איך האָב געגעסן אין צוג, די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן עסן.

— אָט האָסטו דיר אַן אורח! האָט דו מומע א זאָג געטון. דו ווייזט אויס צו זיין א שעמעוודיקער, דאָ אין דער גרויסער שטאָט,

וועסטו נישט ווייט אזעק, מיט דיין שעמעוודיקייט, האָסט דאָס געמעגט איבערלאָזן אין דערהיים. דאָ גייט נישט אָן די דאָזיקע סחורה. אָבער האָב נישט קיין דאגה, וועסט זיך שוין אויסמענטשלען. אַלע ווען זיי קומען אראָפּ אהער, קענען זיי קיין צוויי נישט ציילן, און דערנאָך ווערן זיי דאָ גאנצע מאכערס. א־נו, זאָג נאָר, וואָס מאכט די מאמע, דער טאטע! וויאזוי גייט עס אין דער פרנסה. לויט דעם לעצטן בריוו זייערן, אין וועלכן זיי האָבן מיר מיטגעטיילט וועגן דיין קומען, ווייזט אויס אז ס׳גייט זיי נישט אזוי פויגלדיק. און נישט ווארטנדיק אויף נחמנס ענטפער האָט זי ווייטער געשיט מיט רייד און געמאָלן ווי א מיל.

— דאכט זיך אז דו האָסט געלערנט עפּעס א מלאָכה, יאָ? זאָרגט זיך נישט, וועסט דאָ נישט פארפאלן ווערן. זאָל נאָר אהיים קומען מיין אסתר, וועסטו זיך מיט איר באקענען. זי וועט זיך שוין אינטערעסירן פאר דיר, זי האָט א סך באקאנטע. זי איז ביי מיר א גאנצער קאָפּ־מענטש, א גאנצער פילאָזאָף. זי איז פון יענער חברה, וואָס ווילן זאָגן גאָט א דעה, זיי ווילן איבערמאכן די וועלט. בכן, ס׳איז נישט קיין יושר, וואָס איינער האָט א סך און דער אנדערער גאָרנישט. דו ווייסט מן הסתם אפילו נישט, מיט וואָס מען עסט דאָס. זי מיין אסתר איז א נייטאָרן און איז איצט ביי דער ארבעט.

נחמן איז געשטאנען א ביסל א זארשעמטער, און האָט זיך צוגע־הערט צו דער מומעס נייַן מאָס רייד. ווען זי איז א ביסל אנטשוויגן געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן טראכטן וועגן אסתרן, און איז געוואָרן א ביסל אומרויק.

די מומע האָט אים אריינגעשיקט אין צווייטן צימער. ער האָט זיך ארומגעוואשן, אָפּגעגעסן, און זיך געלייגט אָפּרוען. ער איז געלעגן און אלץ געטראכט וועגן, אסתרן, אויף וועלכער די מומע האָט געזאָגט, אז זי איז א גאנצער קאָפּ־מענטש. וויאזוי זי וועט אים באגעגענען, און צו זי וועט נישט מאכן חוזק פון זיין שעמעוודיקייט. כדי ס׳זאָל פארגיין די צייט, האָט ער גענומען א ביכל צום לייענען. ער איז אָבער באלד איינגעשלאָפן, מיטן ביכל אין האנט.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך געפילט מונטערער, און האָט זיך געטראכט: נו, און אז איך וועל איר נישט געפעלן, איז וואָס? בין איך דען צוליב איר אהער געקומען? אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט אז ס׳פארקלעמט אים ביים הארצן, ביי

דעם געראנק, אז ער וועט איר נישט געפעלן, אָדער אז זי וועט פון אים אָפּלאכן.

אריינקומענדיק אין צווייטן צימער, האָט אים, די מומע, ווידער אמאָל אויפגענומען מיט א ברייטן ברוך הבאָ, נאָכאמאָל אים פארשיט מיט א מענגע שאלות, וועגן אירע באקאנטע פונעם שטעטל, ווער ס'האָט חתונה געהאט און ווער ס'איז געשטאָרבן. און אזוי ריידנדיק האָט זיך געעפנט די טיר מיט אן איספעט, און ס'איז אריין א מיידל פון א יאָר אכצן, מיט טיפע שווארצע אויגן, מיט א הויכן שטערן, מיט א קורץ נעזל, א קליין מויל, און מיט א קאָפּ פער שווארצע געקרויזטע האָר. א חנעוודיקע, א רירעוודיקע, האָט זי כמעט א געשריי געטון: מאמע! אָט בין איך דאָ. האָסט עפּעס עסן? איך האָב מיך היינט אָנגעהאָרעוועט ווי א רוח, און בין הונגעריק ווי א וואָלף. דערזעענדיק נחמנען האָט זי א זאָג געטון:

— אוי, מיר האָבן א גאסט! און דו, מאמע, זאָגסט מיר גאָר נישט. זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר וואַרעם פוכקע הענטל און גע־זאָגט: דאָס ביסטו עס, נחמן, דער מומע לאהס, וואָס ביסט אראָפּ־געקומען אהער פון די ווייטע מקומות, פון דער מאָלדאָווע? זייער גוט האָסטו געטון, וואָס ביסט אוועק פון דעם פארוואָרפענעם העק, דאָ אין דער גרויסער שטאָט, איז עפּעס אנדערש, איבערהויפּט פאר א יונגן מענטש. דו וועסט זען פאר זיך, א נייע וועלט. דיינע עלטערן האָבן וועגן דיר געשריבן אז דו ביסט א באלעזענער דאָס איז נישט קיין חסרון. ביסט דאכט זיך א שלאָסער, נישט אזוי? גוט, מיר וועלן צוערשט א טראכט טון, צו געפונען פאר דיר ארבעט, און מכח דיין באלעזנקייט, וועלן מיר נאָך האָבן צייט צו ריידן.

נחמן איז געשטאַנען א איבערגערעשטער פון אכתרם פריינטלעכ־קייט, און ס'האָט אים ארומגענומען א ווארעמקייט ביים הארצן. ער האָט ביי זיך געטראכט: אָט פאר איר האָט ער עס זיך אזוי געשראָקן, און געווען אזוי אומרויק! צו אלדע שווארצע יאָר, דאָס שעמעוודיקייט, פון וועלכער ער האָט געליטן, נאָך זייענדיק אין דער היים, און וואָס ס'האָט זיך צו אים צונעטשעפּעט ווי א הויקער אויף די פּלייי־צעס. ניין! ער מוז זיך סטארען, מיט אלע כוחות, זיך דערפון צו באפרייען.

נחמן, האָט איר געדאנקט פאר דעם אינטערעס, וואָס זי ווייזט ארויס צו אים, און בנוגע זיין באלעזנקייט, זאָל זי נישט מיינען, אז

ווער ווייסט וואָס. זי דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז מע זיצט אין קליינעם שטעטל, האָט מען זעלטן מיט וועמען צו בייטן אַ וואָרט, און עמעצער זאָל דיר אָנווייזן וואָס צו לייענען איז אויך נישט פֿאַראַן. טאַפּט מען אַזוי אין דער פֿינצטער, מען לייענט וואָס ס׳קומט צו דער האַנט, צומאָל טרעפֿט מען אויך אָן אַ גוטן בוך פֿון וועלכן מען קען עפּעס לערנען.

פֿונעם צווייטן צימער, האָט די מומע אַ געשריי געטון, אַז דאָס עסן איז פֿאַרטיק, און אַז ס׳שטייט שוין אויפֿן טיש. זיי האָבן זיך געזעצט עסן, און האָבן פֿאַרגעזעצט זייער אָנגעהויבענעם שמועס ביז שפּעט אין דער נאַכט.

נאָך עטלעכע טעג, האָט זיך נחמן אין אַן אינדערפֿרי אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף: אין פֿענצטער האָט אַריינגעקוקט דער נאָר וואָס אָנגעקומענער טאָג אַ פֿרישער און אַ לויטערער, דאָס גאַנצע צימער זיינס, איז געווען אָנגעפֿולט מיט זון, און די ליכטיקע שטראַלן אירע, האָבן זיך צעשפּרייט אויף דער סטעליע, אויף די ווענט, און אויפֿן דיל. ער איז געבליבן ליגן אויפֿן בעט, מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן, אַ פֿרייער און צו דערזעלביקער צייט אַן אומרויקייט, האָבן זיך צעגאָסן אין אַלע זיינע גלידער. ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ נייגעריקייט, צו וויסן, וואָס עס שטייט אים פֿאָר, אין דער נאָענטער צוקונפֿט, צי ער וועט דאָ געפֿונען אַרבעט. צי ער וועט זיך דאָ קענען איינאָרדענען. ער וואָלט וועלן וויסן וואָס פֿאַר אַ נייע וואַנדערונג זיין לעבן וועט אָננעמען דאָ אין בוקאַרעשט. די דאָזיקע נייגעריקייט האָט אים געגאָנגט ביים האַרצן.

ער איז אַראָפּ פֿונעם געלעגער, זיך גענומען וואַשן און געלאָזט שטראָמען אויף זיך דאָס קאַלטע וואַסער, ער האָט זיך שנעל אָנגעטון, און אַ דערפֿרישטער, איז ער מיט אַ הילכיקן גוט מאָרגן אַריין אין אַנדערן צימער, ווי אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, אסתּר איז שוין פֿון לאַנג אַוועק צו דער אַרבעט, און די מומע איז געזעסן ביי דער מאַשין און גענייט וועש.

ער האָט אָפּגעגעסן, און איז אַרויס אין גאַס, זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן, ער האָט געפֿילט אַ פֿאַרלאַנג, אַז דער טאָג, זאָל פֿאַרשווינדן וואָס שנעלער, ס׳זאָל אָנקומען דער אָוונט, אסתּר זאָל אַהיימקומען, און ער זאָל זיך דערוויסן פֿון איר, צו זי האָט באַקומען פֿאַר אים אַרבעט. אָבער דער טאָג האָט זיך נישט געאיילט, די זון איז זיך גע־

גאנגען פאמעלעך איר וועג. נחמן האָט זיך ארומגעדרייט איבער די גאסן, אָן א ציל, און ערשט ווען די ערשטע שאָטנס פון דער נאכט זענען צונעפאלן האָט ער גענומען שפאנען אהיים.

ס׳איז געווען שבת צו נאכטס. די טיר האָט זיך געעפנט און אסתר איז אריין א פרייליכע, א לאכנדיקע ווי תמיד. און אז זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן, האָט די מוטער איר דערציילט, אז ביי דער דער שכנטע איז קראנק געוואָרן א קינד, זי האָט נישט געהאט קיין געלט צו רופן דעם דאָקטער. און אז זי האָט געווארט אויף אסתרן, זי זאָל איר לייען.

נחמן האָט איר געקוקט אין די אויגן, ער האָט געוואָלט דערקענע-אין זיי, צי זי האָט פאר אים געפונען ארבעט, אָבער ער האָט פון אירע אויגן גאָרנישט געקענט ארויסבאקומען, איז ער געזעסן און געשוויגן.

ערשט נאָכן עסן, האָט אסתר צו אים געזאָגט:

— איך האָב מיר נאָכגעפרעגט צו קריגן פאר דיר ארבעט, אָבער ביז איצט איז עס מיר נישט געלונגען. אויף נחמנס פנים האָט זיך באוויזן א שאָטן. אין זיין מוח, איז דורכגעפלויגן א געדאנק, אויב פון זיין האָפענונג צו פארבלייבן דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, וועט זיך נישט אויסלאָזן א בוידעם. אויב ער וועט זיך נישט מוזן אָפגע-זעגענען מיט בוקארעשט, און צוריקפאָרן אהיים. אסתר האָט דאָס באַ-מערקט און האָט ווייטער גערעדט:

אָבער דו דארפסט ביי דיר נישט אראָפפאלן. יעדער מענטש דארף זיך דורכשלאָגן א וועג אין לעבן. קיינעם ברענגט מען נישט צוטראָגן פון גרייטן. און געפינסטו נישט איצטער קיין ארבעט. ביי דיין פאך, וועסטו דערווייל ארבעטן ווי ס׳וועט זיך לאָזן. בוקארעשט איז גענוג גרויס, און ס׳וועלן זיך געפונען גענוג באלעבאטים, אויף וועלכע דו זאָלסט ארבעטן. אָט האָט מיר מיינער א חבר, געגעבן אן אדרעס פון א פאבריק, וו מען זוכט ארבעטער. מאָנטיק פרי וועסטו צופאָרן אהין, און זען, אפשר וועסטו דערווייל דאָרטן קריגן ארבעט. זאָלסט גאָר נישט פארלירן דעם מוט, ווייל דאָס טויג נישט. מיינע חברים, האָבן מיר צוגעזאָגט, אז זיי וועלן זיך אינטערעסירן, און אויב זיי וועלן גע-פינען פאר דיר ארבעט, וועלן זיי מיר תיכף צו וויסן טון.

נחמן האָט איר געדאנקט, אָבער אסתר האָט אים נישט געלאָזט רעדן און געזאָגט:

— וואָס איז דאָס פאר א דאנקען. פּלוצים אין מיטן דערינען. דו ביסט אן ארבעטער, א חבר, און א קרוב. ס'איז מיין חוב, איך זאָל זיך פאר דיר אינטערעסירן.

נחמנס אויגן, האָבן אויסגעדריקט גרויס דאנקבארקייט צו אסתרן, ס'האָט אים געפרייט, וואָס ס'האָט אים אָפּגעגליקט, צו האָבן לעבן זיך, אזא חברטע, וועלכע וועט אים באהילפיק זיין, אויף דעם גייעם וועג, אויף וועלכן ער גייט, און דער נייער וועלט, צו וועלכער ער שטרעבט, און וועלכע האָט אים אין דער זעלבער צייט א ביסל גע־שראָקן. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט, און ער האָט ביי זיך באשלאָסן, אז סיי וואָס ס'זאָל נישט געשען, ער זאָל אפילו דארפן ארבעטן אין די שווערסטע באדינגונגען, וועט ער דאָ פארבלייבן, און נישט צוריק־פאָרן אין שטעטל. ער האָט ביי זיך פארצייכנט דעם אדרעס פון דער פאבריק, וווהין ער דארף מאָנטיק גיין זוכן ארבעט.

אסתר, האָט דערציילט פארשידענע נייעסן פונעם אטעליער, ווו זי ארבעט, אז דער בעל־הבית האָט אָפּגעזאָגט אן ארבעטאָרן, און וויאזוי זיי האָבן זיך אלע איינגעשטעלט פאר איר, דער באַלעבאָס האָט גע־מוזט נאָכגעבן און די ארבעטאָרן איז ווייטער פארבליבן ביי דער ארבעט.

נאָכן פארענדיקן דעם שמועס, האָט אסתר, געזאָגט, אז מאָרגן נאָכמיטאָג, וועט זי מיט נחמנען מאכן א שפּאציר, ער זאָל אָנקוקן בוקארעשט.

ווען זיי זענען זונטיק נאָכן אָפּרוען זיך, ארויס אין דרויסן, האָט די זון געשיינט מיט א מילדער ווארעמקייט. די גאסן זענען געווען לעבעדיק. די מענטשן אָנגעטון יום־טובדיק, האָבן שפּאצירט פאָר־לעבווייז און אין דעם דאָזיקן מענטשן־שטראָם, זענען אויך אריין אסתר מיט נחמנען.

— מיר וועלן נישט פאָרן מיטן טראמוואי, מיר וועלן בעסער גיין צו פוס, האָט, אסתר, געזאָגט צו נחמנען — ביסט דאָך שוין באלד א תושב, דאָ אין בוקארעשט, גייסט דאָך שוין מאָרגן ארבעטן, דארפסטו זיך באקענען מיט דער שטאָט. און אזוי גייענדיק און ריידנדיק צווישן זיך, זענען זיי אָנגעקומען אין צענטער פון שטאָט און האָבן זיך גע־לאָזט גיין אויפן בולוואר צום פארק. אריינקומענדיק אין פארק האָט אויף זיי א שלאָג געטון א רויזן־פארפום און א רוח פון אלערליי מינים בלומען וואָס דער ווינט האָט זיי געבראכט צו טראָגן. דער

שטאָט־גאָרטן איז געווען אין פולן בלי. דיביימער, זענען געשטאַנען צעוואַקסענע אין די אַלייען, און האָבן זיך לייכט געוויגט, מיט זייער רייך אין ניואַנסן שימערירנדיקער פאַרשיידנאַרטיקער גרינקייט, די בלומען־בייטן, זענען זיך געלעגן אויסגעשפּרייט קעגן דער גלעטנדיקער וואַרעמקייט פון דער זון, פאַרכאַפנדיק דאָס אויג, מיט זייער פאַרבן־רייכקייט, און זייערע ריחות, האָבן זיך געפילט אויף יעדן שריט און טריט. צוקומענדיק צו דער בריק וואָס איבערן טייך, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און געקוקט אויף די שווימענדיקע שיפלעך אין וועלכע ס'זענען געזעסן פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך געשיפט, אויפן גלאַנצענדיקן געפּאלדרעוועטן טייך, און פון וועלכע ס'האָט אַלעמאָל אָפּגעקלינגען מיט אַ הילכיקן פריילעכען געלעכטער. ביי די ברעגעס, האָבן פּאַמעלעך געשווימען צוויי ווייסע שוואַנען, וועלכע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ אין וואַסער און דערנאָך זיי אויפגעהויבן אָפּטרייסלענדיק אין דער לופט זייערע רויטע שנאָבלען, און אָפּווישנדיק זיי אין די שניי־ווייסע פעדערן. ניט ווייט פונעם ברעג, אויפן טונקעל־גרינעם גראָז, האָט זיך ארומשפּאַצירט אַ שטאָלצע פּאַווע, מיט אירע פיל־פאַרביקע פעדערן, וועלכע זי האָט צעשפּרייט ווי אַ וואונדערשיינעם פאָכער.

שווייגנדיקע, זענען זיי ביידע געשטאַנען פאַרגאַפטע, פון דער אַרומיקער שיינקייט. דערנאָך זענען זיי אַוועק אין אַ זייטיקער אַלייע, האָבן אָפּגעזוכט אַ פרייע באַנק, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ רייך פאַרצווייגטן קאַשטאַנען־בוים און האָבן זיך צוגעזעצט.

אסתר האָט איבערגעריסן די שטילקייט פי'ן אַרום, און געזאָגט:

דערציייל מיר עפּעס, פונעם לעבן אין דיין שטעטל, וויאַזוי האָסטו דאָרטן פאַרבראַכט די צייט, און מיט וועמען האָסטו זיך דאָרטן געחברט?

נחמן, האָט איר דערציילט פון דעם מאָנאָטאָנעם לעבן אין שטעטל. אַז דעם גאַנצן טאָג, האָט ער געאַרבעט ביי זיין באַלעבאָס, אין דער שלאָסעריי, און אין דער פרייער צייט, האָט ער געלייענט אַלץ וואָס עס איז געקומען אין דער האַנט. חברים האָט ער געהאַט ווייניק. די רייכע קינדער. זענען געווען פּוסטע־פּאַסטניקעס, די אָרעמע האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט ביי פאַרשידענע מלאָכות, און די באַלעבאַטים, האָבן זיי אַרויסגעצויגן די קליי פון דעם ביינער. די יוגנט, איז זיך אַמייסטן צעפאָרן אין אַלע עקן וועלט. דער בעסטער חבר זיינער,

איסאק ניימאַן, פון וועלכן, ער האָט א סך געלערנט, געפינט זיך שוין א צייט אין ביקאַרעשט. ער אַרבעט אין א מעבל־פאַבריק. איסאק האָט אים אויפגעקלערט צו דער ריכטיקער צייט. ער האָט דעמלט געאַרבעט ביי זיין באַלעבאָס 15—16 שעה אין טאָג, און נאָך פסח, האָט דער באַלעבאָס אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, ווייל די פּאָליציי האָט אים מודיע געווען, אז ער, נחמן, העצט די פּויערים פון אַרום, וואָס קומען אין דער שלאָסעריי.

אסתר, האָט אויסגעהערט מיט אינטערעס, אלץ וואָס נחמן, האָט דערציילט. און געזאָגט:

איצטער, אז איך זע פאַר מיר, די דאָזיקע נאַטור־שיינקייט, איז מיר א פאַרדראָס, פאַרוואָס איך האָב דאָס נישט באַמערקט אין מיין קינדהייט. אט האָסטו מיר דערציילט, פון דיין לעבן אינעם שטעטל. אמת, דאָס לעבן איז געווען אָרעם, מאָנאָטאָן, אָבער, האָסט אויך געהאט מאָמענטן פון פרייד, ווען ביסט אַרום אויף די פרייע שיינע לאָנקעס, האָסט הנאה געהאט פון די ליבלעך וואַרעמע זומער פאַרנאַכטן און פון דעם קאָלירפולן זונאונטערגאַנג, אָבער איך האָב כמעט קיין קינדהייט נישט געהאט. מיין פאָטער איז געפאַלן אין דער וועלט־מלחמה, ווען איך בין נאָך געווען א קינד, מיר זענען געבליבן אליין אויף גאָט־וועלט, אָן א שום אָנשפאַר. די מאַמע האָט שווער געהאָרעוועט, צו פאַרדינען אויף חיונה, און אהיימקומענדיק פון דער שול־ האָב איך געמוזט צו העלפן צו דער אַרבעט, אז איך האָב געענדיקט די פרימאַר־שול, האָט מיר די מאַמע געגעבן לערנען א מלאָכה. איך האָב מיך גענוג אָנגעפלאַגט, ביז איך האָב אויסגעלערנט דאָס פאַך. אָבער יעדע פרייע צייט, האָב איך אויסגענוצט צו לייענען ביכער, די ביכער, זענען געווען מיינע בעסטע פריינט. זיי האָבן מיר געעפנט די אויגן, אז ס'זענען פאַראַן צוויי וועלטן; איינע אן אָרעמע, וואָס פּלאָגט זיך שווער און ביטער, פאַר דעם שטיקל ברויט, און וואָס האָט דאָס צומאָל אויך נישט, און א צווייטע וועלט, א רייכע, א זאַטע, וואָס לעבט אין לוקסוס און אין רייכטום אויפן חשבון פון די וואָס אַרבעטן.

איך בין געוואויר געוואָרן, אז די גערודפטע און געפּלאָגטע, פירן א קאַמף זיך צו באַפרייען פון די אונטערדריקער זייערע, און אז די רייכע, וועגן אָן אלע מיטלען, אויפצוהאלטן אויך ווייטער דעם דאָזיקן לעבנסשטייגער. איך האָב מיך באַקענט מיט א סך חברטעס און

חברים, איך בין צוגעשטאַנען צו זיי, און האָב מיך אָנגעשלאָסן אין זייערע רייען.

נחמן, איז געזעסן די גאנצע צייט, און זיך צוגעהערט צו אירע רייד, מיט גרויס נייגיר. אים האָט זיך געדאכט, אַז איצטער, האָט ער געפונען דאָס, צו וועלכן ער האָט שוין לאנג געגארט, און נאָך וועלכן זיין נשמה האָט געבענקט, ווען ער איז נאָך געווען אין דעם שטעטל, און האָט געזאָגט צו אסתרן.

— איך בעט דיך, זאָלסט מיך אויך פירן, אויף דעם דאָזיקן וועג, אויף וועלכן דו גייסט, ווייל איך פיל, אַז דער דאָזיקער וועג, וועט באלויכטן מיין נשמה.

פירנדיק אזוי דעם דאָזיקן שמועס, האָבן זיי אפילו נישט באמערקט, אַז ס'איז שוין צוגעפאלן די נאכט. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן שוין לאנג געברענט, און דער הימל איז געווען פארזייעט מיט אָן אַ צאָל גרויסע און קליינע שטערן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער. די לופט איז געווען קיל. אַ לייכט פרילינג-ווינטל האָט געבלאָזן און זיי געגלעט די פּנימער.

זיי זענען ארויס פונעם שטאָט-גאָרטן. און זענען ווידער אריין אין דעם געדיכטן מענטשן-שטראָם און האָבן זיך געלאָזט גיין אהיים.

נחמן איז געגאנגען אַ שווייגנדיקער, אַ פארטראכטער, און געקוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן אין דער ווייטער וועלט אריין. אסתר, איז געגאנגען ביי דער זייט, און האָט פון צייט צו צייט, געוואָרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק. זי איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס עס קומט פאָר איצט, אין זיין צעשטורעמטער, אויפגעבראוזטער נשמה.

קומענדיק אהיים, האָט זיי די מומע אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך-הבא:

ווי זענט איר עס ערגעץ פארפאלן געוואָרן, אויף אַ גאנצן טאָג? מאלע גייט מען עס אוועק. איר האָט שוין גאָר פארגעסן אהיים צו קומען.

— זייט נישט ברוגז מומע, האָט נחמן געענטפערט. מיר האָבן אַ־ומשפּאצירט. אסתר האָט מיר געוויזן די שטאָט, מיר זענען געווען אין פּארק. אַ שיינע שטאָט. ס'איז גוט צו לעבן, אין אזא גרויסער שיינער שטאָט.

די מומע האָט אויף אים געקוקט א פאַרחידושטע, און ביי זיך געטראַכט: וואָס איז דער יאָלד, אַזוי שנעל נתפעל געוואָרן, פון דער שטאָט! וואָס האָט ער שוין דערזען אויף איר! און וועלנדיק ביי אים דערגיין, מיט וואָס די שטאָט האָט ביי אים אַזוי שטאַרק אויסגענומען האָט זי א זאָג געטאָן:

אָט האָסטו דיר, ער איז שוין פאַרטיק. וואַרט א ביסל, האָסט נאָך צייט, וועסט נאָך דאָ גענוג פאַרשוואַרצט ווערן. ער האָט נאָך נישט געפּאַקט און נישט געמאָלט, און דער קאָפּ פליט אים שוין אין די עולמות.

מומע, האָט איר נחמן געענטפערט, אין אַזא שיינער שטאָט, איז כדאי צו פּאָקן און צו מאָלען.

זעענדיק, אַז זי וועט ביי אים נישט דערגיין קיין מאָלק, האָט די מומע זיך געווענדט צו אסתר'ן:

— זאָג נאָר, אסתר! וואָס איז מיט אים געשען? וואָס האָט ער דערזען? אפשר האָט ער שוין גאָר אויסגענעמען אויף דער לאָטעריי!

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, מאַמע, האָט איר אסתר געענטפערט, מיט א שמייכל, — מען קומט אַראָפּ פון דעם פּראָווינץ, און מען דערזעט צום ערשטן מאָל א שטאָט, מיט אַזעלכע גרויסע מויערן, עלעקטריקע, מיט א שטאָט-גאָרטן און אַזויפיל מענטשן, ווערט מען א ביסל נתפעל.

ביים עסן, האָט זיך געפירט א שמועס וועגן, נחמנס, גיין מאָרגן צו דער אַרבעט. ער האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיץ ביכל און איבערגעלייענט: פאַבריק "זעבראַ", סטראַדאַ אינקלינאַטאַ, 18.

— יאָ, האָט די מומע געזאָגט, איך קען די פאַבריק, איך בין א סך מאָל דאָרטן געווען, איך פלעג גייען וועש פאַר די באַאַמטע. אָבער איך ווייס נישט, וואָס פאַר אן אַרבעט, ער קאָן קריגן אין דער דאָזיקער פאַרבן-פאַבריק.

— עס מאַכט נישט אויס, האָט נחמן געענטפערט, איך וועל אַרבעטן ביי וואָס ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

די מומע, האָט געטאָן א זיפץ, און איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט גענומען אָפּראָמען פונעם טיש. נחמן האָט א זאָג געטאָן א גוטע נאַכט און איז אַריין צו זיך אין צימער.

מאָנטיק, גאַנץ קאַיאָר, איז נחמן שוין געווען אויף די פיס. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, און זיך געלאָזט גיין, צו דער פאַבריק „זעבראַ".

אַנקומענדיק אהין, איז דער טויער נאָך געווען פארמאכט, אָבער ער האָט שוין דאָרט געטראָפן שטיין עטלעכע ארבעטער, וואָס זענען אויך געקומען זוכן ארבעט, און וואָס האָבן געוואַרט ביים טויער. נחמן האָט זיך מיט זיי נעגריסט, זיך געשטעלט אין דער ריי, און זיך צו־געהערט צו דעם וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט.

— איך האָב שוין אמאָל דאָ געארבעט, האָט איינער געזאָגט, די ארבעט איז נישט אזא לייכטע. די פאבריק פירט אָן דעם אייגענטי־מערס אן איידעם, וועלכער איז נישט קיין גרויסער דימענט פון א מענטש.

— זיי זענען אלע גלייך, שאנדרע־באנדרע, האָט געענטפערט א צווייטער.

נאָך אומגעפער, א האלבע שעה צייט, איז אָנגעלאָפן אן אויטאָ. דער טויער האָט זיך געעפנט, דער אויטאָ איז אריינגעפאָרן אין הויף, און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער געביידע פון רעכטס. פונעם מאשין איז ארויסגעקומען איינער א הויכער פארשוין, אן אלטער מאן, מיט א קאָפּ שניי־ווייסע האָר, דערנאָך איז ארויס א צווייטער, א שיין געבויטער יונגערמאן מיט א פּאָר גרויסע ברילן אויף דער נאָז.

נחמן האָט זיך משער געווען, אז דאָס איז מן הסתם, דער באלע־באָס פון דער פאבריק מיט זיין איידעם.

באלד, האָט זיך געעפנט די טיר פונעם ביוראָ, און דער דינער האָט זיי אריינגעלאָזט איינציקווייז. ס'איז געקומען נחמנס ריי. ער איז אריין אין ביוראָ. ביי א גרויסן שרייבטיש, איז געזעסן דער יונגערמאן מיט די ברילן. דורך דער אָפענער טיר, פונעם צווייטן צימער האָט ער געזען זיצן, אין א טיפן ווייכן פאָטעל, דעם באלעבאָס פון דער פאבריק, וואָס האָט דורכגעקוקט די פאָסט. ער האָט אוועקגעלייגט די בריוו אויפן שרייבטיש, אריין געשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשע־נעס, זיך געלאָזט אריינגיין צום איידעם און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. דער יונגערמאן מיט די ברילן, האָט אויסגעפרעגט נחמנען, פון וואנען ער איז, וויאזוי ער הייסט, און צי ער איז איינגעשריבן אין סינדיקאט. נחמן האָט געענטפערט אז ער איז ערשט פריער מיט א פּאָר טעג, געקומען אהער, פון דער מאָלדאָווע. דער יונגערמאן מיט די ברילן, האָט זיך איבערגעקוקט מיטן אלטן, וואָס איז געשטאנען אויף דער שוועל און א זאָג געטון:

— גוט, קענסט בלייבן ארבעטן.

— איך בלייב, האָט נחמן געענטפערט, אָבער זאָגט מיר איך בעט אייך, וואָס וועל איך ביי אייך קריגן פאַר א טאָג ארבעט.

— וואָס איילסטו זיך אזוי? ווערסט קודם ארבעטן א פאָר טעג, וועלן מיר זען צוערשט, וויאזוי די ארבעטסט, דערנאָך וועט מען דיר באַשטימען דעם לוין. ער האָט א דרוק געטאָן אויף א בוטאָן, און ס'איז אריינגעקומען דער דינער. דער יונגערמאן מיט די ברילן, האָט געהייסן אריינפירן נחמנען אין פאבריק, און זאָגן, מען זאָל אים שטעלן צו דער ארבעט.

דער דינער מיט נחמנען זענען אריין אין פאָרהויז פון פאבריק. ביי דער טיר איז געזעסן א נידעריקער פארשוין, מיט שפיציקע גרויע אויגעלעך, מיט אן אויסגעפרעסן פנים, מיט פארדרייטע בלאָנדע וואָנצעס און מיט א פליך אויפן קאָפּ.

— הער קארל, האָט דער דינער געזאָגט, פירט אריין דעם דאָזיקן מענטשן, צו דער ארבעט.

נישט ארויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט קארל אריינגעפירט נחמנען, אין א גרויסער פאבריק־האַלע, אין וועלכער ס'זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט א רייע מאשינען וועלכע האָבן אָנגעמאַכט א גרויסן רעש די לופט איז געווען אָנגעפולט מיט א געדיכטן און אלערליי קאָלירנדיקן שטויב, פון די פארבן וואָס די מאשינען האָבן געמאָלן. אזוי אז איינער האָט קוים געזען דעם צווייטן.

קארל האָט איבערגעגעבן נחמנען, צום מייסטער, וועלכער האָט אים צוגעפירט צו א מאשין, און אים געגעבן די נויטיקע אינסטרוקציעס צו דער ארבעט. אים געלערנט וויאזוי צו לאָזן די מאשין אין גאנג, און וויאזוי זי אָפּצושטעלן. ער האָט אים אָנגעוויזן, א הויפן קאָלירטע הרודעס, וואָס ער דארף יעדעסמאָל אריינגעבן אין דער מאשין, און ווען דער זאַק וואָס הענגט ביי דער עפענונג פון דער מאשין, ווערט פול, מיט דער צעמאָלענער פארב, זאָל ער אים אוועקשטעלן ביי דער זייט, און שנעל צוטשעפּען אן אנדערן, א ליידיקן.

דער גערויש פון די מאשינען האָט נחמנען אזוי פארטומלט, אז ער האָט נישט געוווּסט, אויף וואָס פאַר א וועלט, ער געפינט זיך. דער פאַרביקער שטויב פון דער מאשין האָט זיך אים איינגעגעסן אין די אויגן, אין דער נאָז, און אין האַרצן. ער האָט כסדר געפינטלט מיט די אויגן, אין דער נאָז האָט אים געקיצלט, אין האַרצן האָט אים גע־

שטיקט, און ער האָט געהאלטן אין איין גיסן. און דאָ, האָט ער נאָך געדארפט זיין פאָרזיכטיק, די מאשין זאָל אים נישט ארייננכאפן א פינגער, צווישן די ציינער, ביים צוטשעפען אָדער ביים אויסגלייכן דעם זאק.

די ארבעטס־צייט האָט זיך געצויגן פאמעלעך. יעדע רגע, האָט אים אויסגעוויזן א שעה. די ארבעט האָט אים געמאטערט, און ער האָט כסדר געווישט מיטן ארבל, דעם שוויס פונעם פנים, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן קאָלירנדיקן שטויב. ערשט איצט, האָט ער באַמערקט, אז א טייל ארבעטער וועלכע שטייען ווי ער, ביי די מאשינען, טראָגן אויף זייערע פנימער מאסקעס, וואָס זיי האָבן זיך אליין געמאכט, כדי דער שטויב זאָל זיי וואָס ווייניקער דערקוטשען. נחמן, האָט זיך געקלאָגט פאר זיין שכן, אז די אויגן שמארצן אים, און אז ער פילט זיך אויסגעמאטערט.

— ווען ס׳זאָל זיין דאָ אין פאבריק א סיסטעמאטישע ווענטילאציע, וואָלט מען געקענט אָטעמען און ארבעטן אין מענטשלעכע באדינגונגען, האָט אים דער שכן געענטפערט.

נחמען, איז דורכגעפלויגן א געדאנק אין מוח, ער זאָל אלץ איבערלאָזן און אנטלויפן פון דאנען, אבער אין דעם מאָמענט, האָט ער זיך דערמאנט אין אסתרן, און געטראכט, וואָס וועט זי זאָגן דערצו?

זי וועט אים אוודאי באשולדיקן, אז ער האָט נישט געהאט גענוג אויסדויער. ער האָט פארטריבן פון זיך, דעם דאָזיקן געדאנק, און האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות, און זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט.

ס׳האָט זיך דערהערט דאָס סירענע־פייפן פון מיטאָג־צייט. די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די ארבעטער האָבן זיך ארומגעוואשן, און יעדער פון זיי, האָט אויפגעבינדן זיין בינטל עסן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראכט פון דער היים, און זיך אוועקגעזעצט עסן. נחמנען איז גאָר ארויס פונעם קאָפּ, אז ער האָט זיך געדארפט מיטברענגען עסן. ער איז אזוי געשטאנען א פארטראכטער, און נישט געוווסט וואָס צו טון. אין דער רגע, איז צו אים צוגעקומען א יונגערמאן, מיט שווארצע האָר, און שווארצע אויגן, און שמייכלענדיק, האָט ער אים א פרעג געטון:

— איר ארבעט דאָ צום ערשטן מאָל?

— יאָ, האָט נחמן געענטפערט. איך בין ערשט עטלעכע טאָג אין בוקארעשט. איך האָב נישט געוווסט אויף זיכער, אז איך וועל דאָ היינט פארבלייבן ארבעטן, און האָב מיר נישט מיטגעבראכט עסן פון שטאָט. איך וועל שוין מוזן אָפּארבעטן דעם נאָכמיטאָג א הונגעריקער.

— איך בין אויך פון דער מאָלדאָווע, פון באקוי בין איך, מיין נאָמען איז סאָלאָמאָן. איך בין א מעכאניקער, און ארבעט דאָ אין דער צווייטער האלע, אין דער מעטאל־אמבאלאזש אָפּטיילונג. און וויאזוי הייסט איר? און וואָס זענט איר פונעם פאך?

— מיין נאָמען איז נחמן, און פונעם פאך בין איך א שלאָסער.

— אזוי, א שלאָסער! ס׳דארף אייך זיין שווער צו ארבעטן אין דעם שטויב, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער. אפשר, וועל איך אייך קענען אריינעמען די קומענדיקע וואָך, אין מיין סעקציע, וואָלט איר פטור געוואָרן פון דעם שטויב, וואָס עסט אויף די לונגען, ווייל קיין סך צייט וועט איר דאָרט נישט קענען ארבעטן.

— איך וואָלט אייך דערפאר זייער דאנקבאר געווען, ווייל אויב נישט, ווייס איך נישט, צו איך וועל דאָ קענען פארבלייבן ארבעטן.

— נו, מיר וועלן זען, וואָס ס׳איז צו טון, האָט סאָלאָמאָן געזאָגט. איר דארפט דערווייל נישט שטיין דאָ א הונגעריקער, קומט וועט איר עסן מיט מיר צוזאמען, איך האָב עסן פאר אייך אויך.

נאָכן עסן האָט נחמן זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס ער האָט דאָ געפונען א נאָענטן מענטשן.

ארום זעקס א זייגער, האָט זיך ווידער געהערט פייפן די סירענע. די ארבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די מאשינען. זיי האָבן זיך שנעל ארומגעוואשן און זיך געלאָזט גיין אהיים. ביים טויער האָט זיך נחמן ווידער געטראָפן מיט סאָלאָמאָן, און זיי זענען אהיים געגאנגען צוזאמען. אויפן וועג, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט וועגן דער פאבריק, וועגן דער ארבעט. וועגן די באלעבאטים, דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט, ווי אלטע באקאנטע, און יעדער איז זיך געגאנגען זיין וועג.

אז, נחמן, איז אהיימגעקומען, איז אים די מומע, באפאלן מיט אַן א שיעור שאלות: צי מ׳האָט אים טאקע דאָרט פארהאלטן צו דער ארבעט, און ביי וואָס פאר אן ארבעט, וואָס פאר א שכירות ער קריגט און ווו ער האָט געגעסן מיטאָג. נחמן האָט איר אויף אלעמען געענטפערט. אז זי האָט דערהערט, אז א באקאנטער האָט זיך מיט

אים געטיילט מיטן עסן, האָט זי א פּאַטש געטון מיט די הענט און געזאָגט:

— א ווייטיק איז מיר, רבונו של עולם, וואָס פאר א נארישע יידענע איך בין. איך האָב באראכט פארשטיין, אז דו וועסט נישט האָבן דאָרט וואָס צו עסן. מאָרגן, וועל איך דיר שוין עפּעס צוגרייטן, און אזוי רייידנדיק איז אָנגעקומען אסתר. זי האָט אים אויסגעפרעגט וועגן דער פאבריק, וויפל ארבעטער, ס'זענען דאָרט פאראן, וויפל שעה מען ארבעט. נחמן, האָט איר אויף אלעמען געענטפערט, און ער האָט איר אויך דערציילט, אין וואָסערע שלעכטע באַדינגונגען, מען ארבעט, אין דער אָפּטיילונג וווּ ער איז, און אז דער שטויב איז דאָרט אומדערטרעגלעך.

— איך ווייס אלץ, האָט אסתר געזאָגט. נישט איינמאָל האָט מען וועגן דעם גערעדט אין סינדיקאט. די מאַשינען זענען אלטע. ס'איז נישט פאראן קיין סיסטעמאטישער ווענטילאציע־סיסטעם און אז בכלל זאָרגן זיך די באלעבאטים גאר ווייניק וועגן די ארבעטער.

אין משך פון דער וואָך, האָט זיך נחמן באקאנט, אויך מיט אנדערע ארבעטער, און כמעט יעדער פון זיי. האָט זיך געהאט צו באַקלאָגן, וועגן די שווערקייטן, וואָס זיי האָבן ביי דער ארבעט, און וואָס קיינער נעמט זיי נישט אין אַכט.

אין א טאָג, האָט ער זיך נאָכאמאָל באַגעגנט מיט סאַלאָמאָנען, וועלכער האָט אים דערציילט, אז ער האָט שוין גערעדט מיט זיין שעף, ער זאָל אים אריבערנעמען אין זיין סעקציע, אָבער ס'גייט נישט אזוי לייכט, עס מוז נאָך א ביסל געדויערן. סאַלאָמאָן, האָט אים אויך דערציילט, אז אין זיין אָפּטיילונג, זענען אויך פאראן גענוג שווערקייטן. אָט ארבעט ער צומאָל, ביים שוויים־אפאראט, ביי וועלכן, דער ווענטיל איז קאַליע, דער גענעראַטאָר איז פארזשאַווערט, דער אפּאַראַט קען עקספּלאָדירן, און אז ער איז איינגעשטעלט מיטן לעבן. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געמאָלדן אין ביוראָ, אז מען דאַרף האָבן א נייעם שוויים־אפאראט. אָבער דער באַלעבאָס לייגט אלץ אָפּ פון היינט אויף מאָרגן. נחמן זאָל האָבן א ביסל געדולד, ביז עס וועט געלונגען, אים איבערצופירן אין זיין אָפּטיילונג, ווו די ארבעט איז א מער שבלדיקע, און זי ווערט אויך בעסער באַצאָלט.

אָן אומגעדולדיקער, האָט נחמן געוואַרט אויפן שבתדיקן טאָג, ווען ער וועט באקומען דעם לוין, פאר א וואָך ארבעט, אין פאבריק. ער איז

געווען נייגעריק צו וויסן, אויב דאָס געלט וועט אים קלעקן, אויף עסן און דירה־געלט.

שבת אינדערפרי איז נחמן אויפגעשטאַנען א פרייליכער, א מונ־טערער, און איז אוועק צו דער אַרבעט. דער פרימאָרגן איז געווען א שיינער, א לויטערער. די זון, א גרויסע, א רויטע און קיילעכדיקע האָט בהרחבֿהדיק צעשפּרייט אירע שטראַלן אויף די דעכער, אויף די הייזער, אויף די מענטשן און אויף אַלץ וואָס זי האָט נאָר באַגעגנט אין וועג.

ווען נחמן איז צוגעקומען צו דער פאַבריק, איז דער טויער נאָך געווען צוגעשלאָסן. ער האָט אַרויסגענומען א צייטונג פון דער קעשענע און האָט געלייענט די לעצטע ידיעות. באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די אַנדערע אַרבעטער און אַרבעטערנס. פון דער ווייטן האָט נחמן דערזען אָנקומען סאָלאָמאָנען. ער איז אים אַקעגן געגאַנגען און אים געדריקט די האַנט.

סאָלאָמאָן, האָט אים דערציילט, אַז ער איז אומרויִק, ווייל זיין דריי־יאָריק טעכטערל, איז נישט געזונט. זי ליגט אין איין היץ, ער ווייסט נישט וואָס עס איז איר, אַז תיכּף נאָך דער אַרבעט, וועט ער אַהיים גיין, און אויב דאָס קינד וועט זיך נישט פילן בעסער, וועט ער רופן א דאָקטאָר.

די סירענע האָט אָנגעהויבן פייפן, דער טויער האָט זיך געעפנט, די אַרבעטער זענען אַריין איינציקווייז, זיי האָבן פּונקטירט די קאַרטן ביים זייגער, און זענען זיך צוגאַנגען יעדער איינער אין זיין אָפּ־טיילונג.

די מאַשינען האָבן זיך געלאָזט אין גאַנג און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

נחמן, איז געשטאַנען ביי דער מאַשין, און געקוקט, ווי די צעמאַ־לענע פאַרב, שיט זיך דורך דער עפנונג, אין זאַק אַריין. דער שטויב, האָט ווידער אָנגעפילט די לופט, און דורך די זון־שטראַלן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגאָסן דורך די פענסטער, האָט דער פאַרביקער שטויב אויסגעוויזן ווי א רעגן־בויגן.

נחמנען, האָט דער שטויב, ווידעראַמאָל אָנגעהויבן שטיקן, אין האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן הוסטן. ער האָט געטרינקען א ביסל וואַסער, עס איז אים לייכטער געוואָרן, און ער איז ווידער געשטאַנען אויפמערקזאַם ביי דער מאַשין.

ס'זענען אזוי פארגאנגען א פאָר שעה, און פלוצעם האָט זיך דערהערט א פארטויבנדיקער קנאַל, ווי א דונער, פון דער מעטאל־אמבאלאזש־סעקציע. אלע ארבעטער פון די אנדערע אָפּטיילונגען האָבן אָפּגעשטעלט די מאשינען, און געלאָפן זען, וואָס דאָרט איז געשען.

די לופט פונעם זאל איז געווען אָנגעפולט מיט א געל־גרויען נעפל. אויף דער ערד איז געלעגן סאָלאָמאָן און האָט געקרעכצט. פונעם שטערן האָט אים גערונען בלוט. אייניקע ארבעטער האָבן זיך געפּאָרעט ארום אים און געשריגן: א דאָקטער! ברענגט שנעל א דאָקטער! ער אָטעמט נאָך. איין ארבעטער, פון דער אָפּטיילונג האָט דערקלערט, אז סאָלאָמאָן האָט געארבעט מיטן שוויים־אפאראט, ווי שטענדיק, און גאָר פלוצעם, האָט דער אפאראט עקספּלאָדירט, און סאָלאָמאָן איז אנידער געפאלן.

פונעם ביורא האָט מען טעלעפאָנירט נאָכן פאבריק־דאָקטער. דערווייל האָט אן ארבעטער געבראכט א פריוואט־דאָקטער, סאָלאָמאָן, איז געלעגן אין א באוווסטלאָזן צושטאנד. ער האָט נאָך א פּאָר מאָל א קרעכץ געטון און איז געבליבן ליגן אומבאוועגלעך. דער דאָקטער האָט אים געהאלטן דעם פולס, א מאך געטון מיט דער האנט, און געזאָגט, אז ער קאָן שוין גארנישט העלפן, און איז אוועק.

די ארבעטער, וואָס האָבן סאָלאָמאָנען, ליב געהאט, פאר זיין פריינטלעכקייט און איבערגעבנקייט, זענען געשטאנען ווי פארטומלט. זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די ערטער, צו גיין צוריק צו דער ארבעט. נחמן, איז געשטאנען און געקוקט אויף סאָלאָמאָנען, און פון זיינע אויגן זענען גערונען טרערן. ער האָט געטראכט וועגן דעם פריינטלעכן שמועס, וואָס ער האָט געהאט מיט אים היינט אינדערפרי,ביים טויער, און ווי אומרויק סאָלאָמאָן, איז געווען וועגן זיין קראנק קינד.

מען וואָלט באדארפט אויסגעפונען די סבה, פארוואָס דער שוויים־אפאראט האָט עקספּלאָדירט, האָט זיך אָנגערופן גרינגאָרע, אן ארבעטער פון דער מעטאל־אמבאלאזש סעקציע.

— די סבה איז א קלאָרע, האָט נחמן געענטפערט. ערשט צוריק מיט א פאָר טעג, האָט זיך פאר מיר סאָלאָמאָן, געקלאָגט, אז דער ווענטיל פונעם אפאראט איז קאַליע, דער געגעראַטאָר איז פארזשאווערט, אז דער אפאראט קען יעדן מאָמענט עקספּלאָדירן, און, אז ער

האָט שוין וועגן דעם, עטלעכע מאָל געערדט אין ביורא, אז מען דארף קויפן א נייעם שווייס־אפּאראט, אָבער דער באַלעבאָס, האָט אַלץ אָפּגעלייגט פון היינט אויף מאָרגן, און איצט האָט סאָלאָמאָן באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן.

פון אונטער נחמנס פּלייצעס, איז אויסגעוואַקסן קאַרל, דער מיט די שפּיציקע אייגעלעך. ער האָט זיך ארויסגערוקט פון פאָרנט, און געזאָגט צו נחמנען:

— זייט וועט ביסטו עס געוואָרן אזא גרויסער ווייסער? ער ארבעט סך־הכל אין פאבריק א פּאָר טעג, און איז שוין געוואָרן א גאנצער אינזשעניר. ער ווייסט שוין בעסער פון דעם פאבריק־אינזשעניר וואָס האָט נאָר וואָס דערקלערט אין ביורא, אז דער שווייס־אפּאראט האָט עקספּלאָדירט, דורך סאָלאָמאָנס אומפאָרזיכטיקייט. די הענט זיינע זענען געווען אויסגעשמירט מיט אייל, און איז אומגעגאנגען מיט די אויסגעשמירטע הענט פון ווענטיל ביים אייל, און יעדער אייגער ווייסט, אז ווען דער זויער־שטאָף קומט אין קאָנטאַקט מיטן אייל, געשעט אן עקספּלאָזיע. אין סאָלאָמאָנס טויט, איז נישט שולדיק קיין אנדערער, ווי נאָר ער אליין.

אָפּזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז קארל פארשוווּנדן געוואָרן. און מען האָט נישט געזען ווי ער איז אהין געקומען. די ארבעטער וואָס זענען געשטאַנען דערביי, האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן, און האָבן געשוויגן. בלויז גריגאָרע האָט געזאָגט צו נחמנען:

— דו האָסט דיך געדארפט היטן, און נישט רעדן פאר אים אין די אויגן. ער איז דעם באַלעבאָס מענטש. אַלץ וואָס ער הערט רעדן, צווישן די ארבעטער, גייט ער אָפּדערציילן.

צווישן דעם בלעך און אייזן, וואָס איז געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דער ערד, האָט נחמן גענומען זוכן דעם ווענטיל, פונעם שווייס־אפּאראט. אז ער האָט אים דערזען, האָט ער, נישט באמערקט פון קיינעם, אים אויפגעהויבן, און אים ארייגעלייגט אין קעשענע, און געטראַכט, אז אפשר וועט ער אים שפּעטער צונוץ קומען.

נאָך א פּאָר מינוט, האָט זיך געעפנט די טיר, און ס'איז אריינגעקומען דער יונגערמאן מיט די ברילן און האָט זיך צעשריגן:

— וואָס שטייט איר דאָ, און קוקט ווי אויף א חתונה? פארוואָס גייט איר נישט צו אייער ארבעט! ס'איז געווען באשערט אן אומגליק,

האָט עס אים געטראָפֿן. דאָס אומגליק האָט אים געקענט טרעפֿן אין דערהיים, אויפֿן וועג. ס'האָט אים געקענט איבערפֿאָרן אַן אויטאָ אָדער אַ טראַמוואַי, וואָס קען מען טון.

די אַרבעטער זענען זיך צעגאַנגען. נחמן איז אויך צוריק געגאַנגען צו דער אַרבעט. די טיר צו דער מעטאַל-אַמבאַלאַזש סעקציע איז געבליבן אָפֿן.

נחמן, איז געווען אַזוי געריהרט פֿון סאָלאָמאָנס טויט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט נעמען ווידער צו דער אַרבעט. ער איז געשטאַנען און געקוקט דורך דער אָפֿענער טיר, אויף סאָלאָמאָנס טויטן קערפּער, וואָס איז געבליבן ליגן אויף דער ערד.

פֿונעם ביוראָ האָט מען טעלעפֿאָניש געמאָלדן דעם פּאַרקעט, וועגן דעם טויטפֿאַל און מען האָט געוואַרט אויפֿן פּראָקוראָר.

נאָך אַ קורצער צייט, האָט זיך געהערט אַ גערויש פֿון אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן ביוראָ. ס'איז געווען דער פּראָקוראָר. ער איז אַריין אין ביוראָ, געזעסן אַ ביסל מיטן באַלעבאָס און מיטן איירעם. דערנאָך זענען אַלע דריי, אַריין, אין דער מעטאַל-אַמבאַלאַזש סעקציע. הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען קאַרל, און באַלד איז אויך אָנגעקומען דער פֿאַבריק-אינזשעניר.

דער פּראָקוראָר האָט אויסגעפֿרעגט וויאַזוי דאָס איז געשען. דער אינזשעניר, האָט דערקלערט, אַז דער שוויים-אַפּאַראַט איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג נאָך סאָלאָמאָן, איז געווען אַן אַמפּאַרזיכטיק, און האָט מיט אייסגעשמירטע הענט פֿון אייל, אויפֿגעשרויפֿט דעם ווענטיל, און ס'איז קלאָר, אַז דערפֿאַר איז געשען דער אומגליק. קאַרל האָט באַשטעטיקט, אַז ער אַליין איז געשטאַנען דערביי, און האָט דאָס צוגעזען מיט די אייגענע אויגן.

דער פּראָקוראָר האָט אַלץ אויסגעהערט און פֿאַרשריבן; צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אויף וועלכן אַלע האָבן זיך אונטערגעשריבן. און האָט געהייסן אָפּפֿירן דעם טויטן אין דער מאָרג. ער איז נאָך אַמאָל אַריין אין ביוראָ, וווּ די באַלעבאַטים האָבן אים מכבד געווען מיט פֿיינע ציגאַרן. וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, האָט קיינער נישט געוווּסט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער פּראָקוראָר איז אַרויסגעקומען, זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, און איז אַוועקגעפֿאָרן.

ס'איז אָנגעקומען דער מאַשין פון דער מאָרגע, אין וועלכן מ'האָט אַריינגעלייגט סאָלאָמאָנס טויטן קערפּער. קאַרל איז אויך מיטגעפאָרן, כדי ער זאָל דאָרט געבן די נויטיקע דערקלערונגען.

אין א שעה ארום, איז, קאַרל צוריקגעקומען. ער איז אַריין אין ביוראָ, און האָט איבערגעגעבן אז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג. ער איז אַרויסגעקומען פונעם ביוראָ, האָט זיך ארומגעדרייט אין הויף, ער האָט געגישטערט אין אַלע ווינקעלעך, אַריינגעקוקט אין אַלע סעקציעס און זיך צוגעהערט וואָס די ארבעטער רעדן צווישן זיך.

א שעה, פאַרן ענדיקן די ארבעט, איז אַריינגעקומען דער דינער, האָט געהייסן נחמנען אָפּשטעלן דעם מאַשין, און געזאָגט, אז מען רופט אים אין ביוראָ.

אַריינגעקומען אין ביוראָ, האָט אים דער יונגערמאַן, מיט די ברילן געפרעגט, מיט וואָס פאַר א רעכט, ער האָט זיך גענומען דערציילן פאַר די ארבעטער, אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה, וואָס איז נישט גע־שטויגן און נישט געפלויגן, אז דער אַפּאַראַט איז נישט געווען אין אָרדנונג, און צו גיט ער זיך אָפּ חשבון, וואָס ער האָט געטון. ער אַליין, א ייד, האָט נעהעצט די ארבעטער קעגן זיין באַלעבאָס, זיין ברויט־געבער וואָס איז אויך א ייד?

— איך האָב נישט דערציילט די ארבעטער קיין אויסגעטראַכטע מעשׂה, האָט נחמן געענטפערט, דאָס האָט מיר סאָלאָמאָן, אַליין דער־ציילט, צוריק מיט א פּאָר טעג, און אז יערער איינער, וואָס האָט געקענט סאָלאָמאָנען, ווייסט, אז ער איז געווען אַן אָרנטלעכער ארבעטער, און ס'איז א שאָד, וואָס ער איז אַן אומשולדיקער אומגעקומען, איבערלאָזנדיק א פרוי מיט א קינד. און בנוגע דעם, וואָס ער נחמן איז א ייד, און וואָס די באַלעבאַטים זענען צופעליק אויך יידן, ווייסט ער נישט, וואָס פאַר א שייכות, עס האָט, צו דעם וואָס ער האָט אויפגעדעקט פאַר די ארבעטער, די אמתע סבה פון סאָלאָמאָנס טויט. און אז דער באַלעבאָס זיינער, דער ברויט־געבער איז א ייד, פאַרוואָסזשע האָט ער נישט געהאַט קיין רחמנות אויף סאָלאָמאָנען, וואָס איז אויך געווען א ייד, און האָט נישט אָנגענומען די נויטיקע מאָסטיטלען, דער אומגליק זאָל נישט געשען? ניין, ביי אים איז נישט קיין חלוק א ייד, צי נישט א ייד, ווער ס'איז שולדיק, דעם דאַרף מען באַשטראָפן. איך וועל דאָס זאָגן פאַר יעדן איינעם, אפילו פאַרן פּראָקוראָר.

דערהערנדיק, די דאָזיקע ווערטער, איז דער יונגערמאַן מיט די ברילן רויט געוואָרן, אויפן פּנים ווי א בוראק. פאר כעס זענען אים די ברילן אראָפּגעפאלן פון דער נאָז, און ער האָט א געשריי געטון:

באָלשעוויק. ארויס פון דאנען. מיר וועלן זיך דאָ באגיין אָן דיר. ער האָט אים א וואָרף געטון, דעם קאָנווערט מיטן לוין, פאר דער וואָך ארבעט, און געזאָגט:

— טראָג זיך אָפּ פון דאנען וואָס שנעלער, דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין. וואָרעם אז נישט וועלן מיר דיך איבערגעבן דער פּאָליציי, פאר אויפהעצן די ארבעטער. און ער האָט באפוילן דעם דינער ער זאָל אים ארויסבאגלייטן ביז יענער זייט טויער.

ארויסקומענדיק פונעם ביוראָ, האָט נחמן דערזען פון ווייטן שטיין קארלען, מיט זיינע שפּיצעדיקע איינעלער, און מיט א כיטרע שמייכעלע אויף די ליפּן.

ביים פענצטער זענען געשטאנען דער שווער און דער איידעם און האָבן נאָכגעקוקט, אויב נחמן רעדט נישט מיט די ארבעטער. ווען נחמן איז שוין געווען פון יענער זייט טויער, האָט דער שווער א זאָג געטון:

— א שטיל וואסערל, גראָבט טיף.

— ווען נישט דאָס, וואָס מיר האָבן אינטערעס, ס'זאָל נישט ווערן קיין טומל, וואָלט איך אים געווען אָנגעלערנט. האָט געענטפערט דער איידעם. נאָר פארפאלן — ניי וויים, אז אזא איינער, וועט וואגן ארויסצוטרעטן אזוי חוצפּהדיק.

נחמן איז זיך געגאנגען פאמעלעך, אין געטראכט וועגן דעם אלעמען וואָס ער האָט איבערגעלעבט. ס'איז נאָך געווען פרי אהיים צו גיין, און פארבייגייענדיק א גרויסן שיינעם שטאָט-גאָרטן איז ער אריין זיך א ביסל אָפּרוען. ער האָט זיך פארקליבן אין א זייטיקער אלייע, זיך אנידערגעזעצט אויף א באנק, און געטראכט וואָס וועט אסתר זאָגן צו דעם אלעמען. נאָך א וואָך ארבעט, איז ער שוין ארבעטסלאָז, און דארף ווידער אמאָל אָנהויבן זוכן ארבעט. ער איז אָבער געווען זיכער, אז, אסתר וועט זיין איינשטימיק מיט אים, אז אזוי האָט ער געדארפט און געמוזט האנדלען. אנדערש האָט ער נישט געקענט. וויאזוי האָט ער געקענט פארשווייגן, אזא זאך, און נישט זאָגן די דאָזיקע נידערטרעכטיקע לייט, אליץ אין פּנים אריין, אין פארוואָס, זאָלן זיך

מאַכע די אַרבעטער נישט דערוויסן, די אמתע סבה, פון סאָלאָמאָנס טויט, אפשר זענען פאַראַן אויך אַנדערע אָפּטײלונגען ווי דאָס לעבן פון די אַרבעטער איז אין געפאַר, און די באַלעבאַטים מאַכן זיך נישט וויסנדיק, און נעמען נישט אָן די גויטיקע פאַרזיכערונגס־מיטלען. פאַרקערט, האָט ער זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף, ער האָט באַראַטן אָפּוואַרטן ביים טויער ווען די אַרבעטער וועלן אַהיים גיין, און זיי אויפקלערן אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען, וויאַזוי מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, כדי זיי זאָלן דערפון עפּעס לערנען. אָבער ער טרייסט זיך, אַז היינט איז דאָס נישט געווען מעגלעך. זיי האָבן אים אַלע געהיט ביים אַרויסגיין פון דער פאַבריק, און וואָלטן אים געוועהן איבערגעבן דער פּאָליציי, וועלכע איז אויך בלאָט מיט זיי. ער וועט נאָך זען וואָס ער האָט צו טון, ער וועט זוכן זיך צו באַקענען מיט אַ פּאָר באַקאַנטע אַרבעטער, פון דער פאַבריק, וועלכע האָבן זיך צו אים באַצויגן פריינטלעך. ער וועט אויך אויפזוכן סאָלאָמאָנס פרוי, און וועט איר אַלץ דערציילן. ער וועט זי ראָטן, זי זאָל אָנקלאָגן די באַלעבאַטים אין געריכט, און אים, נחמנען רופן פאַר אַן עדות. ער וועט נישט מורא האָבן און אַלץ דערציילן. ער וועט איר אויך זאָגן, וועגן דעם געפונענעם ווענטיל, כדי זי זאָל פאַרלאַנגען אַן עקספּערט. אויפדערנאַכט וועט ער זיך וועגן דעם באַראָטן מיט אסתּרן, זי פאַרשטייט זיך בעסער אויף אַזעלכע זאַכן. אָט האָט אים אָפּגעגליקט דאָס מזל, אַז ער האָט אָנגעטראָפן ביי זיין קומען קיין בוקאַרעשט צו אסתרן אין הויז. אסתר איז אַ ווויל מיידל, אַ קלוגע, אַ שיינע, אַ באַלעזנע, ווי גוט ער פילט זיך ווען זי רעדט מיט אים, און ער הערט זיך איין אין אירע קלוגע רייד. ווען זי קלערט אים אויף, פאַרשיידענע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אים געווען אינגאַנצן פרעמד ביז אַצינד. וויאַזוי זיי לייענען צוזאַמען, און רעדן צווישן זיך, וועגן דעם וואָס זיי האָבן געלייענט. דאָס הייסט זי רעדט, און ער הערט אויס. ווייל וואָס ווייסט, ער, און פאַרגלייך מיט איר? ביי וועמען האָט ער דאָס אַלץ געקענט לערנען, אין דעם קליינעם שטעטל, פון וואַנען ער איז געקומען, אחוץ דעם, וואָס ער האָט גענאַשט פון זיין חבר איסאַק. דערפאַר, איז ביי אים טייער יעדעס וואָרט אירס. און ער זאַפּט עס איין אין זיך ווי אַ שוואָם. ער פילט, אַז זי ווערט אים, פון טאָג צו טאָג אַלץ נענטער, אַלץ ליבער, און אייגנגעבאַקענער אין האַרצן. קיין גרעסער פאַרגעניגן האָט ער נישט, ווי צו זיין מיט איר צוזאַמען. צומאָל דערשרעקט ער

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MANHATTAN RESERVE

זיך אליין פאר דעם דאָזיקן גערדאנק, פאר דעם פארלאנג זיינעם זי צו הערן לאכן, רעדן, אָדער זינגען. ער וויל פון זיך דעם געדאנק פאר־טרייבן, אָבער דאָס געלונגט אים נישט. דער געדאנק לאָזט אים נישט אָפּ, און עקבערט אים כסדר אין מוח.

אזוי זיצנדיק פארטיפט אין די געדאנקען, האָט ער נישט באמערקט אז ס״איז שוין צוגעפאלן דער שיינער קילער פרילינגס־אָוונט, מיט זיינע טויזנט לאָקנדיקע חנען. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, און זיך געלאָזט פאָרן אהיים.

אריינקומענדיק אין שטוב, האָט אים אסתר געפרעגט:

— וואָס עפּעס אזוי שפּעט? ווו ביסטו עס ערגעץ פארפאלן גע־וואָרן?

— מיין באַלעבאָס, האָט מיר היינט אָפּגעלאָזט פריער מיט א שעה צייט, האָט נחמן געענטפערט. נאָר אזוי ווי ס״איז נאָך געווען פרי אהיים צו קומען, בין איך דורכגייענדיק נעבן א שטאָט־גאָרטן, אריין אהין זיך אָפּרוען און איך האָב מיך דאָרטן א ביסל פארזעסן.

— אזוי, איינער אליין אין פארק, אָן מיר, גאנץ שיין פון דיין זייט, האָט אסתר געזאָגט מיט א פריינטלעכן שמייכל. אָבער זאָג מיר נאָר, מיין טייערער, מיט וואָס האָסטו עפּעס היינט אזוי נושׂא חן גע־ווען, ביי דיין באַלעבאָס, און פארוואָס פארא מעשׂים טובים, האָט ער דיך באפרייט פון דער ארבעט פריער מיט א שעה? און זי האָט אויף אים, אָנגעשטעלט אירע שיינע שווארצע פייערדיקע אויגן.

נישט נאָר מיט איין שעה, נאָר ער האָט מיך אינגאנצן באפרייט פון דער ארבעט, און געזאָגט אז ער קען זיך באגיין אָן מיר.

— וואָס הייסט? האָט אסתר געענטפערט און געפּאַקט מיט אירע דינע נאָזלעכער, דערפילנדיק אז ס׳איז עפּעס נישט גלאטיק.

נחמן האָט איר אלץ דערציילט.

— זאָג דו אליין, האָב איך נישט באדארפט דאָס דערציילן די ארבעטער, כדי ס׳זאָל זיין פאר זיי א וואָרנונג? איצט בין איך ווידער געבליבן אָן ארבעט, און דארף אָנהויבן פון דאָס ניי. אָבער אנדערש האָב איך נישט געקאָנט.

— אוודאי האָסטו געדארפט אזוי האנדלען, וועגן דעם איז אפילו גישטאָ וואָס צו רעדן. און נישט נאָר דו, נאָר יעדער באוווּסטזיניקער ארבעטער וואָלט אזוי געהאנדלט. מיר וועלן דאָס אלץ איבערגעבן אין סינדיקאט, ביי דער ערשטער זיצונג, און מיר וועלן זען וואָס פאר א

באשלוס דער קאָמיטעט וועט אָנגעמען. מיר וועלן אויך וועגן דעם פאַל מעלדן אין אונדזער צייטונג. און בנוגע דיין פארלירן דעם ארבעטסבלאַץ, זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. דאָס איז סיי ווי סיי נישט געווען קיין ארבעט פאר דיר. דו האָסט א פאך. וועסט קריגן ארבעט אין דיין פאך. איך האָב היינט גערעדט וועגן דיר מיט א חבר, א מעכאניקער, וואָס ארבעט אין א גרויסער פאבריק, אין דער פאבריק „וואלקאן". מאָנטיק אין דער פרי, זעקס א זייגער, וועסטו גיין אין דער פאבריק און פרעגן אויף אים, און ער וועט דיר שוין זאָגן וואָס דו האָסט צו טון.

נחמן, איז געשטאנען אן איבעראשטער, און ער האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל איר ענטפערן. מיט גרויס מי, האָט ער ארויסגעזאָגט א פאָר ווערטער, און איך געדאנקט פאר דעם אלעמען, וואָס זי טוט פאר אים.

— נישקשה, האָט אים אסתר געענטפערט, וואָלסט דיר דאָ געווען איינגעאָרדנעט אָן מיר אויך. ס'וואָלט דיר אפשר תחילת אָנגעקומען א ביסל שווערער. מיך פרייט וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט דיר ארויס צו העלפן. איצט, גלויב איך, וועסטו געפונען דעם ריכטיקן פלאַץ. דער חבר וועט דיר, אויף ווי ווייט מעגלעך, ארויסהעלפן, ביז דו וועסט שטיין אויף אייגענע פיס. מיר וועלן נאָך מאָרגן רעדן וועגן דעם. איצט בין איך פארגעסן. מיר גרייטן זיך פייערן דעם ערשטן מיי.

— יאָ, איך ווארט אויך אויף דעם דאָזיקן יום־טוב. ווייל א חוץ דער בראָשור וועגן דעם ערשטן מיי, וואָס מיין חבר איסאַק האָט מיר אמאָל געגעבן, צו לייענען, האָב איך אויך געלייענט מאקסים גאָרקים ראָמאן „די מוטער", און איך קען ביז היינטיקן טאָג נישט פארגעסן דעם רושם, וואָס דאָס דאָזיקע ווערק האָט אויף מיר געמאכט. איבערהויפט דאָס קאפיטל, וואָס שילדערט די דעמאָנסטראציע פונעם ערשטן מיי. וויפל שיינקייט, וויפל באגייסטערונג ס'איז פאראן אין אזעלכע העלדן ווי פאוועל וולאסאָוו, די מוטער, וועלכע זענען געווען פשוטע ארבעטער און וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאר דער אידיי פאר וועלכער זיי האָבן געקעמפט.

נחמן, האָט גערעדט פונעם הארץ, און זיינע אויגן האָבן געשטראלט פון באגייסטערונג.

אסתר, איז געשטאנען און אויסגעהערט נחמנס רייד, און זי האָט דערפילט אין איר הארצן, א ווארעמקייט צו דעם דאָזיקן בחור, וואָס האָט זי פאראינטערעסירט פונעם ערשטן טאָג, ווען זי האָט אים דערזען. זי איז געווען זיכער, אז מיט דער צייט, וועט אָט דער שעמעוודיקער פראָווינציעלער בחור, געפונען זיין קעמפערישן וועג, אויף וועלכן ער דארף גיין.

רעדאַקטאָר: מאיר ריספּלער
טעכנישער רעדאַקטאָר: מינא קאַנטעמיר

דערשינען 1969· הויך-דרוק פּאַפּיר, טיפּ. א. 63 גראַם אויף קוו. מעטער, פֿאָרמאַט 540×16/840. פֿאַרלאַגס בויגן 876. דרוק בויגן 9. נומער 112 1969/10. פֿאַר קליינע ביבליאָטעקן 89/94. דער דרוק איז אויסגעפֿירט געוואָרן לויט דער באַשטעלונג נומער 1549.

די פּאָליגראַפֿיע „13 דעצעמבער 1918“
גאַס-גריגאָרע אַלעקסאַנדרעסקו, נר. 89-91.
בוקאַרעשט
סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע.

אינהאַלט

	זייט
יעקב פּסאַנטיר	5
וועלוול זבאַרזשער	21
י. י. לינעצקי	27
ראָנעטי ראָמאַן	34
נייע אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן	57
אַנסקי-פייערונג	72
אליעזר שטיינבארג	77
מאָרע זשוראַיקאָ	80
דער אויבער-ראַבינער	87
יידיש געזען פון אנדערע דיכטער	91
דער משל ביי יידן	122
ראַנגלענישן	165